STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09579

HEFTLING NUMER 94771

Paula Frankel-Zaltzman

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פעסיע פריינקל-זאַלצמאַן

★

העפטלינג נומער 94771

איבערלעבענישן אין דייטשע לאַגערן

לאַטוויע: דווינסק, ריגע, קייזערוואַלד.

דייטשלאַנד: שטוטהאָף, טאָרון, בראָמבערג.

22סטן יוני 1941 — 25סטן יאַנואַר 1945.

★

שפּראַכלעך רעדאַגירט: מ. מ. שאַפיר

אַרויסגעגעבן פון אַ קאָמיטעט אין מאָנטרעאל, 1949.

די גאַנצע הכנסה פון בוך איז באַשטימט פאַר דער הילפס-אַרבעט
פון לעטישע לאַנדסמאַנשאַפטן

פון דער שרייבערן פון בוך:

איך האב זיך באפרייט: פרייהייט ווי אומפארהאפט דו ביזט געקומען גראד דאן, ווען דער טויט איז געוועזן אזוי נאענט! ווייסט איר וואס פרייהייט מיינט נאך אזויפיל ליידן און זיין געגרייט יעדע מינוט צום לעצטן וועג? ווער קען דאס באשרייבן די ערשטע געפילן פון באפרייאונג! דער וואס האט מיטגעמאכט אט דאס אלץ — נאר דער קען דורכאויס פארשטיין דאסווארט: פרייהייט. נאך די ערשטע אויפרעגונגען האט מען געזען, אז די אויסגעבענקטע פרייהייט פאדערט נאך ווייטערדיקע אנשטרענגונגען און איך האב מיך געלאזן שווארצן די גרעניץ כדי צו דערגרייכן מיין לעצטן ציל: צוקומען צו מיינע נאענטסטע אויף יענער זייט ים, ווייל בלייבן אויף דער פארבלוטיקטער ערד, וו איך האב אזויפיל געליטן, האב איך מער נישט געקענט. נאך לאנגער מי און אסך שרעק בין איך געקומען קיין דייטשלאנד, מינכען, און דאן זיך באזעצט אין דעם לאגער פערנוואלד. און דא — בין איך ערשט ערנסט קראנק געווארן. דאס זענען געווען די נאכווייענישן פון דעם „גוטן לעבן" אין די קאצעטן. מיין פארצווייפלונג, אז איך וועל נישט זוכה זיין צו דערציילן אלץ, וואס איך אליין האב מיטגעמאכט און וואס מען האט געמאכט מיט מיינע געליבטע עלטערן, שוועסטער, ברידער און מיין געליבטן מאן — האט מיך שטארק געמאטערט. און אזוי בין איך געקומען צו דער אידעע אלץ צו באשרייבן פינקטלעך, אז עס זאל כאטש א זכר בלייבן. נאך א לאנגער קראנקייט אין שפיטאל האב איך, אזוי גיך עס איז מיר אביסל בעסער געווארן, פלוצלונג אנגעהויבן צו שרייבן, שרייבן, שרייבן . . . אלעס איז ווידער געווארן אזוי נאענט, אזוי טייער דעם הארצן און אין דער זעלבער צייט אזוי ביטער. און איידער איך האב פארלאזן דאס בלוטיקע לאנד און אויסגעוואנדערט צו מיין שוועסטער אין קאנאדע זענען די זכרונות פארטיק געווארן. א יידישער שרייבער אין מאנטרעאל, וואס האט מיינע זכרונות געלעזן, האט מיר צוגעגעבן מוט זיי ארויסצוגעבן אין א בוך, צוגענגלעך פאר אלעמען, כאטש געשריבן האב איך זיי בעיקר פאר דער נאענטער משפחה.

איך דריק אויס א דאנק די פערזאנען, וואס האבן צוגעהאלפן ביי דער אויסגאבע פון דעם בוך: מרס. שרה פעלעץ, פרעזידענטין פון דער לעידיס־אוקזילערי „לאטוו־ען מיוטשואל עיד אסאסיעישן", מאנטרעאל; מר. מאקס אדעלמאן, פרעזידענט פון „לאטוו־ען מיוטשואל עיד אסאסיעישן": מר. לואי גארדאן, קאסירער; מרס. אלים גארדאן, מרס. דזשעני ווילטזער, פינאנץ־סעקרעטארין; מר. זרח שעשקין, רעקארדינג־סעקרעטאר; מרס. מאלי אספעל, רעקארדינג־סעקרעטארין; און אויך אלע מיטגלידער פון דער דערמאנטער געזעלשאפט.

פעסיע פריינקל־זאלצמאן

מאנטרעאל, דעם 21טן יוני, 1949.

Paula Frankel-Zaltzman

"HAFTLING (PRISONER) No. 94771"

Memoirs of Nazi Concentration Camps

Printed in Canada

אַן אַריינפירוואָרט

פון איין זייט איז די גאַנצע יידישע ליטעראַטור אין דער איצטיקער צייט אַרומגעכאַפּט מיט דעם הייליקן יידישן ווילן צו פּאַראייביקן אין וואָרט די מאָראַלישע און די פיזישע פּייניקונגען, וואָס אונדזער פאָלק האָט דורכגעמאַכט אין די יאָרן 1933—1945, די יאָרן פון דער היטלער־פּעסט איבער דער וועלט. פון דער אַנדערער זייט איז די גאַנצע יידישע ליטעראַטור פאַרנומען מיט דעם פּראָבלעם צו געפינען איבערמענטשלעכע ליטעראַרישע פאָרמען פאַר די איבערמענטשלעכע ליידן. זיכער איז עס, אַז ביז איצט איז עס נישט געלונגען. צי וועט עס, צי קען עס ווען עס איז געלינגען — דאָס וועט ווייזן די צוקונפט די יידישע ליטעראַטור איז שולדיק אַ פּאָזיציון ענטפער, אי דעם אייגענעם פאָלק און אי דער מענטשהייט.

דערווייל אָבער דאַרף מען כסדר אָן אָן איבעריים טראָגן די ציגל און דאָס ליים און דאָס אייזן און דאָס האָלץ צו יענעם מעכטיקן בנין. און אָט דאָס דאָזיקע אויפריכטיקע און ערלעכע און דורכאויס אמתדיקע בוך איז אַ טייל פון יענע געהייליקטע מאַטעריאַלן פון וועלכע עס וועט געבויט ווערן אַמאָל יענער גרויסער קינסטלערישער: איך באַשולדיק! — נישט נאָר די נאַציס, נאָר די גאַנצע מענטשהייט. און נישט אויף נקמה צו נעמען מיט וואָרט, נאָר כדי אויסצובעסערן די וועלט, אַז עס זאָל שוין טאַקע קיינמאָל נישט אויפשטיין מער אַ פאָלק קעגן אַ פאָלק . .

דורך דער ביבליאָטעקערין פון דער יידישער פאָלקס־ביבליאָטעק אין מאָנטרעאָל, רחל אייזענבערג, וואָס האָט זיך באַפריינדעט מיט דער פּליטה פּעסיע זאַלצמאַן, געב. פריינקל בין איך געוואָר געוואָרן, אַז די דערמאָנטע האָט פאַרשריבן אירע זכרונות פון דער נאַצי־צייט. לויט אַ ביטע האָט פּעסיע זאַלצמאַן איינגעוויליקט די זכרונות, געדיכט פאַרצייכנט אויף אַ פּאָר צענדלינק בלעטער מיט אַ לאַטיינישער שרייבמאַשינקע (מחמת קיין יידישע איז אין לאַגער נישט געווען), איבערצולעזן פאַר פריינט. צוגעשמידטע מיט דער פּשטות און אויטענטישקייט פון דעם דערציילטן האָבן מיר די זכרונות אויסגעהערט אין פאַרלויף פון עטלעכע ווינטער־אָוונטן. עס איז קלאָר געוואָרן: דווקא ווייל זיי זענען נישט געדאַכט אַלס בוך און זענען געשריבן געוואָרן נאָר פאַר דער משפּחה — זענען זיי ראוי זוכה צו זיין צו די טאָוולען פון אַ בוך. וואָלט פּעסיע זאַלצמאַן אירע זכרונות געשריבן פאַר דער וועלט, וואָלט זי זיכער נישט אַזוי מאריך געווען מיט דער געשיכטע וועגן איר טראַגישן פאָטער, און גראָד אָט די געשיכטע — וואָס קען און וועט אַמאָל זיין אַ טעמע פאַר אַ שרייבער אין דער מאָס פון אַ טאָלסטאָי — מאַכט דאָס בוך אַזוי אַנדערש פון די טויזנטער אַזעלכע ביכער, וואָס זענען שוין ביז איצט געשריבן געוואָרן.

אַז עס איז אמת, אַז יעדער נאַצי האָט אַנדערש געפּייניקט און יעדער ייד האָט אַנדערש געליטן — דאָס קענט איר זיך איבערצייגן פון דעם בוך. און דעריבער וועלן אָט די ווערק קיינמאָל נישט זיין אויסגעשעפּט און געענוג — כל זמן עס וועט דער שוין היפּש הויכער באַרג פון די דאָזיקע ביכער נישט זיין אַזוי הימל־הויך ווי עס איז דער צום הימל שרייענדיקער באַרג אַש פון די זעקס מיליאָנען אומשולדיקע

קרבנות, אין וועלכן עס געפינט זיך אויך דאָס אַש פון די נאָענטסטע פון דער שרייבערין פון דעם ווערק.

דאָס בוך וואָלט אפשר נישט צושטאַנדגעקומען — מוז איך צוגעבן ביים סוף — אויב נישט דער טאַלענטפולער יונגער דיכטער, מ. מ. שאַפיר, וואָס האָט זיך אונטערגענומען עס איבערצושרייבן פון דעם, מיט אַ לאַטייניש|ער מאַשינקע פאַרפאַסטן כתב יד, און עס אַזוי קונציק שפּראַכלעך צו רעדאַגירן, אַז דער אויטענטישער סטיל פון פּעסיע זאַלצמאַן זאָל נישט פאַרפאַלן ווערן און אויך דאָס ליטעראַרישע יידיש לשון זאָל נישט ליידן. די בלעטער זענען דאָך פאַרפאַסט געוואָרן נישט אויף צו זיין ליטעראַטור, נאָר אויף אָפּצופרעגן זיך פון האַרצן און אויף צו זיין נאָך איין שטים אין דעם יידישן כאָר וואָס באַשולדיקט די וועלט פאַר די ליידן פון דעם יידישן פאָלק.

מאָנטרעאַל, יוני, 1949.

מלך ראַוויטש

דרוק־גרייזן צו פאַרריכטן פאַרן לייענען:

אויף זייט 11 דאַרף מען די שורה 6 (פון אויבן) לייענען פאַר דער שורה 5.

אויף זייט 41 דאַרף מען די שורה 6 (פון אונטן) לייענען פאַר דער שורה 5.

אויף זייט 108 פעלן נאָך דער שורה 5 (פון אונטן) צוויי שורות. דאָרט דאַרף זיך אַזוי לייענען: „דעם פינצטערן ניינטן נאָוועמבער האָט זי אריינגענומען איר מוטער און איר שוועסטער צו זיך אין בעט אריין און זיי געראַטעוועט פון טויט. אָבער דעם ערשטן מאַי 1942 האָט מען איר דערשאָסן אי די מוטער און אי די שוועסטער."

אויף זייט 148 דאַרף זיך די שורה 5 (פון אויבן) לייענען אַזוי: „אָפּגעזאָגטע, אָבער יעדע יידישע נשמה איז מיר געווען טייער. די נאַכט" א.אז.וו.



מיין נומער אין שטוטהאפער לאַגער. דער נומער איז 94771.

פעסיע פריינקל־זאַלצמאַן

מיין פאָטער יוסף פריינקל

פון רעכטס צו לינקס: מיין שוועסטער שפרה אומגעקומען — אומבאַ־קאַנט ווען; מיין ברודער שאול, לעבט איצט אין ירושלים, פעסיע זאַלצמאַן, מיין ברודער אברהם, אומגעקומען אין דווינסק אין יולי 1941, מיין מאַמע, אומגעקומען אין דווינסק, 25 טעג אין אב 1941, מיין פאָטער, געשטאָרבן אין געטאָ 6 טעג אין אדר 1942 (דאָס בילד איז גענומען געוואָרן אין 1934).

מיין ברודער משה פריינקל מיט זיין משפּחה. אַלע אומגעקומען אין יולי 1941 אין דווינסק.



מיין ברודער אהרן אשר פריינקל מיט זיין טעכטערל. דער ברודער אומגע־קומען אין 1944 אין אויגוסט, זיין פאמיליע אומגעקומען אין דער גרוי־סער אקציע אין ריגע, דעם 8טן דע־צעמבער 1941 .

אין פערנוואלדער קראַנקענהויז מיט באַפרייטע פון די
לאַגערן. דאָס בילד איז גענומען אין דעצעמבער 1945.
די צווייטע פון רעכטס איז די שרייבערין פון דער בוך.

די גרויסע שול אין דווינסק אויף פּעטראָגראַדער
גאַס. פאַרברענט דורך די נאַציס אין די לעטן
דעם 6טן יולי 1941.



די דאמבע אין דווינסק, וואס האט פארבונדן די שטאט מיט גריוואַ, ווו עס איז געווען, הינטערן בריק, די געטאָ.

[illegible]

די ריגער גאַס אין דווינסק. לינקס איז געווען דער מאַרק־פּלאַץ ווו מען האט דעם 29טן יוני 1941 פאַר־זאַמלט אַלע יידישע מענער ביז 65 יאָר און זיי אַוועק־געפירט צום אומברענגען. צווישן זיי זענען געווען מיינע ברידער און מיין מאַן.

[illegible]

העפטלינג נומער 94771

דאָס אומגליק הייבט זיך אָן

זונטיק, דעם 22־סטן יוני 1941, פּונקט 12 אַזייגער בייטאָג, האָט מען דורך דער ראַדיאָ געמאָלדן, אַז די דייטשן האָבן אַטאַקירט דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. אין יענעם מאָמענט, ווען מאָלאָטאָוו האָט דורך דער ראַדיאָ איבערגעגעבן די אומגעוויינטלעכע נייס, האָב איך זיך גראָד געפונען מיט מיין מאַן אין אַ רעסטאָראַן אויף מיטאָג. פון דער נייס זענען מיר אַלע געבליבן געפּלעפט. אַ שוידער האָט אונדז אַלעמען אַרומגענומען.

איך בין דעמאָלט געווען דריי יאָר נאָך דער חתונה, געהאַט אַ היים מיט אַלעם גוטן און געהאַט ביי מיין מאַן אַ גליקלעך לעבן. איך בין תיכף אַוועק צו מיינע עלטערן, ווייל כ׳האָב געוווּסט, אַז זיי זענען אַליין. פון אונדזער משפּחה, וואָס האָט געציילט אַכט קינדער, איז נאָר מיין יינגסטער ברודער, אַבראַשע, נאָכנישט געווען קיין חתונה־געהאַטער. אויפן וועג צו מיינע עלטערן האָב איך שוין געזען ווי פון דער לופטן שיסט מען און מע וואַרפט באָמבעס. די מענטשן אויף דער גאַס זענען זיך צעלאָפן; איך בין אַוועק צו מיינע עלטערן, מיין מאַן — צו אונדזער דירה. אהיימגעקומען, האָב איך דערציילט מיינע עלטערן וואָס דאָ טוט זיך, און אַזוי־ווי מיין פאָטער איז געווען אַ קראַנקער אַלטער מענטש, צוגעשמידט צום בעט, האָב איך אין די הייסע מינוטן באַשלאָסן, נישט איבערלאָזן מיינע עלטערן אַליין אין דער בהלה, כאָטש מיין מאַן האָט אויף מיר געוואַרט אין דער היים. כ׳האָב אפשר נישט ריכטיק געהאַנדלט אַקעגן מיין מאַן, אָבער אַז כ׳האָב אַ קוק געגעבן אויף מיין פאָטער, אין וואָס פאַרא מצב ער געפינט זיך, און אויף מיין אויסגעבלייכטער מוטער, וואָס וועט זיך קיין עצה נישט קענען געבן אין אַזוינע שרעקלעכע מאָמענטן — האָב איך געזען, אַז איך קען נישט אַנדערש. איך טאָר די עלטערן נישט פאַרלאָזן.

די נאַכט איז געווען אַ לאַנגע. פון שלאָפן איז קיין רייד נישט געווען. מיין ברודער אַבראַשע האָט ווייל געוווּסט, אַז ער וועט מוזן פאַרלאָזן די היים און אַוועק צום מיליטער, האָט ער אויך געהאַלט, אַז ס׳איז מיין פליכט צו בלייבן מיט די עלטערן. אַזוי האָט מען זיך אַ גאַנצע נאַכט געקלעמט אין איבערטראַכטענישן, וואָס סע קען נאָך ווערן; ביז ס׳איז סוף־כל־סוף געוואָרן טאָג.

מאָנטיק פאַרטאָג איז מיין מאַן געקומען צו לויפן אַ צעטראָגענער, אַ צעבראָכענער. כ׳האָב זיך פאַר אים פאַרענטפערט און כ׳האָב אים דערקלערט, פאַרוואָס איך בין דאָ געבליבן אויף איבער נאַכט. ער האָט מיך גוט פאַרשטאַנען און ער האָט מיר צוגעזאָגט בלייבן מיט די עלטערן אַ

גאַנצן טאָג, ביז איך וועל קומען פון מיין אַרבעט. כ׳האָב געמוזט גיין צו דער אַרבעט אוי אויספירן מיינע פליכטן, ווייל איך בין אין אַ שפּירט־פאַבריק געווען די בוכהאַלטערן און די קאַסירערן. בשעת איך בין אַזוי גע־גאַנגען צו דער אַרבעט איז פאָרגעקומען אַ לופט־אַטאַקע. אויף דער גאַס זענען געפאַלן קרבנות. איך בין קוים אַ לעבעדיקע געקומען צו דער אַרבעט. קוים זיך דערוואַרט, אַז דער טאָג זאָל זיך ענדיקן, בין איך תיכף צוריק־געלאָפן צו מיינע עלטערן. די נאַכט פון מאָנטיק אויף דינסטיק האָבן די דייטשן געהאַלטן אין איין באָמבאַרדירן. דעם דערשראָקענעם פאָטער האָבן מיר באַרואיקט, אַז דאָס זענען נאָר מאַנעווורעס פון די רוסישע עראָפּלאַנען.

מיין ברודער משה לאַכט מיך אויס . . .

דינסטיק, דעם 24־סטן, איז אויף דער ראַדיאָ געווען אַ באַפעל, אַז אַלע מיליטער־פעיקע מענער זאָלן זיך מעלדן צו מיליטער־דינסט. פון אַזאַ נייס איז מיר געוואָרן ביטער אויפן האַרץ: מיין מאַן און מיין ברודער האָבן געהערט צו דער דאָזיקער קאַטעגאָריע. זיי האָבן אונדז אָפּ־באַלד, הייסט עס, געמוזט פאַרלאָזן. מיין ברודער האָט זיך גענומען גרייטן אין וועג אַריין: ס׳ערשטע האָט ער געכאַפּט אַ בילד פון מיינע עלטערן און אַ בילד פון זיינער אַ נאָענטער חברטע, סאַראַ ריטעווסקאַ. דערנאָך בין איך אַוועק מיט מיין מאַן אין אונדזער דירה צוגרייטן דעם מיליטערישן וואַליז און די איבעריקע נויטיקע זאַכן. אויפן וועג האָב איך אים מיט אַ שמייכל געזאָגט, אַז ער וועט מסתמא זיין אַן אָפיציר און איך — אַ קראַנקן־שוועסטער . . . און כ׳האָב אים געטרייסט, אַז ער וועט נאָך מיט גאָטס הילף געזונט צוריקקומען און מיר וועלן נאָך זיין גליקלעך.

דאָס האַרץ האָט מיר געזאָגט, אַז עפּעס שלעכטס וועט פּאַסירן אין אונדזער לעבן. אַז מיר האָבן פאַרענדיקט איינפּאַקן די עטלעכע נייטיקע זאַכן, זענען מיר צוריקגעגאַנגען צו אונדזערע עלטערן. דאָרט האָבן אויף אונדז געוואַרט בריוו פון ריגע פון מיין שוועסטער שיפרה, אַז אויב מיין מאַן מיט מיין ברודער גייען אוועק צום מיליטער, זאָל איך למען־השם נישט לאָזן די עלטערן אַליין. דערווייל האָב איך געמוזט גיין אַרבעטן, ווייל מ׳האָט דערצו געצוואונגען. אויפן וועג האָב איך געטראָפן מיין ברודער משה און כ׳האָב אים געבעטן ער זאָל אונדזער פאָטער אַריבערטראָגן אין אַ קעלער, אָבער מיין ברודער האָט מיך אויסגעלאַכט און מיר געהייסן, כ׳זאָל נישט אַזוי ציטערן, ווייל די דייטשן צילעווען נאָר אין מיליטערישע אָביעקטן . . . אַז איך בין אַהיימגעקומען פון דער אַרבעט, האָב איך אַלע געטראָפן זייער דערשראָקענע, ווייל פון דער ליטע זענען אָנגעלאָפן זייער אַסך פּליטים, מע ווייסט נישט וואוהין צו לויפן און ס׳איז ביטער ווי גאַל.

העפטלינג נומער 94771

ס׳ברענט, ברידערלעך, ס׳ברענט . . .

מיטוואָך, דעם 25־סטן יוני. איך גיי ווידער צו דער אַרבעט און סע באַלייט מיך אַן עסקאַדרע פון עלף עראָפּלאַנען, וואָס האָבן אַן אויפהער באָמבאַרדירט און באַשאָסן די שטאָט. אַרום האָט אַלץ געברענט. ביינאַכט טער תיכף אַריבערטראָגן אין אַ קעלער און אַז מיר זאָלן שוין אַלע דאָרט נאָך דער אַרבעט בין איך אהיימגעלאָפן און געהייסן אַז מע זאָל דעם פּאַ־ איבערוואַרטן ביז סע וועט שטילער ווערן. אַז מיר האָבן דעם פּאָטער אַרויסגעטראָגן, האָבן מיר דערזען, אַז מיר זענען די איינציקע מענטשן אויף דער גאַס. דעם פּאָטער האָבן מיר געטראָגן אויף אַ מאַטראַץ. אין קעלער האָבן מיר געטראָפן אַסך באַקאַנטע. זיי האָבן אונדז זייער וואַרעם אויפגענומען און תיכף געמאַכט אַ פּלאַץ פאַרן פאָטער. די נאַכט איז גע־ ווען אַ שרעקלעכע. פון דרויסן האָבן זיך אָן אויפהער געהערט מוראַדיקע אויפרייסן, וואָס האָבן פאַרטויבט די אויערן און ווי דערלאַנגט אין האַרץ אַריין. מיר האָבן ממש געציטערט פון פּחד.

סוף־כל־סוף איז טאָג געוואָרן. דאָנערשטיק, דעם 26־סטן, 4 אַזייגער פאַרטאָג, האָב איך מיט מיין מאַן זיך אַרויסגעשאַרט אויף דער גאַס, געוואָר ווערן ווו סע האַלט ערגעץ . . . ס׳איז אונדז אַקעגנגעקומען אַ רוסישער פּאָלקאָווניק. ער האָט אונדז אפילו נישט געלאָזט ענדיקן אונדזער פראַגע און ער האָט אַ זאָג געטאָן:

— „ס׳איז שלעכט. לויפט, ווו די אויגן וועלן אייך טראָגן, אבי בלייבט נישט דאָ. היטלער האָט דאָך געזאָגט אויף דער ראַדיאָ, אַז ער וועט זיך מיט די יידן אָפּרעכענען.״

כ׳האָב איך געזאָגט, אַז כ׳האָב אַ קראַנקן פאָטער און אים איבערלאָזן אויף מיין מאַמעס הענט וויל איך נישט. מיין מאַן האָב איך צוגערעדט, אַז ער זאָל יאָ אַנטלויפן, אָבער ער האָט מיך געבעטן, איך זאָל מיט אים מיטלויפן.

— „ניין — האָב איך אים געזאָגט — דו גיי, און אַז דער קריג וועט זיך ענדיקן און אַז גאָט וועט וועלן, וועלן מיר זיך ווידער טרעפן און זיין גליקלעך. אָבער איך גיי נישט. איך קען די עלטערן נישט פאַרלאָזן.״

מיין מאַן האָט דערקענט אין מיינע רייד, אַז איך וועל מיין באַשלוס נישט בייטן, האָט ער מסכים געווען צו בלייבן מיט אונדז אינאיינעם, ווייל ער האָט נישט געוואָלט זיך מיט מיר צעשיידן. מיר זענען צוריק אַריין אין קעלער, מיין ברודער אַבראַשע איז געזעסן, דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט, פאַרצווייפלט, רעזיגנירט, און זיך געביסן די ליפּן. מ׳האָט געזען, אַז אים מאַטערט איין איינציק פּראָבלעם: אַנטלויפן? אָבער ווי לאָזט מען איבער אַזאַ קראַנקן פאָטער?

אינדרויסן איז דערווייל די שיסעריי געוואָרן אַזוי גרויס, אַז מ'האָט שוין מער אַפילו נישט געקענט טראַכטן פון אַנטלויפן. אין אַ פּאָר שעה אַרום איז אַביסל שטילער געוואָרן.

איך מיט מיין מאַן און אַבראַשע זענען אַרויס אויף דער גאַס אַ קוק געבן, וואָס סע הערט זיך.

מיר האָבן דערזען, אַז די דירה פון אונדזערע עלטערן ברענט און אַ דייטשער פּאַטרול וואַרפט האַנט־גראַנאַטן אין אַלע זייטן. איך בין געווען גליקלעך, וואָס די עלטערן זענען מיט אונדז אין קעלער, וואָס דאָס פייער וועט דערווייל אַהין, האָפן מיר, נישט צוקומען. אַביסל שפּעטער, אַז די מאַמע מיינע איז געוואָר געוואָרן, אַז אונדזער גאַנץ האָב און גוטס איז אַוועק מיטן רויך, איז זי געבליבן זיצן זייער אַ פאַרביטערטע: וואוהין וועט זי גיין, — דערצו האָט מיין מוטער זיך פון תמיד אָן געבעטן, אַז זי זאָל נישט דאַרפן אָנקומען צו קיין קינדער און אַז זי זאָלט שטאַרבן אויף איר אייגן בעט . . . אָבער דער ביטערער גורל האָט אַנדערש געוואָלט.

מיין מאַן האָט זי געטרייסט און איר געהייסן זיך נישט זאָרגן: מיר וועלן איניינעם לעבן אין אונדזער דירה — אויב זי שטייט נאָך אַ גאַנצע... און אויב זי איז שוין אויך נישטאָ, וועלן מיר זיך איניינעם איינאָרדענען ווו ס'וועט זיך לאָזן. אַזוי האָט זיך דער טאָג געענדיקט אין צרות און אין לייד.

דאָנערשטיק ביינאַכט האָט אַלץ אַרום אונדז אָנגעהויבן צו ברענען און דער רויך האָט אַריינגעשפּאַרט אין קעלער און אונדז גענומען שטיקן. לענגער בלייבן דאָ האָבן מיר נישט געקענט. מיר האָבן גענומען דעם פאָטער אויף אַ שטול און מיר זענען אַרויס פונעם קעלער. מיין מאַן און מיין ברודער אַבראַשע האָבן געטראָגן דעם פאָטער און איך בין געגאַנגען מיט דער מוטער. מיר האָבן נאָר מיטגענומען די נויטיקסטע זאַכן פאַרן פאָטער: דאָס בוטל און דאָס גומענע רעדל, אויף וועלכן ער פלעגט ליגן. אין דרויסן איז אַ פּחד. אַלץ אַרום ברענט, דער ווינט טראָגט ברענענדיקע שטיקער דאַך איבערן קאָפּ און וואוהין צו לויפן איז נישטאָ. אַז כ'האָב געזען ווי די שטאָט פלאַקערט אַזוי, איז מיר געקומען אויפן זינען אַז אַמאָל האָט פּאָמפּיי אַזוי געברענט . . .

מיר האָבן אין דער גיך באַשלאָסן זיך לאָזן אין דער ריכטונג פון דער ריגער גאַס, ווייל דאָרט האָבן מיר אַמאָל געוווינט און דאָרט האָט אויך געוווינט מיין ברודער משה מיט זיין משפּחה. מיר זענען דורכגעגאַנגען דעם אַלטן בולוואַר. מיין מאַן מיטן ברודער טראָגן דעם פאָטער און איך בין מיט דער דערשראָקענער מוטער. פּלוצים האָבן מיר זיי פאַרלוירן. ס'איז אונדז איינגעפאַלן, אַז מסתמא זענען זיי אַוועק צום ברודער. מיר

האבן זיך אויך געלאזט „גיין" אהין. אינעם שרעקלעכן טומל איז די גאנצע שטאט געלאפן, כאטש מ'האט נישט געוווסט וואהין ס'איז בעסער צו לויפן.

„זשיד . . . קאמוניסט . . ."

אז איך בין צוגעקומען צו מיין ברודערס דירה, בין איך ארויס אויפן הויף און כ'האב דערזען, ווי אין דער פוסטקייט דרייט זיך ארום אן אל־טיטשקע יידענע און האט נישט צו וועמען אווארט אויסצורעדן. ס'האט מיך א פארקלעם געטאן ביים הארץ אויף דער ארימער אלטיטשקער. אוי, האב איך צו זיך אליין געזאגט, די קינדער האבן זי נעבעך אוועקגעווארפן. אלע דירות זענען געשטאנען פוסטע, מיין ברודערס — אויך. כ'בין צוריק ארויס פונעם הויף. נאר אז איך האב דערזען, אז מיין מאמע איז נישטא, איז מיך באפאלן אן אומבאשרייבלעכע שרעק. כ'האב גענומען שרייען: מאמע!... מאמע!...

פלוצעם האב איך דערפילט, (ווייל זען איז געווען שווער), אז דארט ערגעץ מוז מיין מאמע ליגן . . . כ'בין צוגעלאפן און דערזען, ווי די מאמע ליגט אויף די שטיינער. דאס איז זי געפאלן פון דער שר־פה־היץ און פון גרוים שרעק, בשעת זי האט געווארט אויף מיר, פון דער פלאש, וואס זי האט נישט ארויסגעלאזט פון דער האנט, איז זי געווען צעקלאפט אויף עטלעכע ערטער. כ'האב זי או־פגעהויבן. וואהין גייט מען איצט? וווּ איז דער טאטע מיט מיין מאן מיט מיין ברודער?

— „לאמיר צוריקלויפן צום אלטן בולוואר" — האב איך א זאג גע־טאן, און מיר האבן גענומען לויפן.

פלוצעם — א ווילד געשריי: „האלט! שטעהען בלייבן! וויר שיסן!"

א דייטש, א באוואפנטער פון קאפ ביז פ ס, איז פאר אונדז אויס־געוואקסן. כ'האב זיך טאקע דערשראקן. נאר מ ר איז געלעגן דער טאטע אין זינען. כ'האב געפרעגט, צי מעג איך עפעס פרעגן. „יא" — האט ער געענטפערט.

— „פיליכט האבן זי איינע אלטן מאן געזען, אויף איינעם שטול, דאביי צוויי מענער?"

— „יא, זיי זיינען אין דער קירך" — האט ער אונדז אינפארמירט. מיר האבן זיך דערשראקן: וואס זאל דאס באטייטן? מיר האבן זיך גע־לאזט לויפן אהין. צוקומענדיק צו דער טיר פון דער קירך, האבן מיר דערזען, ווי מיין מאן און מיין ברודער גייען אונדז אנטקעגן. זיי האט מען דער־לויבט צו גיין אונדז זוכן. מיר האבן זיך אלע אוועקגעלייגט אויפן קויטיקן

דיל, וואָס איז נאָך דערצו געווען פאַרשאָטן מיט שטיקער גלאָז, קוים מיט צרות און מיט פּיין איז די נאַכט אַריבער. אַז ס'האָט אָנגעהויבן צו טאָגן, איז צו מיר צוגעגאַנגען אַ דייטש און שטיל אַ זאָג געטאָן: „פּיר זי איזט בעסער, ווען זי די קירכע פערלאָסן".

מיין מאַן מיט מיין ברודער האָבן ווידער גענומען מיין פּאָטער אויפן שטול, און איך — מיין דערשראָקענע מוטער, און מיר זענען פּאַמעלעך אַרויס פון דער קירך. די לײַטן האָבן אונדז נאָכגעשריגן: „זשיד! . . . קאָמוניסט! . . .

מיר האָבן זיך געלאָזט גיין צו אָן אונדזער דירה, אפשר איז דאָרט נישט אַלץ צעשטערט. פּלוצעם — ווידער אַן אַלאַרם און אַ שרעקלעכע שיסעריי, און דאָ טראָגן מיר דעם פּאָטער און צו דער דירה איז נאָך ווײַט. וואָס טוט מען? ווער וועט אונדז אַריינלאָזן? מיר האָבן שוין געפילט, אַז די לײַטישע באַפעלקערונג האַסט אונדז און זי וואַרט נאָר, מע זאָל איר דערלויבן, וועט זי זיך אויף אונדז וואַרפן ווי די חיות. אויף יעדן שריט און טריט האָבן מיר נאָר געהערט: זשיד!... קאָמוניסט!..."

„פאַרוואָס זינגט איר נישט ,קאַטיושאַ'? אוים ,קאַטיושאַ' — האָ?

ווײַטער טראָגן דער שטול מיטן פּאָטער האָבן מיר אין אַזאַ סומאַטאָכע נישט געקענט. מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין מיטן דער גאַס. אַ סוף, וויאַזוי גאָט וועט וועלן, אַזוי וועט זיין. ווי מיר שטייען אַזוי, גיט עמיצער אַן עפן אַ טיר און רופט אונדז אַריין אין אַ קעלער. מיר האָבן זיך שטאַרק דערפרייט. אין קעלער האָבן מיר געטראָפן אַ סך באַקאַנטע אונדזערע. זיי האָבן תיכף געמאַכט פּלאַץ אויפן דיל פאַר מיין פּאָטער, כאָטש ס'איז ענג געווען. מיין מאַמע האָט זיך אַ פאַרמאַטערטע אויך צוגעזעצט לעבן מיין פּאָטער. אָבער איך מיט מיין מאַן מיט מיין ברודער האָבן באַשלאָסן זיך אַריינצוגנבענען צו אונדז אין דער דירה. זי איז גראָד נישט געווען ווייט פונעם קעלער. מיין מאַן מיט מיין ברודער האָבן זיך דערשלעפּט צו אונדזער דירה, קריכנדיק אויף די קני, און זיי האָבן פון דאָרט געבראַכט אַ פּאָר שטיקלעך פאַרדאַרט ברויט און אַ פּאָר שטיקלעך צוקער. זיי האָבן אויך געבראַכט אַ שפּירט-מאַשינדל, אַ פּרימוס, צו דערוואַרעמען אַ ביסל וואַסער פאַר מיין פּאָטער. דער טאָג איז ווי-ס'ניט-איז אַריבער. מיר האָבן געוווּסט, אַז מיר זענען פאַרפאַלענע. די רוסן זענען נאָך געווען זייער ווייט און די דייטשן האָבן שוין געוויזן וואָס זיי קענען. אינעם פאַרמאַכטן קעלער זענען אַריין קלאַנגען אַז די דייטשן מיט זייערע גוטע פריינט, די לײַטן, הייבן שוין אָן צו „אַרבעטן" אין שטאָט: מע ברענט הייזער און מע שלאָגט יידן.

מיר זענען געזעסן אין איין שרעק: וואָס טוט מען, אז די גזלנים וועלן חלילה אריין צו אונדז אין קעלער? וואָס טוט מען דעמאָלט מיט אונדזערע עלטערן?

די נאַכט איז צוגעפאַלן. מיט אונדז אין קעלער זענען אויך געווען לעטן. זיי האָבן זיך אָנגעהויבן צו שושקען צווישן זיך. מיר האָבן גענומען ציטערן, ווייל מיר האָבן געוווסט וואָס דאָס שושקען זיך באַטייט. מיר האָבן דערפאַר באַשלאָסן, אז מיין מאַן מיט מיין ברודער זאָלן ווידער צוקריכן צו אונדזער דירה, און אויב ס'איז דאָרטן דאָ וווּ זיך צו באַהאַלטן, זאָלן מיר אַלע זיך אַהין אַריבערקלייבן און שוין דאָרטן וואַרטן אויף אונדזער גורל.

זייער אַרויסגיין פונעם קעלער האָט אַלעמען דערשראָקן, ווייל זיך ווייזן אויף דער גאַס נאָך אַכט אזייגער האָט געשמעקט מיט טויט־שטראָף.

אין אַ האַלבער שעה ארום זענען זיי צוריקגעקומען און מיר האָבן אין איילעניש גענומען צוגרייטן דעם פאָטער אין וועג אריין. די מאַמע האָבן מיר דערווייל געלאָזט אין קעלער. בשעת מעשה האָט אַלץ ארום געברענט און דער רויך איז דורך אַלע שפּאַלטן אריין אין קעלער. אז מיר האָבן צוגעבראַכט דעם פאָטער צו אונדזער דירה, האָט פּלוצעם דערלאַנגט אזא שאָס, אז איך בין געווען זיכער, אז מיין פאָטער האָט דערביי געלאָזט די נשמה. אין דער פינצטער האָבן מיר אים אַריינגעטראָגן, אַוועקגעלייגט אויף אַ סאָפע און אים אָנגעהויבן אַרומטאַפּן, צי ער לעבט נאָך. דערנאָך איז מיין מאַן מיט מיין ברודער אַוועק נאָך מיין מאַמען. ס'האָט אַביסל געדויערט. סוף־כל־סוף זענען זיי געקומען און מיט זיך געבראַכט די מאַמע. זי האָט אזש געפלאַטערט פון שרעק, און נאָך צוויי באַקאַנטע אונדזערע: ביינוש גיטלמאַן מיט זיין פרוי.

ס'ערשטע איז מיין מאַמע צוגעלאָפן צום טאַטן, זען צי ער לעבט נאָך. דערנאָך האָט זי אונדז גענומען דערציילן, וואָס זי האָט איבערגעלעבט איינע אליין אין קעלער, נאָכדעם ווי מיר זענען אוועק. אז מיר האָבן אַרויסגעטראָגן דעם טאַטן, זאָגט זי, איז ניט ווייט פונעם קעלער געפאַלן אַ באָמבע, האָבן די לעטן געזאָגט, אז די באָמבע האָט זיכער געטראָפן אָט־דעם אַלטן מאַן... מיין מוטערס פרייד איז געווען אומבאַשרייבלעך, ווען זי האָט געהערט, אז דער טאַטע אָטעמט.

אַ גאַנצע נאַכט פון פרייטיק אויף שבת האָבן מיר זיך צוגעהערט ווי די באָמבעס רייסן אויף. אָבער מיר זענען געווען „גליקלעך", וואָס מיר זענען ניִשט איניינעם מיט די רוצחים. כ'האָב געדאַנקט מיין מאַן פאַר זיין האַרציקער באַציונג צו מיינע עלטערן. גראָד דעמאָלט זענען מיר

געלעגן באַהאַלטן אונטער אַ טיש. מיין מאַן איז געווען גליקלעך, וואָס איך דאַנק אים. כ׳האָב אים קיינמאָל נישט אַרויסגעוויזן קיין צופיל ליב־שאַפט, צוליב די צרות וואָס כ׳האָב געהאַט מיט מיינע עלטערן. — און ער פלעגט זיך שטענדיק אין אַ געלעכטער באַקלאָגן פאַר מיין מאַמען, אַז סע דאַכט זיך אים, אַז כ׳האָב אים נישט ליב.

„פון היינט אָן וועל איך דיך מערער ליב האָבן" — האָב איך אים צוגעזאָגט.

פונעם זוויגען דעם שווערן שטול מיטן טאַטן זענען ביי מיין מאַן און ביי מיין ברודער די פיס געווען צעהאַקט. נאָר זיי האָבן אַלץ אָנגענו־מען פאַר ליב.

פלוצעם — דאָס איז שוין געווען שבת — זענען אַריין צוויי דייטשן און גענומען שרייען, אַז מיר זענען קאָמוניסטן און דערפאַר באַהאַלטן מיר זיך — און זיי האָבן אונדז געוואָלט פאַרנעמען. מיר האָבן זיך אָנגע־הויבן ביי זיי בעטן, נאָר ס׳האָט נישט געהאָלפן. אַ גליק די וועכטערן איז אַריין און זיי פאַרזיכערט, אַז מיר זענען נישט קיין קאָמוניסטן — זענען זיי אַוועק. די נאַכט פון שבת אויף זונטיק האָט זיך אונדז גע־האַלטן אין איין אויסווייזן, אַז מע גייט אונדז שוין ווידער פאַרנעמען . . .

דער פינצטערער זונטיק, דעם 29־סטן יוני 1941. מע נעמט צו די מענער.

זונטיק, דעם 29־סטן, גאַנץ פרי, איז אַריין די וועכטערן און אונדז אָנגעזאָגט, אַז ס׳איז דאָ אַ באַפעל, אַז אַלע יידן ביז זעכציק יאָר מוזן זיך תיכף צוזאַמענקלייבן אויפן מאַרק־פּלאַץ. די וואָס וועלן עובר זיין דעם באַפעל, וועט מען דערשיסן. ס׳איז אונדז אַלעמען געוואָרן פינצטער אין די אויגן. מיין ברודער אַבראַשע מיט מיין מאַן האָבן זיך געזעגנט מיט טאַטע־מאַמע און זענען אַרויס פון דער שטוב. איך האָב זיי באַגלייט. זיי האָבן מיט זיך נישט מיטגענומען גאָרנישט, פּשוט ווייל אין הויז איז נישט געווען גאָרנישט און קויפן האָט מען נישט געקענט, ווייל די לעצטן האָבן אונדז שוין נישט געוואָלט גאָרנישט פאַרקויפן.

מיר האָבן יאָ געהאַט אָנגעגרייט שפּייז, אַ־דאָס אַסך שפּייז, אָבער נישט פאַר זיך, נאָר פאַר אונדזערע עלטערן, אין זייער דירה. ס׳איז געווען זומער, האָבן מיר אָנגעפּאַקט אַ פולן אויוון מיט כלערליי קאָנסערווירטע

פישז, פליישז א. א. נ., איז דאס גאנצע הויז פאררעגט געווארן.

אז מיר זענען צוגעקומען צום מארק־פלאץ, איז ער שוין געווען פול מיט יידן. מיין ברודער משה מיט זיין משפחה אין שוין אויך דארט געווען. דאס הארץ האט מיר געזאגט, אז זיי וועלן שוין קיינער נישט צוריקקומען.

„גיי געזעגן זיך מיט די עלטערן" — האב איך געבעטן מיין ברודער משה, אבער ער איז געווען אזוי פארביטערט, אז ער האט נישט געוואלט און נישט געקענט גיין. איך בין אלעמאל אהיימגעלאפן א קוק טאן, וואס די עלטערן טוען, און בין תיכף צוריק צום מארק־פלאץ. אזוי א גאנצן טאג. די יידן זענען געשטאנען פינצטערע און געווארט אויף זייער גורל. מ'האט אזוי געווארט אין אנגסטן א גאנצן טאג. פינף א זייגער פארנאכט האט מען דערהערט קולות, באפעלן. מ'האט די יידן אויסגעשטעלט צו פינף אין א ריי און מ'האט געהייסן מארשירן — צום טאקט — צו דער צענטראל־תפיסה. דארט אויפן הויף, האט מען זיי גענומען פייניקן. נאך א פאר שעה פייניקן האט מען זיי אריינגעווארפן אין די פינצטערע תפיסה־קאמערן, הונגעריקע און צעקיילטע. איצט האבן זיי נעבעך שוין געפילט, וואס די דייטשן קענען.

איך בין א פארוויינטע אוועק אהיים. כ'האב ביי זיך אפגעמאכט, נישט דערציילן די עלטערן, וואס כ'האב זיך היינט אנגעזען. וואס מער כ'האב פון זיי געקענט באהאלטן, האב איך באהאלטן. כ'בין א גאנצע נאכט נישט געשלאפן. קוים דערלעבט דעם פרימארגן, בין איך ארויס אויף דער גאס געוואר ווערן, וואס טוען אונדזערע טייערע. ווי איך גיי אזוי, דערזע איך פלוצעם א גרופע מענער פון דער ווייט. כ'האב מיך צו זיי א לאז געטאן. צווישן די פארפינצטערטע פנימער האב איך קיינעם נישט דערקענט. נאר אז איך בין צוגעגאנגען גאר נאענט האב איך דער־פילט — מער ווי דערקענט — מיין מאן. ער איז געווען אזוי פארפינצ־טערט און פארקוויטיקט, אז כ'האב מיך פאר אים דערשראקן. אים איז אוודאי געווען ביטערער פון מיר.

איך בין זיי נאכגעגאנגען, כאטש די לעטן האבן געשלאגן מיט נאַ־גאַיקעס, אויב מ'האט עפעס געוואלט דערלאנגען די פארפייניקטע. מ'האט זיך אפגעשטעלט דווקא נישט ווייט פון אונדזער דירה. כ'האב אין דער גיך ארויסגעטראגן א פלאש טיי, און כ'האב זי אונטער קלעפ פון א לע־טישן באנדיט דערלאנגט מיין מאן. נאר א פלאש טיי. קיין ברויט איז נישט געווען.

יענע פינצטערע געשטאלט פון מיין מאן באלייט מיך איבעראל.

אַ פּאָר טעג שפּעטער איז מיר עמיצער געקומען זאָגן, אַז מ׳האָט געזען מיין ברודער אַבראַשע ערגעץ שטיין און אַרבעטן. כ׳בין תיכּף אַוועק אַהין. מיט גרויס מי און מורא האָב איך אים דערלאַנגט אַן אונטערקע. זיין אויסזען האָט ביי מיר צוגענומען אַ שטיק האַרץ. ער איז געווען אַזוי פאַרצווייפלט, אַז ער האָט אַפילו נישט געוואָלט אַ קוק געבן צו דער אונטערקע. אַ פּאָר טעג נאָך שפּעטער האָב איך איינמאָל באַמערקט, ווי איינער שטייט אַ פאַרפינצטערטער, אַ פאַרבלאָטיקטער און אַרבעט ביי אַ קופּע מיסט. כ׳האָב דורך אים געוואָלט אַפּנעמען אַ גערוס פון מיינע נאָענטע, בין איך אומבאַמערקט צוגעלאָפן צו אים און — כ׳האָב אין דער אָפּגעריסענער געשטאַלט דערקענט מיין עלטערן ברודער משה. ער האָט זיך מיט מיר דערפרייט.

— „מיר איז נאָך גוט" — האָט ער געזאָגט מיט אַ ביטערן שמייכל — „איך באַקום נאָך דער אַרבעט אַ ביסל וואַסערדיקע זופּ, אַנדערע איז נאָך ערגער."

מ׳האָט מיך פון אים אַוועקגעטריבן. כ׳בין אַוועק צו זיין פרוי און צו די קינדער און כ׳האָב זיי אָנגעזאָגט וווּ ער אַרבעט — האָבן זיי אים עפּעס אַוועקגעטראָגן.

מיין מאַמעס דרייסטקייט

מיינע עלטערן האָבן יעדן טאָג געוואַרט אויף די קינדער, אָבער מ׳האָט קיינעם נישט אַהיימגעלאָזט נאָך דער אַרבעט עפּעס איבערכאַפּן אָדער איבערבייטן די וועש. די עלטערן האָב איך געהאַלטן אין איין טרייסטן, אַז אָט־אָט וועט מען אָלעמען באַפרייען. מיין מאַמע האָט זיך אָבער נישט געקענט בארויקן. זי איז אַוועק צום קאָמענדאַנט פון דער שטאָט, אַ דייטשער רוצח, און אים געבעטן רחמים, ער זאָל באַפרייען אירע קינדער כאָטש אויף אַ פּאָר שעה. דער דייטש האָט זי אויפגענומען זייער העפלעך און האָט איר צוגעזאָגט, אַז אַזוי גיך ווי די יידן וועלן די שטאָט זויבער מאַכן, וועלן די קינדער אַהיימקומען.

דער מאַמען איז דערפון אַ ביסל גרינגער געוואָרן. זי האָט גענומען האָפן, אַז אָט דער גזלן וועט טאַקע באַפרייען אירע קינדער פון דער שווערער אַרבעט. אָבער ער האָט זיי באַפרייט פונעם — לעבן. מער האָבן מיר זיי שוין פאַר די אויגן נישט געזען.

דערוויילע האָבן די דייטשן פאַרנומען די דירה וואָס איבער אונדז און איך האָב אָנגעהויבן צו וואַשן פאַר זיי וועש. פאַר דער אַרבעט האָבן זיי מיר באַצאָלט מיט פאַרדאַרטע שטיקלעך ברויט.

— „איצט וועל איך האבן ברויט פאר אונדזערע מענער" — האב איך צו זיך אליין געזאגט. אבער סע קען זיין, אז פונקט דעמאלט, ווען איך בין געשטאנען און מיט די לעצטע כוחות געוואשן די דייטשע פארלייזיקטע וועש — פונקט דעמאלט האט מען דערשאסן מיין מאן און מיין ברודער.

די טעג האבן זיך דערווייל געטאן זייערס — זיי זיינען געגאנגען. איך פלעג זיך אנטאן נישט ווי קיין יידישקע, נאר מיט א טיכל אויפן קאפ און מיט א קיישל אין די הענט און איך פלעג זיך שטעלן אין די רייען און פרווון קויפן ביי די לעטן א שטיקל ברויט. קיין יידן האבן זיי קיין ברויט נישט געוואלט פארקויפן: זיי האבן דערקענט, אז איך בין א יידישקע. נאר אז איך האב זיי געזאגט, אז דאס ברויט איז פאר מיין פאראליזירטן פאטער, נישט פאר מיר, האבן זיי טיילמאל אויף מיר רחמנות געהאט.

איז ווי איך שטיי אזוי איינמאל אין ריי, איז פלוצים אנגעלאפן לעטישע פאליציי און גענומען כאפן יידישע פרויען אין טורמע אריין און אויף צו צעשיסן. מ'האט מיך אויך געכאפט. מיין טיכל מיטן קיישל האבן נישט געהאלפן. כ'האב דערזען, אז ס'איז גאר־גאר ביטער. אויף א מינוט האט זיך מיר אויסגעוויזן, אז אויס, דאס איז מיין סוף. כ'האב זיך שוין געוואלט אונטערגעבן. נאר דא איז מיר איינגעפאלן אזא מין געדאנק. איינער א סמאן, וואס האט אמאל געארבעט אין דער שפירט פאבריק, וווּ איך האב געארבעט, איז געווארן א גאנצער מאכער אין שטאט. האב איך דרייסט א זאג געטאן:

— „סמאן האט מיר געזאגט, אז אויב מע וועט מיך וועלן ארעסטירן, זאל איך זאגן, אז ער האט געהייסן, מע זאל מיך באפרייען."

כ'האב עס געזאגט אן מורא, ווייל וואס איז שוין דא געווען וואס מורא צו האבן? און ס'האט געהאלפן. די לעטן האבן זיך ביידע איבערגעקוקט: ווי קום איך צו דערמאנען אזא הויכע פערזאן? און זיי האבן מיך אפגעלאזט.

ערשט אז איך בין אהיימגעקומען האב איך באגריפט אין וואס פארא סכנה כ'האב זיך געפונען און ס'האט מיט מיר אנגעהויבן צו ווארפן פונעם געדאנק אליין, וואס דא האט מיט מיר שיר־נישט פאסירט.

פון דעמאלט אן האט מיין מאמע מיך מער נישט געלאזט גיין זיך שטעלן אין דער ריי נאך ברויט, נאר זי פלעגט אליין גיין.

אַ נס:
מיין פאַטער הויבט־אָן גיין

דעם זיבעטן יולי איז מיין מוטער אַוועק זוכן אַ ביסל מילך פאַר מיין פאַטער און איך בין געבליבן וואַשן די וועש. פּלוצעם רופט מיך צו מיין פאַטער און ווייזט מיר (ווייל רעדן האָט ער שוין דעמאָלט נישט געקענט), אַז ער פילט, אַז ער קען גיין. איך קענט זיך קוים אויסמאָלן מיין פרייד: סטייטש, מיין פאַטער וועט זיך קענען אַ ביסל באַוועגן אין אַזוינע ביטערע צייטן. כ'האָב אים געהאָלפן אַראָפּגיין פון דער סאָפע, ווו ער איז געלעגן ווי אַ צוגעשמידטער און כ'האָב מיט אים אָנגעהויבן אַרומצוגיין אַהין און צוריק איבערן צימער.

מיין פאַטער איז געווען איבערגליקלעך וואָס ער קען שוין אַליין אַ ביסל גיין. די פרייד האָט מען נאָר געקענט אויף אים זען, ווייל נעפרייט האָט ער זיך דאָך שטומערהייט. ער האָט זיך געפרייט עלעהיי ווי אַ קינד, וואָס הייבט אָן צו גיין. מיר האָבן געוואָלט, די מאַמע זאָל שוין וואָס גיכער אַהיימקומען, כדי מיר זאָלן איר דערציילן וואָס פאַרא וווּנדער צרות קענען אַמאָל באַווייזן.

נאָר גאָט האָט אונדז נישט פאַרגונען דאָס ביסל פרייד. גייענדיק אַזוי מיטן פאַטער איבערן צימער, האָבן מיר פּלוצעם דערהערט עטלעכע שטאַרקע קלעפּ אין אונדזער פאָדער־טיר. מיר האָבן זיך זייער דערשראָקן. מיין פאַטער האָט פאַר שרעק נישט געקענט מער גיין. כ'האָב אים געמוזט אַוועקלייגן. מיט אַ ציטערדיק האַרץ בין איך אַוועק עפענען די טיר. כ'האָב געשמייכלט, כדי מע זאָל נישט זען, ווי דערשראָקן איך בין.

פינף רוצחים
און צוויי גזלנים

אין דער טיר זענען געשטאַנען פינף דייטשן, מיט טויטנקעפּ אויף די היטלען און מיט האַקנקרייצן אויף די אַרבל. טאָמער איז ווינציק, האָבן זיי נאָך געבראַכט מיט זיך צוויי לעטישע באַנדיטן.

זיי האָבן אַלע ווי מיט איין קול אַ רעווע געטאָן:

— „הערויס, פערפלוכטע יודן! הערויס אין דריי מינוטן! הערויס! זי ווערדען זאָפאָרט ערשאָסן!”

איינער פון די לעטן איז געווען איינער אַ ווילייטשיק. אַט דער ווילייטשיק פלעגט אונטער די סאָוועטן אַרומגיין איבער די הייזער פאַר־

שרייבן וויפל עלעקטרע מ׳האט פארניצט. מע פלעגט אויפן אָרט באַצאָלן. איך האָב אים קיינמאָל נישט געלאָזט וואַרטן, נאָר כ׳האָב אים געבעטן זיצן, אים באַצאָלט וויפל ס׳איז אים געקומען און אים נאָך געגעבן צען סענט טרינק־געלט. שפּעטער, אין געטאָ, איז ער געוואָרן דער ראש פון די גזלנים, די רעכטע האַנט פונעם קאָמענדאַנט, און אויף די אַקציעס האָט ער געהאַט איין אַרבעט: שיסן.

מיין טאַטע האָט אויף זיי אויסגעגלאָצט צוויי פאַרשטאַרטע פרעגנדיקע אויגן, ווי איינער רעדט: פאַרוואָס ווילט איר מיך אַרויסוואַרפן פון מיין קינדס דירה?

שטומערהייט האָט ער ביי מיר געפרעגט: וואָס טוט זיך דאָ?

אָבער נישט כ׳האָב אים געהאַט וואָס צו ענטפערן און נישט כ׳האָב צייט געהאַט דערצו. כ׳האָב אים נאָר געבעטן, ער זאָל זיך שטאַרקן און ער זאָל מיר העלפן אים אַנטאָן.

איינער פון די רוצחים איז צוגעגאַנגען צו מיין פאָטער און אים אַריינגעשריגן אין פּנים אַריין: „וויפל הייזער האָסטו פאַרברענט?״ — און אים דערלאַנגט אַ זעץ מיטן פּיסטויל. מיין פאָטער האָט פונעם זעץ געגומען פאַלן. כ׳האָב נישט געקוקט אויף זייער אויסגעשטרעקטן פּיס־טויל, נאָר כ׳האָב דעם טאַטן אין איין קול געמונטערט. „טאַטינקע, האַלט זיך . . . ״ כ׳האָב אים אָנגעטאָן די הויזן. פון זיין ליגן אַזוי פיל אין בעט זענען זיי אויף אים גרויס געוואָרן און זיי זענען אויף אים געהאַנגען ווי אַ זאַק. כ׳האָב געזוכט עפּעס, מיט וואָס די הויזן צוצובינדן און כ׳האָב אַראָפּגעכאַפּט פון מיינעם אַ קליידל אַ רויטן פּאַסיק. נאָר אַז די גזלנים האָבן דערזען דעם רויטן פּאַסיק, האָבן זיי אָנגעהויבן צו שרייען, אַז מיר זענען קאָמוניסטן און זיי האָבן אָנגעהויבן אונדז צו טרייבן נאָך ווילדער.

כ׳האָב אָנגענומען מיין אַלטן, קראַנקן טאַטן ביי די הויזן און כ׳האָב מיט אים פּאַמעלעך גענומען אַרויסגיין. גייענדיק האָב איך אַראָפּגע־נגבעט פון דער וואַנט מיין האַרבסט־מאַנטל און כ׳בין מיט מיין פאָטער אַרויס פון דער דירה, וווּ כ׳האָב דריי יאָר צייט געהאַט געוווינט מיט מיין מאַן צופרידן און גליקלעך.

וואוהין גיי איך איצט מיט מיין פאָטער אויף די הענט? — האָב איך זיך געפרעגט. און וואָס וועט זאָגן די מאַמע, אַז זי וועט אַהיים־קומען און אונדז נישט טרעפן? און ווער ווייסט, צי לעבט נאָך מיין מאַמע. אפשר האָט מען זי שוין אויך פאַרנומען?

פעסיע זאַלצמאַן

מע שטעלט אונז אויס אין רייען

אז כ׳בין מיט מיין פאַטער ארויס אויף דער גאַס, האָט זיך פאַר מיינע אויגן באַוויזן א שרעקלעך בילד: מע יאָגט אַלעמען אַרויס פון די דירות און מע שטעלט־אויס אינמיטן גאַס, צו פינף אין א ריי. די קולות פון די באַפעלן פאַלן אַזויווי העק.

— „ס׳זאָל קיינער נישט וואַגן צו שטעלן א פוס אויפן טראָטואר! יידן דאַרפן לויפן אינמיטן גאַס, אַזויווי הינט!”

איינער פון די גזלנים האָט מיך דערזען מיט מיין פאַטער, האָט ער אונדז ביידן — מיך מיט מיין פאַטער — געהייסן זיך אַוועקשטעלן אין דער ערשטער ריי און אָנפירן מיטן פאַראַד. אָבער כ׳האָב אים געזאָגט אז מיין פאַטער קען נישט גיין און אז ס׳איז אומזיסט זיין שרייען. איז צו מיר צוגעקומען אן אנדערער און מיר געהייסן אַרויפגיין מיט מיין פאַטער אויפן פינפטן שטאָק — אָבער גיך!

כ׳האָב געמוזט פאָלגן. כ׳האָב מיט אַלע כוחות צוגעהאַלטן מיין פאַטער און אים כמעט אַרויפגעשלעפּט אויפן פינפטן שטאָק, אַזויווי מע שלעפּט א פולן זאַק. דאָ האָט מיין פאַטער מיך אָנגעהויבן צו מאַטערן, אז ער וויל „זיך דערליידיקן”. וואָס זאָל איך טון? אַפלאָזן אים קען איך נישט, אַוועקלייגן אים האָב איך נישט ווו. אָבער איך מוז דאָך געפינען אַן אָרט, ווו די רוצחים זאָלן אים נישט זען.

מיט גרויס מי האָט זיך מיר איינגעגעבן אַזאַ אָרט צו געפינען, כ׳האָב מיין פאַטער בפועל־ממש אהין צוגעשלעפּט און אז כ׳האָב שוין אַלץ געהאַט פאַר אים צוגעגרייט, האָט מיין פאַטער א פאַרשעמטער גע־זאָגט, אז ער האָט א טעות געהאַט. ער האָט זיך פאַר מיר פאַרענטפערט ווי עפּעס פאַר א פאַרברעכן.

כ׳האָב אים ווידער גענומען אין די הענט און כ׳האָב שוין געוואַרט מיט האַרצקלאַפּעניש, וואָס מע וועט מיר ווייטער הייסן טון. א צוויי מינוט האָב איך אַזוי געוואַרט, איז צו אונדז צוגעגאַנגען א לעט און אונדז געהייסן תיכף אַראָפּגיין און זיך שטעלן אין די רייען און גיין אין מנין אריין אויף דער אַפּיצערסקער גאַס. דאָרטן וועלן מיר אינייגעם מיט אַנדערע אויסהערן אונדזער מישפּט. כ׳האָב נישט געקוקט אויפן גזלנס קולות, נאָר כ׳האָב מיין פאַטער אָנגענומען פאַר די הויזן און כ׳בין מיט אים פּאַמעלעך אַראָפּ אונטן און זיך געשטעלט אין די ערשטע רייען. נאָר אַזויווי מיין פאַטער האָט נישט געקענט גיין, האָב איך געבעטן, מע זאָל

מיך אַליין לאָזן גיין מיט אים. כ'האָב צוגעזאָגט, אַז כ'וועל נישט אַנט־לויפֿן, נאָר כ'וועל גיין גלייך צום בית־מדרש אויף אַפּיצערסקער גאַס. כ'האָב געמיינט, אַז אַלע אַרויסגעטריבענע יידן זענען שוין דאָרט. דאָס איז אַגב דער בית־מדרש, ווו מײַנע עלטערן און מײַן מאַן פֿלעגן דאַווענען.

די גזלנים האָבן אַליין געזען, אַז מײַן פֿאָטער וועט נישט קענען פֿירן דעם פֿאַראַד, האָבן זיי מיך מיט מײַן פֿאָטער אַרויסגענומען פֿון די רייען און אונדז געלאָזט גיין באַזונדער. די יידן האָבן נישט געקוקט אויף זייער אייגן אומגליק, נאָר זיי האָבן געקוקט אויף מיר מיט מײַן פֿאָטער און זיי האָבן פֿאַרגאָסן טרערן, ווײַל זיי האָבן אונדז געוואָלט העלפֿן און מ'האָט זיי נישט געלאָזט.

ווי איך שלעפּ אַזוי מײַן פּאַראַליזירטן פֿאָטער און איך פֿיל אַז די כוחות לאָזן זיך מיר אויס, דערזע איך ווי מײַנע פּלימעניצע, ראָזע פֿרענקל, מײַן ברודער משהס א טאָכטער פֿון זיבעצן יאָר, לויפֿט א פֿאַר־ביטערטע. איז זי שוין געבליבן מיט אונדז צוויי און זי האָט מיר גע־האָלפֿן שלעפּן דעם פֿאָטער, איר געליבטן זיידן, איבער דער דווינסקער גאַס.

אַזוי ווי א זאַק האָבן מיר אים געשלעפּט און אויף יעדן טריט און שריט האָבן אונדז די לעטן געשפּיגן אין פּנים אַריין און אונדז נאָכגעשריגן.

— „איר האָט פֿאַרשפּילט! מע וועט אייך אַלע באַלד אויסשיסן ווי די הינט! איר זענט אַלע קאָמוניסטן! איר האָט שוין געהאַט גענוג גוטס!"

כ'האָב זיך געשראָקן, מע זאָל מײַן פּלימעניצע ראָזע אויך נישט ערגעץ פֿאַרשלעפּן, און כ'האָב זי אָנגעהויבן בעטן, זי זאָל אַהיימגיין צו איר מוטער און צו איר ברודער, וואָס זי האָט זיי נאָך דעמאָלט געהאַט, און זי זאָל נישט אומזיסט אַריינפֿאַלן מיט אונדז. נאָר מײַן בעטן איז געווען אַרויסגעוואָרפֿן. דאָס גוטע קינדערשע האַרץ אירס האָט זי נישט געלאָזט מיך איבערלאָזן אַליין מיט איר טײַערן זיידן. זי האָט מיר ווייטער גע־האָלפֿן שלעפּן דעם פֿאָטער, ביז מײַן מאַמע האָט אונדז דעריאָגט א דער־שראָקענע. איצט האָב איך מיט דער מאַמעס הילף זי ממש אַוועקגעטריבן פֿון אונדז און כ'האָב איר געהייסן, זי זאָל אַלץ דערציילן איר מוטער.

זי איז אַוועק א וויינענדיקע.

די מאַמע האָט מיר גענומען דערציילן, וואָס פֿאַרא פּחד זי האָט איבערגעלעבט, בשעת זי איז אַהיימגעקומען און אונדז נישט געטראָפֿן. אַז זי איז אַריין אין הויף און אַנגעקלאַפּט אין די הינטערשטע פֿענצטער, (אַזוי האָבן מיר זיך געהאַט אָפּגערעדט, כדי די לעטן זאָלן נישט זען אַז צו אונדז גייט עמיצער און אַז אין אונדזער הויז געפֿינט זיך, הייסט עס, עמיצער) און קיינער האָט ניט געענטפֿערט, האָט זי ממש געפֿילט, אַז דאָס חיות עקט זיך איר. אַז אַן אַטעם האָט זי זיך געלאָזט אונדז זוכן.

דאָס קומט זי איצט פון דער „גריווע", ווו זי האָט באַקומען ביי די פּויערים דריי פלעשער מילך. זי האָט געטראָגן די מילך מיט פרייד און מיט שרעק.

איך בעט אויף מיין פּאָטער דעם טויט

מיר האָבן ביידע גענומען דעם פּאָטער און אים אוועקגעטראָגן צו אונדזער מניין, צום קהלשן בית־מדרש אויף אַפּיצערסקער גאַס, ווו מיין טאַטע האָט געדאַוונט זינט ער האָט חתונה געהאַט. אָבער ס'איז אונדז געוואָרן פינצטער פאַר די אויגן, ווען מיר זענען צוגעקומען און געטראָפן אונדזער מניין א פאַרברענטן און פערד זענען דאָרט געשטאַנען. א פּאַר־בייגייער האָט אונדז געזאָגט, אַז אַלע יידן זענען אין „פלאַנאַוון מניין".
אָבער מיר האָבן מורא געהאַט דעם פּאָטער אפילו פון אָרט צו רירן, ווייל די אַדערן אויף זיין פּנים זענען געווען אַזוי אָנגעשטרענגט, אַז מיר האָבן געמיינט אַז אָט־אָט פּלאַצן זיי און ער שטאַרבט. איך האָב געבעטן גאָט, אַז מיין פּאָטער זאָל וואָס גיכער שטאַרבן, אָבער זאָל עס נישט געשען דאָ אויף דער גאַס, ווו די לײַטן שפּייען אונדז אין פּנים אריין און לאַכן פון אונדז, ווי מיר טראָגן אונדזער פּאָטער.
אָבער קיין סך צו טראַכטן איז קיין צייט נישטאָ. מיר זענען דאָך נישט קיין באַלעבאָטים איבער זיך אליין און איבער אונדזער לעבן, נאָר מיר זענען ביי די באַנדיטן אין די הענט. האָבן מיר זיך גענומען וויי‌טער שלעפּן, ביז מיר זענען סוף־כּל־סוף דערקראָכן צום „פלאַנאַוון מניין".
דאָ האָט זיך פאַר אונדזערע אויגן אַנטפּלעקט א שוידערלעך בילד.

אין „פלאַנאַוון מניין"; איך כאַפּ אַ קוק צו די פענצטער . . .

דער „פלאַנאַווער מניין" איז געווען אַן אַלטער געביי, וואָס האָט געקענט אריינעמען א פופציק־זעכציק מענטשן. אָבער איצט האָט מען אין אים אריינגעשפּאַרט אריבער פינף הונדערט מענטשן. ס'איז געווען דערשטיקט צו ווערן. און אַזוי האָט מען געוואַרט אויפן טויט אורטייל.
און כאָטש אַזוי, אַז מיר האָבן אַהין אריינגעטראָגן אונדזער פּאָטער, האָט מען אונדז ווי ניט איז געמאַכט א שטיקל אָרט פאַר אים.
דאָ אין מניין האָב איך מער נישט געקענט אין זיך איינהאַלטן דאָס געוויין, וואָס כ'האָב א גאַנצן טאָג געשטיקט אין זיך. פאַר די רוצחים

אין די אויגן האב איך נישט געוואלט וויינען, ווייל זיי האבן זיך נאכמער נוקם געווען אין אונדז, טאמער האט עמיצער פון אונדז געוויינט. אבער דא, פאר דער ערדה פארמשפטע יידן האב איך מיך נישט געהאט וואס צו באהאלטן.

ווי איך זיץ אזוי און וויין, קומט צו מיר צו א דייטש און פרעגט מיך וואס איך וויין. כ'האב אים אנגעוויזן אויף מיין פאטער און אויף דער ערדה צונויפגעטריבענע יידן און כ'האב אים געפרעגט, צי דארף איך נישט וויינען. האט ער מיר געזאגט, אז ער איז נישט קיין רייכס־דייטשער און ער האט צו אונדז נישט גארנישט און טאמער בלייבט ער דא די גאנצע נאכט, וועט ער מיר העלפן. כ'האב עם דערציילט דעם מאמען מיינער, וואס האט בשעת־מעשה צעטיילט א פלאש מילך צווישן די קליינע קינדער, וואס זענען געלעגן ווו מ'האט זיי אוועקגעלייגט, פארשמאכטע און פארוויינטע.

מיין מוטער האט מיך אויסגעהערט און געזאגט, אז זי האט נישט קיין בטחון אינעם דייטש, ווייל זי האט געהערט, אז מע וויל אונדז דא אין מנין אלע פארברענען.

כ'האב זי בארואיקט, אז דאס קען נישט זיין, מע וועט נישט נעמען און פארברענען א שיל מיט יידן. אבער טאקע אין דער אייגענער רגע האב איך א קוק געגעבן צו די פענצטער — אלטמאדישע פענצטער, העכער פון א מענטשנס קאפ — און כ'האב אפגעמאסטן, דורך וועלכן פענצטער איך וועל ארויסווארפן דעם טאטן און דורך וועלכן — די מאמע, אויב מע זאל דעם מנין חלילה אונטערצינדן. וועגן זיך האב איך גאר נישט געטראכט.

דערווייל האט מען געהאלטן אין איין אריינפירן נאך אזוינע אומ־גליקלעכע ווי מיר, צעשראקענע, טייל מיט קינדער אויף די הענט. טייל זענען געווען צעבלוטיקט — מסתמא האבן זיי עפעס געענטפערט די מער־דער. אונדזערע הערצער זענען פארשטיינערט געווארן פון דעם, וואס מיר האבן צוגעזען און ווייל מיר האבן נישט געוווסט, וואס די קומענדיקע רגע קען נאך חלילה ברענגען.

מע צינדט־אונטער די קלויז

מיין מאמע איז נישט געווען אומגערעכט. ארום צוועלף א זייגער ביינאכט האט אנגעהויבן צו ברענען די קלויז פונעם מנין און דעמאלט האבן מיר אלע תיכף פארשטאנען, אז מע וויל אונדז טאקע פארברענען.

ס'איז געווארן אזא בהלה, וואס זי איז נישט צו באשרייבן. אבער אין דער גרויסער בהלה האב איך צופעליק דערזען, ווי דער דייטש, וואס האט מיר צוגעזאגט אונדז צו העלפן, העלפט לעשן דאס פייער. אים האבן

ארויסגעהאלפן די פיר טעכטער פונעם מאנופאקטור־סוחר מגיד, וואס אויף דער פעטראגראדער גאס. איצט האב איך דעם דייטש א ביסל געגלייבט, אז ער איז טאקע אנדערש ווי די אנדערע דייטשן. אז ס׳האט אנגעהויבן צו טאגן איז ער צו מיר צוגעגאנגען און מיר געזאגט, אז אויב איך האב וואהין צו גיין מיט מיינע עלטערן, זאל איך איצט גיין, ווייל ער מוז באלד אוועקגיין. כ׳האב אים געזאגט „יא, כ׳האב וואהין צו גיין" — און כ׳בין מיט מיינע עלטערן ארויס אויף דער גאס, נישט וויסנדיק אייגנט־לעך וואהין צו גיין.

נאר דא איז פארבייגעפארן אן אלטער רוסישער פויער, אויף א וואגן. מיר האבן אים צוגעזאגט, אז מיר וועלן אים גוט באצאלן, אבי ער זאל אונדז ארויפנעמען. ער האט אונדז ארויפגענומען און אין איין שרעק אונדז אוועקגעפירט אויף יענער זייט דווינע, ווו אונדזערע קרובים האבן געוווינט נאך פון פאר דער מלחמה. מיר האבן נישט געוווסט, צי זיי גע־פינען זיך נאך איצט דארט, אבער קיין אנדערע ברירה האבן מיר נישט געהאט, זענען מיר אוועק אהין אויף גאטס באראט.

פארן איבער דער שטאט איז געווען א סכנה. די לעטישע פאליציי האט געכאפט יידן און מיר האבן ווידער געקענט ארייפאלן אין די גזלנישע הענט און צוריק אין מנין אריין אדער אין טורמע, וואס איז שוין אויך געווען פול מיט יידן, וואס האבן געווארט אויף זייער משפט.

אונזערע קרובים האבן אונדז אויפגענומען מיט גרויס שרעק. זיי האבן אליין נישט געהאט ווו דעם קאפ אנידערצולייגן, ווייל אין דער צייט, וואס זיי זענען געווען באהאלטן אין די קעלערן, בשעת די לופט אטאקעס, האבן די לעטן צעראבירט זייער דירה און נישט איבערגעלאזט קיין איין חפץ קיין גאנצן. פאר מיין פאטער האבן מיר געפונען א צעבראכענע סאפע, שוין מיט ארויסגעשטארצטע שפרינג־פעדערן. נאר מיר האבן זיך מיט דער סאפע באטש־אזוי דערפרייט, און מיט דער דירה — אוודאי, ווייל בעסער ווי אין מנין וועט דאך אונדז דא זיין. נאר ווער ווייסט, ווי לאנג מיר וועלן דא מעגן בלייבן . . .

א זעץ אין הארצן

דעם צענטן יולי איז טאקע ארויס א באפעל, אז אלע אין שטעטל גריווע דארפן זיך רעגיסטרירן פאר ארבעט. בין איך מיט א קלאפנדיק הארץ אוועק אין דער פאליציי און כ׳האב אונדז אלע דריי רעגיסטרירט. כ׳האב נישט געהאט קיין שום דאקומענט אויף צו רעגיסטרירן דעם טאטן.

בין איך אוועק צו דער שטאַט־פּאַרוואַלטונג און געבעטן, מע זאָל מיר דער־לויבן גיין אין שטאָט אריין צו מיר אַהיים, כדי אויסצוזוכן פאַרן טאַטן א שטיקל דאָקומענט. פון דער שטאָט־פּאַרוואַלטונג האָט מען מיט מיר מיט־געשיקט א פּויער, וואָס האָט דאָרט געאַרבעט, ער זאָל מיך פירן.

אויבן אין אונדזער דירה האָט שוין די פּאָליציי געהאַט איינגעאָרדנט אירע קאַנצעלאַריעס, און אונטן האָבן זיך איינגעמאַסטעט די באַנדיטן. כ'האָב נאָר געעפנט די טיר, האָט מיר איינער פון זיי דערלאַנגט א זעץ אין האַרצן.

„אוועק, האָסט דאָ גאָרנישט וואָס צו זוכן!"

נאָר דער פּויער האָט זיי דערקלערט, צוליב וואָס איך בין געקומען. איך בין אריין אין הויז אַריין. די צימערן זענען געווען צוגעראַמט אויפן בעסטן אופן, נישט ווי כ'האָב זיי אין איילעניש איבערגעלאָזט. די פּאָר־האַנגען אויף די פענצטער, דאָס גלאָזוואַרג אויפן טיש, די בילדער אויף די ווענט — אַלץ ווי סע באַדאַרף צו זיין. די פאַמיליע בילדער זענען שוין אָבער נישט געווען.

כ'האָב אונטן נישט געפונען גאָרנישט. בין איך אַרויף אויבן. אויבן האָט מיך איינער גענומען אויף א פאַרהער.

— „ווי קומסטו גאָר אויף דער גריווע? ביסט דאָך געווען אַרעסטירט אין מנין"

— „ניין" — האָב איך געזאָגט און אים געקוקט גלייך אין די אויגן אריין, ער זאָל חלילה נישט דערקענען, אַז איך זאָג ליגן — „מיר זענען אויף דער גריווע זינט די באָמבאַדירונגען . . . "

ער האָט מיר נישט געקענט גאָרנישט טון, ווייל דער פּויער איז מיט מיר געווען.

אויפן וועג אַהיים — נאָכן זעץ, וואָס כ'האָב געכאַפּט אין האַרצן אריין אין דער טיר פון מיין אייגענער דירה • איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז אויס, כ'האָב שוין אַלץ פאַרלוירן.

אַהיימגעקומען, פרעגט מיך די מאַמע:

— „וואָס איז דיר געשען?"

— „מיר איז גאָרנישט נישט געשען" — האָב איך געענטפערט.

דער סוף איז געווען, אַז כ'האָב דעם טאַטן רעגיסטרירט אָן א דאָ־קומענט.

מיך האָט מען געשיקט אַרבעטן צו א פּאַרמער אויף א פעלד. דאָ האָט זיך אָנגעהויבן א ניי קאַפּיטל אין מיין לעבן.

אינדערפרי, גייענדיק צו דער אַרבעט, פלעג איך הערן שיסערייען פון דער זייט פון דער טורמע און דאָס האַרץ פלעגט מיר דערביי אַרויס־

פאלן. ווער ווייסט, צי דאס שיסט מען דארט נישט איצט מיינע נאענטסטע — מיין מאן און מיין ברודער. די ארבעט איז געווען א שווערע און גראד זענען דעמאלט געשטאנען גרויסע היצן — פלעג איך פילן ביי דער ארבעט, אז איך ווער פארברענט.

אהיימגעקומען, פלעג איך וואשן די דילן און העלפן מיינע קרובים אין סיי־וועלכער הויז־ארבעט, כדי זיי זאלן נישט זיין אין כעס, וואס מיין פאטער האט פארכאפט דאס איינציקע שטיקל געלעגער, די צעבראכענע סאפע. מיין מאמע פלעגט שלאפן אויף בענקלעך און איך — אויפן דיל.

מיין מאמעס א טריק

איינמאלגיי איך א מידע און א פארברענטע אהיים פון דער ארבעט, מיט בלאטערן אויף די הענט און אויף די פיס, דערפיל איך, אז עמיצער אויף א מאטארציקל האט זיך לעבן מיר אפגעשטעלט. איך האב מיך שטארק דערשראקן און כ׳האב מיך אויך געמוזט אפשטעלן. א דייטשער סאלדאט איז לעבן מיר אויסגעוואקסן און מיך געפרעגט, צי דארף איך הילף. כ׳בין געווען אזוי איבערגעשראקן, אז כ׳האב געזאגט, אז מארגן אין דער צייט וועל איך דאווארטן אויף זיין הילף. כ׳בין אן אטעם אוועק אהיים. כ׳האב געפילט, אז נאך א מאל גייט מיר עמיצער נאך, אבער איך האב מיך שוין נישט אומגעקוקט. כ׳האב אבער מורא געהאט, מע זאל נישט זען וואהין איך אנטלויף.

אז איך בין אהיימגעקומען, איז מיר די מאמע אקעגנגעלאפן מיט א גדולה:

— „מיין קינד, דיינס האב איך נישט אוועקגעגעבן.״

כ׳האב נישט אנגעהויבן צו פארשטיין וואס זי מיינט דערמיט. האט זי מיר געגומען דערציילן, וואס פארא פחד זיי האבן נארוואס איבערגעלעבט. דייטשן זענען געווען און געהייסן אלעמען זיך אויסטון נאקעט און זיי אוועקגעבן דאס געלט און דאס צירונג. מיין מאמע האט געהאט אין איר קארסעט אריינגענייט מיין גאנץ פארמעגן און אויפן האלדז האט זי געהאט אין א בייטעלע איר אייגן ביסל געלט. האט מיין מוטער איינגעשטעלט איר לעבן און זיי געבעטן, זיי זאלן זי נישט אויסטון — זי וועט זיי אליין אוועקגעבן אלץ וואס זי פארמאגט, און זי האט זיי אוועקגעגעבן איר בייטעלע מיט געלט. זי האט זיי פארזיכערט, אז מער האט זי נישט גארנישט, סיידנס אט־דעם קראנקן — און דערביי האט זי געוויזן אויף מיין פאטער. האט איינער פון די דייטשן ארויסגענומען פופציק רובל פונעם צוגערויבטן בייטעלע און איר געגעבן, זי זאל האבן מיט וואס

צו קויפן ברויט.

מיין מאמע איז געווען איבערגליקלעך, וואס ס'האט זיך איר איינגע־געבן אפצוראטעווען מיין געלט, אבער אז זי האט זיך דא געשפילט מיט איר לעבן, שפילנדיק אזא העלדן ראלע, דאס האט זי נישט געוווסט. און צוליב וואס האט זיך דאס אלץ געלוינט? מיך האט שוין דאס געלט נישט אינטערעסירט. מיין לעבן האט זיך געענדיקט דעם 29־טן יוני 1941, ווען מ'האט מיין מאן און מיינע ברידער אוועקגעפירט אין תפיסה. דאס געלט וועט זיי מיר נישט צוריקברענגען.

די מאמע ראטעוועט מיך

א פאר טעג שפעטער, שפעט אין אוונט, ווען מ'האט זיך שוין נישט געטארט ווייזן אויף דער גאס, איז אריין צו אונדז א דייטש, א פליער, און ער האט מיך אן שום שהיות געפרעגט, צי איך בין א חתונה־געהאטע. האט איך געענטפערט: יא.

— „ווו־זשע איז דיין מאן?" — האט ער געפרעגט.

און אז כ'האב אים געזאגט, אז מיין מאן איז אין תפיסה, האט ער א זאג געטאן:

— „איך וועל זיין דיין מאן."

מיין פאטער האט זיך שטארק דערשראקן און גענומען מיט די אויגן פאדערן ביי דער מאמען, אז זי זאל עפעס טון. כ'האב געבעטן דעם דייטש, ער זאל מיט מיר ארויס אין קארידאר. דארט האב איך אים געוואלט בעטן, ער זאל מיך אפלאזן און כ'האב אים געוואלט צונעמען פון מיינע אויף־טויט־דערשראקענע עלטערן. נאר אין קארידאר האט ער ארויסגע־נומען א ווייסן פיסטאלעט, מיר אים צוגעלייגט צום הארצן און אנגעהויבן ציילן: איינס . . . צוויי . . . און אז כ'האב נאך אלץ געזאגט ניין, — האט ער אנגעהויבן צו זאגן: דר — י — י . . .

אין דעם מאמענט האב איך דערפילט, אז איך ווער דערשאסן און כ'האב מיט מיינע לעצטע כוחות א געשריי געגעבן:

— „מאמע!"

דער גזלן האט פלוצים אראפגעלאזט די האנט און לעבן מיר האב איך דערפילט די מאמע מיינע, ווי זי נעמט מיך ארום און באוואיקט מיך א דערשראקענע.

— „מיין קינד. דער סאלדאט איז שוין אוועק."

מיר זענען אריין אין שטוב. כ'האב זיך אוועקגעווארפן אויף מיין געלעגער אויפן הארטן דיל און כ'האב אפגעוויינט א גאנצע נאכט.

אויף צו מארגנס בין איך ווידער אוועק צו מיין ארבעט.

פעסיע זאַלצמאַן

געלע לאַטעס

דעם 15־טן יולי איז אַרויס אַ באַפעל, אַז אַלע יידן מוזן אָנטאָן געלע „אָפּצייכנס", צוועלף קוואַדראַט־צענטימעטער די גרויס. די פרויען דאַרפן טראָגן די געלע לאַטע אויף דער לינקער ברוסט און אויף דער פּלייצע און די מענער — נאָך דערצו אַ לאַטע אויף דער לינקער קני. די לאַטע האָט געמוזט אויסזען ווי אַ סאָוועטישער שטערן, ווייל די לעטן זאָגן, אַז די יידן זענען קאָמוניסטן.

דעם 20־סטן יולי האָבן מיר געהערט, אַז פאַרן רעשטל יידן, וואָס וווינט נאָך אין שטאָט, גרייט מען אַ געטאָ אויף דער זייט פון דער „גריווע". דאָס האָט אונדז אַלעמען זייער פאַרביטערט, ווייל מיר האָבן געוווּסט, מיט וואָס דאָס שמעקט. אַחוץדעם איז די גריווע נישט געווען קיין אָרט אויף צו וווינען. — דאָרט פלעגט דאָס לעטישע מיליטער האַלטן פערד און אַהין פלעגט מען פאַרשיקן פאַרזינדיקטע סאָלדאַטן און קאָמוניסטן. צו דעם אַלעמען איז די גריווע געווען האַלב חרוב פון די דייטשע לופט־אַטאַקעס.

אָבער מ'האָט אונדז נישט געלאָזט קיין סך טראַכטן און מ'האָט ביי אונדז נישט געפרעגט, צי דער פּלאַץ געפעלט אונדז, צי נישט. דעם 25־סטן יולי, שבת אינדערפרי, האָט מען אַלע יידן פון דער גריווע געהייסן גיין אין געטאָ אַריין. אין דער אייגענער צייט איז צו אונדז אַריינגעקומען אַ געוועזענע דינסט אונדזערע, אַ פּאָליאַטשקע, וואָס זי האָט אונדז אויפגעהאָדעוועט און אונדז אַלע זייער ליב געהאַט, און זי האָט אונדז דערציילט, וואָס פאַרא שרעקלעכע זאַכן זי האָט זיך אָנגעזען אין הויף פון דער תפיסה: מ'האָט צונויפגערופן די גאַנצע קריסטלעכע באַפעלקערונג און אַלע זענען געשטאַנען און זיך צוגעקוקט — ווער גלייכגילטיק און ווער מיט פרייד — ווי מע הייסט די ייחן אויסגראָבן גרויסע גריבער. און אַז די גריבער זענען שוין געווען פאַרטיק, האָט מען אַהין אַריינגעוואָרפן אַלע יידן און מ'האָט זיי פאַרשאָטן לעבעדיקערהייט.

דאָס האָט אין אונדזערע אויערן געקלונגען אַזוי אוממפאַרשטענדלעך, אַז מיר האָבן זיך נישט געכאַפּט, אַז דאָס וויל אונדז די פּאָליאַטשקע אָנזאָגן די „גוטע" בשורה וועגן אונדזערע נאָענטע, וואָס זיי ליגן שוין אויך דאָרט פאַרשאָטענע אין די גריבער. און אַפילו אַז זי האָט אונדז געזאָגט, אַז זי איז אַוועק אין קלויסטער און געשטעלט ליכט פאַר די אומגעקומענע, האָבן מיר אויך נישט פאַרשטאַנען, וואָהין זי צילעוועט . . .

מיר האָבן זיך געאיילט אין וועג אַריין. אין סאַמע שבת האָבן מיר

אוועקגעלייגט דעם טאטן אויף א פור, וואס מיר האבן אייגנס פאר אים באזארגט, און איך מיט דער מאמען, זיך האלטנדיק איינע פאר דער אנ־דערער, האבן מיר זיך געלאזט גיין אהין, וואהין מע שיקט אונדז; מיר זענען געגאנגען פארצווייפלטע, רעזיגנירטע, אז א שטיקל וועש, אן גאר־נישט. די היץ האט געמאטערט. מיר זענען נאכגעגאנגען נאכן וואגן ווי נאך א לוויה. פון דער ווייטנס האבן מיר דערזען די גראע, האלב צע־שטערטע בנינים. זיי האבן אויף אונדז אנגעווארפן א פחד. דאס זענען געווען היסטארישע בינינים פון די גאר אמאליקע ראמאנאוום.

פון אט־די בינינים האט מען עס געמאכט דאס געטא.

אין געטא

שבת, דעם 25־סטן יולי, 10 א זייגער אינדערפרי, זענען מיר אריין אין געטא. דאס געטא האט זיך געפונען דריי קילאמעטער פונעם קוואר־טאל גריווע, וואס איז געווען אפגעטיילט פון דער שטאט דורך דער דווינע. דארט זענען געווען אלטע־אלטע קאזארמעס, וואס האבן געדינט פאר פערד־שטאלן, בשעת דאס לעטישע מיליטער איז איינגעשטאנען אויף יענער זייט טייך אינעם „קרעפאסט". די קאזארמעס האבן איצט נישט געהאט נישט קיין דילן, נישט קיין פענצטער, נישט קיין דאך, נאר בלויז נאסע מויערן. אויבן זענען אמאל געווען פענצטער, איצט איז אלץ געווען רו־אינירט. דער עיפוש איז דארט אלט געווען יארן.

אהין האט מען אריינגעפרעסט די גאנצע שטאט יידן. מ'איז געלעגן איינער אויפן אנדערן און ס'איז געווען דערשטיקט צו ווערן. מיר האבן קוים געפונען א שטיקל ארט, ווו דעם פאטער אנידערצולייגן: אויף א שטיקל הוילער ערד; ס'איז אפילו נישט געווען אין וואס צו דערלאנגען אים א ביסל וואסער. צו די אלע צרות האט נאך אנגעהויבן גיין א רעגן אויך.

די מאמע מיינע האט זיך געשטארקט און מיר צוגעגעבן מוט.

— „גאט וועט דחמנות האבן. צי־דען וועט ער לאזן אזאן אלטן קראנקן מענטשן ליגן און שמאכטן אין א רעגן?"

איך בין ארומגעלאפן ווי א פארסמטע מויז זוכן עפעס א בעסער ארט פאר מיינע עלטערן. נאר ווו כ'האב געווארפן א בליק, האט מיר א שניט געטאן ביים הארץ פון די צונויפגעטריבענע, דערשלאגענע יידן, וואס זיי האבן אפילו נישט ווו דעם פארמאטערטן גוף אוועקצולייגן. נאר פון סתם ארומלויפן און זיך עסן דאס הארץ וועט גארנישט נישט ארויסקומען. כ'האב ביי זיך באשלאסן, אז איך טאר נישט צוריקקומען צו דער מאמען מיט

ליידיקע הענט און איר זאָגן, אַז כ׳קען קיין אַרט נישט געפינען. מע מוז געפינען אַן אַרט — און פאַרטיק.

איך ווער אַ קראַנקן שוועסטער

פּלוצים דערזע איך אונדזער הויז־דאָקטער, דר. ראָזנבלום, וואָס ער האָט געהיילט מיין טאַטן אַ שטיק צייט.

— „וואָס טוט מען?״ — האָב איך זיך צו אים געווענדט.

ער איז אַוועק צו נאָך אַ דאָקטער, דר. גורעוויטש, וואָס האָט אונדז אויך גוט געקענט, און זיי ביידע האָבן מיר איינגערוימט אַ סוד, אַז אויב איך בין גרייט צו אַרבעטן ביי קראַנקע, וועלן זיי מיר פאַרזאָרגן אַ פּלאַץ פאַר מיין פאָטער. כ׳האָב צוגעזאָגט, אַז כ׳וועל טון אַלץ, וואָס מע וועט מיר הייסן, אַבי נאָר אַן אַרט וווּ מיין פאָטער אַנידערצולייגן.

מיר האָבן איינגעאָרדנט פאַר די קראַנקע דעם צווייטן שטאָק און דאָרט, אויפן האַרטן דיל, האָט אויך מיין פאָטער באַקומען אַ פּלאַץ. אָבער מיר זענען געווען גליקלעך, וואָס ער וועט שוין מער נישט דאַרפן ליגן אויף דער הוילער ערד, אויף דער נאַסער.

מיר האָבן אים אַרויפגעשלעפּט אויפן צווייטן שטאָק כמעט איבער די מענטשנס קעפּ, ווייל ס׳איז נישט געווען ווו אַ שפּילקע צו וואַרפן.

די מאַמע איז געבליבן זיצן לעבן אים און איך בין אַוועק צו באַקאַנטע, זוכן פאַר זיי ביידע אַ ביסל וואַסער. ס׳קען אפילו זיין, אַז גאָט וועט וועלן און איך וועל געפינען גליקלעכערע מענטשן פון אונדז און זיי וועלן מיר אָפּשפּאָרן אַ שטיקל ברויט אויך.

כ׳האָב געהאַט מזל. אַ באַקענטע אונדזערע, פריידע שער, וואָס האָט געהאַט אַ בעקעריי, האָט באַוויזן אַריינצוגנבענען אין געטאָ אַריין אַ זעקל מעל, אַ מאַשינקע אויף צו קאָכן און נאָך קליינעקייטן. אחוצדעם האָבן אירע אויסגעגעבענע קינדער געאַרבעט ביי דייטשן. האָט זי מיר געגעבן אַ גלאָז טיי און אַ שטיקל חלה פאַר מיין פאָטער און זי האָט מיר געהייסן קומען נאָך אַ מאָל, ווייל כל־זמן זי וועט האָבן, וועט זי אונדז אויך געבן.

מיין פרייד איז געווען נישט צו באַשרייבן, אַז כ׳האָב געקענט צו־טראָגן דעם טאַטן אַ גלאָז טיי מיט חלה.

אין צימער מיט מיין פאָטער זענען נאָך געווען אַסך אומגליקלעכע, צווישן זיי איז אויך געווען אונדזערער אַ פריינט, שואל העלערמאַן, מיט זיין פרוי. מ׳איז געלעגן אויפן דיל און געוואַרט אויפן גורל.

מיין אַרבעט איז געווען: היטן די קראַנקע און אַרויסהעלפן די דאָק־טוירים. כ׳האָב שווער געאַרבעט, אָבער ס׳איז ביי מיר געווען ניחא, ווייל

ערשטנס האָבן דערפאַר מיינע קראַנקע עלטערן נישט געדאַרפט ליגן אונטן אין הויף, צווייטנס איז גוט געווען צו העלפן די עלנטע, אומגליקלעכע, וואָס — ווער ווייסט? — ס'קען זיין, אַז מע וועט זיי מאָרגן, און אפשר נאָך היינט, אומברענגען. מיט אַזוינע געדאַנקען איז אַוועק די ערשטע נאַכט אין שפּיטאָל: כ'האָב נישט געהאַט קיין פּלאַץ, ווו מיינע אייגענע מידע ביינער אַוועקצולייגן. אָבער ווער האָט געטראַכט וועגן זיך?

אויף צו מאָרגנס האָב איך אָנגעהויבן זוכן, אפשר געפינט מען ערגעץ אַ שטיקל ברויט. ס'איז מיר נישט געווען אָנגענעם יעדן טאָג צו גיין צו אונדזער באַקענטער, פריידע שער. זייער ווינציק מענטשן האָבן געהאַט די מעגלעכקייט אַריינצוברענגען פּראָוויאַנט אין געטאָ אַריין. סיידנס די, וואָס האָבן געאַרבעט ביי די דייטשן אין שטאָט, פלעגן יאָ אַמאָל עפּעס אַריינברענגען פאַר זייערע משפּחות. אָבער איך האָב דאָך געאַרבעט אין שפּיטאָל, און דער שפּיטאָל איז דאָך געווען אַ קאָנספּיראַטיווער. די דייטשן האָבן נישט געטאָרט וויסן, אַז דאָרט, אויבן אין אַ צימער, מאַטערן זיך עלנטע קראַנקע — האָבן זיי, פאַרשטייט זיך, קיין עסן אָהין נישט צוגעשטעלט. איז טאַקע געווען ביטער. דאָך האָט זיך מיר איינגעגעבן צו באַקומען ערגעץ אַ ביסל הייס וואַסער און אַ שטיקל ברויט.

מ'האָט אָנגעהויבן צו רעדן, אַז מע וועט מאַכן אַ קיך, ד. ה. אַ דעלע־גאַציע וועט גיין צום קאָמאַנדאַנט און בעטן, אַז מיר זאָלן יעדן טאָג באַ־קומען כאָטש אַ ביסל זופּ און אַ שטיקל ברויט.

די ערשטע אַקציע

דעם 27־סטן יולי, איז אַריינגעקומען דר. גורעוויטש מיטן אינזשעניער יאשע קרוין און אָנגעהויבן מאַכן אַ רשימה פון אַלע עלטערע מענטשן. אַזוי האָבן זיי די דייטשן באַפוילן, ווייל אַלע אַלטע און קראַנקע וועלן אַריבערגעפירט ווערן אין אַן אַנדער לאַגער, נישט ווייט פון געטאָ.

איך מיט מיין מוטער זענען געוואָרן צעטראָגן: וואָס טוט מען? אַוועקגעבן דעם פּאַראַליזירטן פאָטער די מערדער אין די הענט אַריין? ווער וועט אים דאָרט אָפּהיטן? מיר זענען נאָך געווען נאַיוו און ס'איז אונדז בשום אופן נישט איינגעפאַלן, אַז מע וועט די אַלטע לייט און די קראַנקע צעשיסן. האָבן מיר באַשלאָסן בעטן דעם דאָקטער, ער זאָל אונד־זער פאָטער נישט אַריינשרייבן אין דער רשימה. יאשע קרוין האָט מיר צוגעזאָגט, אַז אויב מע וועט נאָר קענען, וועט ער עס מיר טון.

מ'האָט מיין פאָטער נישט גענומען.

אין אָוונט בין איך צוגעגאַנגען צום פענצטער און געזען ווי שיכורע

לעטן מיט נאגאנעס אין די הענט יאגן מיט ווילדע געשרייען די אלטע, די קראנקע און די בלינדע אין וואלד אריין. דר. גורעוויטש איז מיט זיי מיטגעגאנגען. געמוזט מיטגיין. מיט זיי איז אויך געווען מיין פעטער מענדל שניידער מיט זיין עלטערער טאכטער אידע.

כ׳האב זיך צוגעקוקט צום פינצטערן בילד און כ׳האב געמיינט, אז דאס הארץ ווערט מיר צעפלאצט.

צומארגנס האט מען אנגעהויבן צו פארשפרייטן קלאנגען, אז מ׳האט פאר די אלטע אוועקגעשיקט ברויט. דאס איז אבער נאר געווען א טריק פון די גזלנים, כדי מע זאל גלייבן אז דארט איז גוט, און, אז ס׳וועט אויסקומען, זאל מען זיך נאכאמאל לאזן פירן אהין. אבער ס׳הארץ האט אונדז געזאגט, אז דער צווייטער לאגער איז לא היה ולא נברא און אז די פארשלעפטע זענען שוין לאנג נישטא.

קיין סך טראכטן האט מען אונדז אבער נישט געלאזט. דינסטיק ביינאכט האבן מיר דערהערט קולות פון דער ווייטנס. די קולות זענען געקומען נעענטער און נעענטער, ביז מיר האבן דערקענט, אז ס׳איז די קולות פון געפייניקטע יידן. אויף צו מארגנס האבן מיר זיך דערוווסט, אז מ׳האט צו אונדז אין געטא צונויפגעטריבן די רעשטלעך יידן פון אלע ארומיקע שטעטלעך, פון דווינסק אליין, דערנאך פון דאנדא, ווישקעס, קרעסלאווקע, אינדרא, ליוועניגאף, ניצקאל און פונעם גאנצן וועג ביז קיין ריגע. דער לעטישער באפעלקערונג האט מען צוגעזאגט, אז מע וועט מער שוין קיין ייד נישט זען אפילו אין א מוזיי. אפילו אז מע זאל געבן צוויי לאט פאר א יידן, וועט נישט זיין צו באקומען.

טאמער איז ביז איצט געווען ווייניק דערשטיקט צו ווערן, איז איצט געווארן ממש נישט איבערצוטראגן. אבער דער קאמענדאנט פון געטא האט צוגעזאגט אז ס׳וועט באלד ווערן „גראמער”. פאר די ניי־געקומענע וועט מען מאכן אן אנדער לאגער און ווער ס׳וועט וועלן, וועט מעגן אהין מיטגיין.

אין דריי טעג ארום איז טאקע ארויס א באפעל, אז אלע ניי־געקומענע מוזן אריבער אין אן אנדער לאגער. אויך פון די אלטע מעג אהין אריבער ווער סע וויל. מע דארף זיך אפריער פארשרייבן. און אין אוונט וועט מען זיך אויסשטעלן צו פינף אין א ריי און מע וועט אריבערגיין אין צווייטן לאגער אריין.

אלע ניי־אנגעקומענע און א סך אנדערע האבן זיך תיכף פארשריבן פארן צווייטן לאגער, ווייל מ׳האט געמיינט, אז דארט איז בעסער.

מ׳האט זיי אלעמען אוועקגעפירט צום וועג, וואס פירט צום קוראַרט

פּאַגולאַנקע, אַכט קילאָמעטער פון דער שטאָט. אָבער נאָך אַט־דער „איבער־זידלונג" זענען נישט אָנגעקומען קיין שום ידיעות פונעם אַנדערן לאַגער און מיר האָבן אויפּאמאָל דערפילט, אַז עפּעס איז דאָ נישט גלאַטיק. אײַנ־גיכן איז טאַקע געקומען אַ קריסטן אין געטאָ און דערציילט, אַז אַלע אַרויסגעפירטע האָט מען דערשאָסן אינעם גרויסן וואַלד פּאַגולאַנקע און אַז מע גראָבט שוין דאָרט פרישע גריבער . . .

די חושים זענען אונדז אָפּגענומען געוואָרן פון שרעק. אין אַזאַ־אַ שרעק האָט מען אונדז ווייטער געלאָזט „לעבן" און וואַרטן אויף אונדזער טאָג.

איך האָב ווייטער געטאָן מײַן אַרבעט אין שפּיטאָל אַזוי גוט ווי כ'האָב געקענט. נאָר דערצו האָב איך נאָך געמוזט אַרומלויפן זוכן עפּעס אין מויל אַרײַן פאַר זיך און פאַר די מײַניקע. די צאָל קראַנקע איז מיט יעדן טאָג געוואָרן גרעסער און גרעסער. די קינדער האָבן באַקומען קלעפּיקע קרענק און זיי זענען געפאַלן ווי די פליגן. דר. גורעוויטש האָט דאָס געהאַט פאַרויסגעזאָגט וועגן די קינדערלעך, און ס'איז נעבעך מקוים געוואָרן.

מײַן מאַמע האָט מער נישט געקענט ליגן אויף דער הוילער ערד לעבן מײַן פאָטער און כ'האָב איר געמוזט זוכן אַן אָרט ערגעץ אַנדערש. איז אונטער אונדזער קראַנקן־בלאָק זענען געווען פאַרמיסטיקטע פערד־שטאַלן, האָב איך מיט די הוילע הענט אויסגערייניקט דאָס מיסט און אויפן האַרטן, קאַלטן דיל האָב איך געמאַכט אַן אָרט פאַר מײַן מאַמען. כ'האָב אַפילו נישט געהאַט וואָס אונטערצולייגן.

איבערצובייטן אַ העמד איז נישט געווען — זענען די ווערים און די לײַז אויף אַלעמען אַרומגעקראָכן.

ווען נאָר כ'האָב געקענט אַרויס פון שפּיטאָל אויף עטלעכע מינוט, פלעג איך אַראָפּגיין צו דער מאַמען, כ'פלעג זי מיט אַ שמייכל און מיט אַ שפּאַס אָוועקפירן אין אַ זײַט, איר אויסטאָן די פאַר לאַכעס און אַראָפּ־קלייבן די לײַז פון איר שיינעם ווייסן לײַב. ווי לאַנג קען מען עס אַזוי אויסהאַלטן? — האָב איך מיר דערבײַ געטראַכט.

מײַן מאַמע איז געל געוואָרן פון דער שטאַל־לופט. דערצו פלעגט זי נאָך האָבן ווייטיקן אין בויך פון דער וואַסער־זופּ. דאָס נישט־דערבאַקענע ברויט, וואָס מ'האָט אונדז צוגעוואָרפן (ווײַל מער זענען מיר דאָך נישט ווערט געווען — מ'עט דאָך אונדז סײַ־ווי פריער צי שפּעטער דערשיסן), האָט זי נישט געקענט אין מויל אַרײַן נעמען.

פון די לעצטן זענען מיר דערווײַל אויסגעשטאַנען געברוינטע לייד: יעדע נאַכט פלעגן זיי קומען און זיך אויסזוכן עטלעכע פרויען. מיר האָט

נאָט דערפון אויסגעהיט, ווייל איך בין געווען אין קראַנקן־הויז, און אהין פלעגן זיי נישט קומען.

שמע ישראל . . .

דעם זיבעטן אויגוסט איז ארויס א באַפעל, אז אלע מוזן זיך גיין באָדן אין דער דווינע. איך בין אויך אהין אוועק מיט מיין מאַמען. מיר זענען ביידע אריין אין וואַסער, זיך האַלטנדיק ביי די הענט. די דייטשן און די לעטן האָבן פון אונדז געלאַכט, אונדז פאָטאָגראַפירט און אונדז תיכף צוריקגעטריבן אין געטאָ אריין.

מיטוואָך, דעם אַכטן אויגוסט איז פּלוצעם ארויס א באַפעל, אז אלע זאָלן זיך אויסשטעלן אין הויף און קיינער זאָל נישט בלייבן אין די שטי־בער, און מע זאָל וואַרטן אויף ווייטערדיקע באַפעלן. מ'האָט אַנגעהויבן סאָרטירן: אַרבעטער באַזונדער און נישט־אַרבעטער באַזונדער.

וואָס זאָל איך איצט טון? זאָל איך מיר שטעלן לעבן מיין צעשראָ־קענער מאַמען ?

כ'בין צוגעגאַנגען צום הויפּט־גזלן און אים געפרעגט, וווּ איך זאָל מיך שטעלן, אויב איך אַרבעט אין קראַנקן־צימער. ער האָט זיך פאַר־חידושט, וואָס א „פאַרפלוכטע יידין" האָט די העזה צו אים צוצוגיין און עפּעס פרעגן און ער האָט מיך שטרענג א פרעג געגעבן:

— „ווו איז דאָ דער קראַנקן־צימער?"

איך האָב מיך שטאַרק דערשראָקן: וואָס האָב איך געדאַרפט דער־מאַנען דעם קראַנקן־צימער? ווער ווייסט, וואָס פאַרא צרות כ'האָב איצט דערמיט אָנגעאַרבעט.

כ'האָב אים געענטפערט, אז דער קראַנקן־צימער איז דאָרט און דאָרט, האָט ער מיר אריינגעשריגן אין פּנים אריין:

— „שטעל דיך לעבן די אַרבעטער!"

איך האָב מיך אוועקגעשטעלט לעבן די גליקלעכע. אָבער וואָס וועט זיין מיט מיין מאַמען, וואָס זי איז אוועק פאַרוים מיט די נישט־אַרבעטער? כ'האָב זיך ארויסגעגנבעט פון צווישן די אַרבעטער און זיך אוועקגעלאָזט נאָך דער גרופּע, וואָס האָט אוועקגעפירט מיין פאַרצווייפלטע מוטער. פון דער ווייטנס האָב איך דערזען דאָס קאָפּ־טוך אירס און כ'בין צוגעגאַנגען צום פּאָליציסט, א לעט, און כ'האָב אים געבעטן, ער זאָל מיר ארויסגעבן מיין מאַמע, ווייל דער הויפּט־שעף האָט געזאָגט, אז אזוי ווי איך אַרבעט, מעג איך זי מיטנעמען מיט זיך.

נאָך אסך בעטענישן האָט ער מיר אָפּגעגעבן די מאַמע מיינע. כ'האָב

נישט געוווסט, וואס צו טון מיט זיך פאר פרייד: ארויסגעריסן די מאמע פון די גזלנישע הענט!

אז כ'בין צוריקגעקומען מיט דער מאמען און זיך מיט איר אוועקגעשטעלט צווישן די ארבעטער, האט זי מיר פארטרויט, אז פונקט דעמאלט, ווען זי האט ארויסגערעדט „שמע ישראל", האט זי דער פאליציסט ארויסגענומען און צוגעפירט צו מיר.

א בלבול מיט א בלוטיקן סוף

מיר זענען געשטאנען פארפינצטערטע און זיך געטוליעט איינע צו די אנדערע. פלוצעם איז געשען א שרעקלעכע זאך: ס'האבן זיך דערהערט קולות, אז אין צימער 23 האט מען געפונען געווער, און אז אלע, וואס האבן געוווינט אין יענעם צימער זאלן תיכף אליין ארויס, באקומען זייער שטראף.

פון צווישן די ארבעטער איז ארויס די משפחה עלקין, א מאמע מיט צוויי מיידעלעך (א צווילינג פון א יאר פיר) און נאך עטלעכע, וואס האבן געוווינט אין יענעם פארשאלטענעם צימער. מ'האט זיי פאר אונדז אין די אויגן מערדעריש צעשלאגן און מ'האט זיי טאקע באלד אוועקגעפירט דערשיסן. (דאס איז געווען די שנור פון די עלקינס, וואס זיי האבן געהאט אויף דער אלייענער גאס א פאבריק פון פאפירענע קעסטלעך).

א גאנצן אוונט זענען מיר דערנאך געשטאנען אין געהאקטע ווונדן און זיך צוגעקוקט, ווי די שיכורע לעטן זוכן זיך אלץ אלעמאל ארויס נייע קרבנות און זיי פייניקן זיי און שלעפן זיי צום טויט.

ס'האט אנגעהויבן צו רעגענען. ערשט שפעט ביינאכט האט מען אונדז „גליקלעכע" אוועקגעפירט צוריק אין אונדזערע צימערן און די גרופע נישט־ארבעטער האט מען אוועקגעפירט אין וואלד אריין . . .

כ'האב דעם אייגענעם אוונט צוגעפירט מיין מאמען צו איר שוועסטער דינה, וואס האט זיך אויך געראטעוועט, ווייל אירע צוויי קינדער האבן געארבעט און זיי האבן געהאט צעטלעך פון זייערע באלעבאטים. דערנאך בין איך אוועק צו מיין פאטער זען, וואס ער טוט. כ'האב אים געטראפן אזוי דערשראקן, אז ער האט מיך אנגעכאפט ביי די הענט און מיך נישט געוואלט אפלאזן. די קראנקע האבן מיר דערציילט, אז מ'איז אויך דא געווען און געפייניקט, נאך מ'האט קיינעם נישט גענומען. דער טאטע האט זיך צו מיר צוגעטוליעט און מיר געוואלט דערציילן, וואס פארא פחד ער האט דא נאר־וואס איבערגעלעבט. כ'האב אים בארואיקט און אים געזאגט, אז די מאמע איז אוועק שלאפן צו דער מומע דינה.

אזוי זענען זיך די טעג געגאנגען. יעדער טאג — מיט אנדערע ביטערע ידיעות: דא שיסט מען, דא גראבט מען גריבער פאר פרישע קרבנות.
מיין מאמע איז גרוי געווארן פון צרות. זי האט אויסגעזען א שרעק, ווייל געגעסן האט זי גארנישט, נאר געטרונקען. זי איז גאנצע טעג געלעגן א פארשמאכטע און מיר נאכגעקוקט, ווי איך לויף־ארום איבערן שפיטאל און איך באזארג די קראנקע, דערביי פלעגט זי מיר תמיד מבטיח־זיין:
— „קינד מיינס, אויב דו האסט אמאל געזינדיקט, ווערן דיר איצט אלע דיינע זינד פארגעבן".
אין עטלעכע טעג ארום איז די מאמע צו מיר אריבערגעקומען און מיר דערציילט, אז זי האט געהערט, אז מ'האט דערשאסן איר ברודער שמערל העלערמאן, וואס האט געוווינט אויף דער ליטוויש־לעטישער גרעניץ, אין עגלאינע — יאלאווקע, איינעם מיט זיין פרוי, מיט א קינד און מיט א נייןֿ־יעריק אייניקל.
כ'האב זי געוואלט איינגעמען און טרייסטן, האט זי אבער געטענהט, אז וויאזוי זאל זי נישט גלייבן, וואס מע דערציילט איר, אז זי זעט מיט די אייגענע אויגן, ווי דער טויט גרייט זיך אויך אהער אט־אט־אט.
ס'האט נישט געדויערט לאנג, און מיין מאמעס פארגעפיל איז מקוים געווארן.

מיין מאמע גייט אוועק . . .

דריי אזייגער נאכמיטאג, אינעם פינצטערן, וויסטן אכצנטן אויגוסט 1941, כ"ה אב, האט מען אונדז אלע געהייסן תיכף ארויס אויפן הויף, ווייל מע פירט אונדז קיין נירנבערג, דייטשלאנד. די מאמע איז פונקט געשטאנען לעבן טאטנס בעט, האט זי מיך געפרעגט, צי זי דארף אויך מיטגיין. אוודאי! — האב איך איר געענטפערט, און מיר זענען אראפ אין הויף און זיך געשטעלט מיט אלעמען אין די רייען. מ'האט איטלעכן באזונדער אויסגעפרעגט. אז ס'איז געקומען מיין ריי, האב איך געזאגט, אז איך האב מיט זיך די מאמע, ווייל איך ארבעט דא אין שפיטאל.
דער גזלן האט זיך נאכגעפרעגט, צי זאג איך דעם אמת. דערנאך האט ער מיר געהייסן דא בלייבן, אבער די מאמע מוז גיין. כ'האב אים אנגעהויבן צו בעטן, פאלן צו די פיס, ער זאל די מאמע מיינע לאזן דא, נאר ס'האט נישט געהאלפן.
— „נו, גיי איך מיט מיט דער מאמען" — האב איך געזאגט. נאר דא האט זיך די מאמע ביי מיר אנגעהויבן צו בעטן, איך זאל בלייבן.

— „בלייב לעבן טאטן, קינד מיינס. ווער וועט אים אפהיטן, אז נישט דו?״ — אזוי האט זי געטראכט נאר וועגן טאטן און ס׳איז איר נישט איינגעפאלן, אז דאס גייט זי אליין איצט צום טויט.

כ׳האב זי נישט געוואלט פאלגן, נאר זי האט מיך ארומגעכאפט, צו־געדריקט צו זיך און זאג געגעבן:

— „בלייב דא מיטן טאטן, מיין קינד, און איך בין געגרייט צו זיין פאר דיר א קרבן.״

מ׳האט זי פון מיר אפגעריסן און מ׳האט מיך א שלייַדער געגעבן אין א זייט. כ׳האב איר געוואלט דערלאנגען א שטיקל ברויט, וואס כ׳האב גע־האט ביי זיך אין קעשענע, האט א דייטש אויף מיר א געשריי געגעבן, אז זי וועט האבן גענוג ברויט. כ׳האב אים א פארוויינטע געענטפערט, אז איך וויים, וואס פארא ברויט מע וועט איר געבן . . .

אזוי־א, מיטן שטיקל ברויט, וואס ס׳האט זיך מיר פארט איינגעגעבן איר צו דערלאנגען, איז מיין מאמע אוועק גלייך דעם טויט אין מויל אריין. זי איז אוועק ווי א העלדן, און מיט א שמייכל אויף די ליפן, כדי איך זאל חלילה נישט זען אין אירע פארטרערטע אויגן, אז זי וויל נאך לעבן, און זי האט זיך לכל־הדעות פארדינט, אז זי זאל נאך לעבן, ווייל זי האט דאך 20 יאר אפגעפינצטערט לעבן מיין קראנקן פאטער, וואס איז שפעטער פאראליזירט געווארן; אחוצדעם האט זי אונדז ארויסגעהאלפן אין געוועלב און, דער עיקר, זי האט אויפגעהאדעוועט א שטוב מיט קינדער און אונדז אלעמען געמאכט פאר מענטשן.

אבער זי איז אוועק אן טענות; ניבעטע צופרידן וואס זי קען זיין א קרבן פאר מיר, און אפילו איר בקשה צו גאט, אז זי זאל שטארבן אויף איר אייגן געלעגער, איז איר נישט באוויליקט געווארן. ניין, נישט נאר נישט באוויליקט געווארן, נאר סע קען נאך זיין, אז מ׳האט זי באגראבן לעבעדיקערהייט, און ווו איר קבר איז ערגעץ — דאס וויים איך אפילו נישט.

כ׳האב דער מאמען נאכגעקוקט, ווי זי דערווייטערט זיך אלץ פון מיר . . . כ׳האב געוואלט אויפכאפן כאטש נאך איין בליק איהן. זי האט אבער מער דעם קאפ נישט אויסגעדרייט צו מיר; כ׳האב נאר געזען פון דער ווייטנס, ווי זי נעמט־אן דעם הער רחמן, אן אלטן יידן, ביים ארעם, ווייל זי זעט נעבעך ווייזט־אויס נישט ווו צו גיין . . .

מ׳האט מיך צוריק ארויפגעטריבן אין שפיטאל אריין. כ׳בין א פאר־ביטערטע צוגעלאפן צום פענצטער און כ׳האב נאכגעקוקט דער אוועקגייענ־דיקער קאלאנע. ס׳האט זיך מיר אויסגעדאכט, אז דארט־א די איינגעבוי־גענע פרויען־געשטאלט מיטן ווייסן זעקעלע אויף דער פלייצע, דאס איז

די מאמע מיינע . . . באלד איז דאס אויך פארשוווּנדן . . .

כ'בין צוגעגאנגען צום פאטער, ער האט דערזען, ווי פארביטערט איך בין, האט ער מיך גענומען מאטערן, אַז לשון, נאָר מיט די הענט און מיט די אויגן:

— ווו איז די מאמע?"

כ'האב אים געזאגט, אַז די מאמע איז אוועק אין אַן אנדער לאגער, און אַזוי גיך ווי סע וועט אים בעסער ווערן, וועל איך מיט אים אויך אוועק אהין. אויף צו מארגנס האט מיך דער טאטע ווייטער גענומען פייניקן, ווו די מאמע איז, ער וויל זי זען און: ווען לאזן מיר זיך שוין גיין צו איר — ?

אין דער אקציע איז איינעם מיט מיין מאמען אוועק איר שוועסטער דינה לובאצקי מיט אירע צוויי דערוואקסענע קינדער, פריידע שער מיט איר מאן, און נאך קרובים און באקאנטע אונדזערע.

איך שפּיל קאָמעדיע אין די צרות

איצט איז צו מיין שווערער ארבעט טאג און נאכט אין קראנקן־הויז צוגעקומען נאך א ראלע: שפּילן פאר מיין פאטער די קאמעדיע, אַז אלע אונדזערע נאענטע לעבן נאך.

די פריינט, וואס פלעגן מיר אמאל געבן א קארטאפל פאר מיין קראנקן טאטן, זענען שוין מער נישט געווען און מיר פלעגט אנקומען טאפל שווער צו באקומען פאר אים עפעס אין מויל אריין. דערצו האט ער שוין נישט געקענט אליין עסן, נאר כ'האב אים אלץ געמוזט אין מויל אריינלייגן.

איינמאל האט זיך געטראפן, — אַז א קראנקער, וואס איז געלעגן נישט ווייט פון מיין פאטער האט לפי תומו אויסדערציילט, וואס מיט אונדזערע נאענטע איז געשען. נאר אַזוי ווי מיין פאטער האט נאך פון גארנישט נישט געהאט געוווסט, נאר ער האט געגלויבט, וואס איך האב אים דערציילט, אַז זיינע קינדער זענען אין תפיסה, האט ער זיך זייער אויפגערעגט, זיך פלוצעם געגעבן א זעץ־אויף און מיט שטומען כעס פשוט געוואלט שלאגן דעם אנדערן קראנקן, ווי איינער רעדט: ניין! שווייג! מיינע קינדער לעבן!

אַז די קראנקע האבן דערזען, ווי מיין פאטער איז אוים מענטש פון כעס און אַז ער האט זיך פון אויפרעגונג אַזש אליין אויפגעזעצט, האבן זיי זיך דערשראקן און גענומען שרייען און מיך רופן. כ'בין געקומען צו לויפן נישט טויט און נישט לעבעדיק און כ'האב דעם טאטן בארואיקט:

— „גלויב נישט קיינעם, נאר מיר. דאס וואס מע דערציילט דיר דא, איז פון דער ערגסטער וועלט־מלחמה, אבער נישט פון איצט . . . ״

אז ער איז אביסל צו זיך געקומען, בין איך צוגעגאנגען צום קראנקן און כ׳האב אים געבעטן מיט טרערן אין די אויגן, אז ער זאל מער נישט רעדן דעם טאטן אין די אויגן וועגן דעם, וואס סע קומט איצט פאר ארום אונדז.

מיין טאטן געפעלן נישט די געסט . . .

מיין ארבעט אין שפיטאל איז דערווייל געווארן פשוט לעבנסגעפער־לעך, ווייל אסך קראנקע האבן שוין געליטן פון טיפוס און פון דיפטעריע און איך האב אפילו נישט געהאט קיין העמד צו בייטן און כ׳האב זיך געקענט אנגעמען מיט א קרענק א ליאדע טאג.

מיר האבן זיך געריכט אויף עטלעכע העכערע גזלנים, וואס האבן געוווסט, אז מיר האבן א שפיטאל אין געטא. האב איך מיך געבעטן ביים טאטן, אז ווען די „גוטע פריינט״ אונדזערע וועלן קומען, זאל ער זיך למען־השם האלטן רואיק. דער טאטע איז געווען דער עלטסטער אין שפי־טאל, און כ׳האב פשוט מורא געהאט, מע זאל אים נישט באמערקן. אבער מיר איז באשערט געווען שרעק. פונקט דעמאלט, ווען די גזלנים זענען ארומגעגאנגען באקוקן די קראנקע און איך בין געשטאנען לעבן מיין טייערן טאטן און אים געהיט, האט ער פלוצעם אנגעהויבן צו שטאמלען און צו טייטלען אויף די בלוטיקע געסט און אויף מיינע אויגן און געוואלט, כ׳זאל אים שוין און פונקט איצט דערציילן, פארוואס איך בין אזוי דערשראקן, און ווער די געסט זענען. דר. דאמיע אליין האט זיך אויך דערשראקן און געמיינט, אז אוים, דאס איז אונדזער סוף. כ׳האב געמיינט, אז איך עק מיך. די גזלנים האבן זיך נישט געלאזט קיין סך בעטן און זיי זענען צוגעגאנגען גלייך צו מיין פאטערס בעט. דאס הארץ האט זיך מיר אפגעשטעלט. איינער פון דער אינספעקציע האט א פרעג געטאן דעם דר. דאמיע:

נאר איך בין אים אריין אין די רייד און א זאג געגעבן:

— „ווער איז אט־דער קראנקער?״

— „דעם־א קראנקן איז שוין בעסער און ער וועט אינגיכן קענען גיין צו דער ארבעט.״

זיי האבן מיך ביידע אפגעמאסטן מיט עפעס א מאדנעם פארוואונ־דערטן בליק און זיי זענען אוועק.

— „נו, גוט. אפגעראטעוועט דעם טאטן״ — איז דר. דאמיע געווען צופרידן. נאר איך אליין האב מיך געפרעגט: ווי לאנג נאך וועט זיך מיר איינגעבן אים אויסצוהיטן פון די גזלנישע הענט?

יום־כיפור 1941

דערווייל איז אנגעקומען יום־כיפור 1941. מיט וואס זיך צו פאר־פאסטן איז נישט געווען, האבן מיר גענומען צו ביסלעך טיי און צו שטיק־לעך ברויט אין מויל אריין. מיטן אייגענעם מאכל האבן מיר זיך אויך צו מארגנס אפגעפאסט אויך. דעם טאטן האט דער תענית געשאט און ער האט זיך באנאכט זייער שלעכט געפילט. האט מיך דר. ראזנבלום געפרעגט, וואס איך רעכן איצט טון מיטן טאטן: געבן אים אן איניעקציע, כדי אים צו דערהאלטן ביים לעבן, אדער לאזן אים אזוי אויסגיין. ס׳האט זיך נאר געהאנדלט אין אן איניעקציע.

מיר איז געווארן ביטער און פינצטער אויפן הארצן און כ׳האב אפילו נישט געהאט מיט וועמען זיך אן עצה צו האלטן, וואס איך זאל טאקע טון. כ׳האב אבער פארט באשלאסן אים צו געבן קאנפער, כדי אים א ביסל אויפצומונטערן ס׳הארץ און כדי אים צו פארלענגערן ס׳לעבן.

וואס איז דאס פארא לעבן? — האב איך מיר בשעת־מעשה געטראכט. —ווארטן, אז א ליאדע טאג זאלן אים חלילה די גזלנים באמערקן און אים צונעמען אויף צו דערשיסן — אויך מיר א לעבן! שא, טשיקאווע, ווען די מאמע זאל אצינד זיין דא מיט מיר, אין אזא דעצידירנדיקן מאמענט אינעם טאטנס לעבן — וואס וואלט זי געהייסן טון?

מיט אזוינע געדאנקען בין איך געשטאנען לעבן טאטן און זיך צוגע־קוקט, ווי ער הייבט ביסלעכווייז אן לייכטער צו אטעמען. און אז ער איז צו זיך געקומען, איז מיר געווארן פרייליכער אויפן הארצן און כ׳האב זיך בפירוש געפרייט, וואס איך וועל ווייטער האבן פאר וועמען זיך צו זארגן און וואס איך בין נישט אינגאנצן עלנט אויף דער וועלט.

קען זיין, אז ווען מיין טאטע שטארבט דעמאלט, וואלט איך שוין אויך איצט נישט געווען מער אויף דער וועלט. ווייל דער שפיטאל האט דאך מיך אויסגעהיט פון אסך צרות.

לייזן . . .

עטלעכע טעג נאך יום־כיפור רופט מיך דער טאטע צו און הייסט מיר א קוק טון אונטער דער קאלדרע און אים זאגן, פארוואס אים בייסט אזוי אויף א געוויסן ארט. כ׳האב א קוק געטאן און כ׳האב דערזען דאס, וואס

כ'האָב אייגנטלעך דערוואַרט צו זען: לייז.

כ'האָב דעמאָלט גוט פאַרשטאַנען מיין עלנטן טאַטנס בושה, געמישט מיט פאַרדראָס, אַז ער דאַרף זיין טאָכטער ווייזן זיין נאַקעטן גוף און זי בעטן, זי זאָל אים באַפרייען פון די מיאוסע פּאַראַזיטן, וואָס פּייניקן אים. געוויינטלעך, געזונטערהייט, פלעגט די מאַמע זיין זיין באַדינערן.

כ'האָב ערגעץ באַקומען אַ גערדיכט קעמל און כ'האָב אים פאַמעלעכקע אויסגעקעמט דעם קערפּער, דערנאָך האָב איך אים אַרומגעוואַשן מיט ליזאָל, אַזאַ מין דעסאינפעקציע-מיטל. דעם טאַטנס פריידי איז געווען נישט צו באַשרייבן. ער איז גאַר געוואָרן אַן אַנדער מענטש. ער האָט מיך אַרומגענומען מיט דער לינקער האַנט, וואָס ער האָט נאָך געקענט מיט איר אַ ביסל באַוועגן, און האָט מיך געהאַלדזט און געקושט, מיט טרערן אין די אויגן, און מיר גערדאַנקט, וואָס כ'האָב אים ריין געמאַכט.

כ'האָב אים געזאָגט, אַז פאַר מיר, פאַר זיין טאָכטער, דאַרף ער זיך נישט שעמען און כ'האָב אים געהייסן, אַז ווי־נאָר ער וועט דערפילן, אַז סע הייבט אים ווידער אָן צו בייסן, זאָל ער מיר תיכף דערציילן.

אַזוי זענען זיך די טעג געגאַנגען. דאָס קראַנקן־הויז איז שוין געווען באַלייגט מיט אַן ערך 150 קראַנקע, לרוב שווער־קראַנקע. אסך זענען געלעגן אויף טיפוס. כ'בין אַרומגעלאָפן אַ הונגעריקע פון בעט צו בעט, סיי טאָג סיי נאַכט, און כ'האָב טיילמאָל געפילט, אַז די כוחות גייען מיר אויס. כ'פלעג מיך נאָר דעמאָלט צוזעצן אויף מיין פאָטערס בעט, צו־פונס, און זיך אַביסל אָפּרוען די פאַרמאַטערטע פיס, ווען די קראַנקע פלעגן מיך שטאַרק בעטן, אָדער ווען מע פלעגט מיך פאַרבייטן אויף אַ שעה, צוויי. דאָס האָט זיך אָבער געטראָפן זעלטן, ווייל מ'איז געווען פאַרביטערט און מ'האָט נישט געטראַכט פון קיין צווייטן.

איך האָב געמוזט אַרבעטן מערער פון אַלעמען שוין בלויז דערפאַר אַליין, ווייל מיין אומגליקלעכער פאָטער האָט געהאַט אַ בעטל דאָ אין שפּיטאָל און כ'האָב מיר אויסגעמאָלן, אַז כל־זמן מע וועט מיך באַדאַרפן, וועט מען מיך לאָזן האַלטן דעם פאָטער אויך מיט זיך. האָב איך דערפאַר געוואָלט, — אַז מיין אַרבעט זאָל זיין חשוב און אומפאַרבייטלעך.

דער קאָמאַנדאַנט האָט שוין געוווסט פון אונדזער שפּיטאָל און אין די ערשטע שחיטה־טעג פלעגט מען אונדז טאַקע נישט טשעפּען. נאָכדעם ווי דר. גורעוויטש איז אוועק מיט דער ערשטער אַקציע, האָבן זיך דערפאַר ביסלעכווייז אַלע דאָקטוירים פאַרשריבן אין שפּיטאָל אַריין.

פעסיע זאַלצמאַן

דער שטאַב פונעם שפּיטאָל
און אזוי געטאָ־אָנגעשטעלטע

אַט איז דער סטעף פון אונדזער שפּיטאָל, אויף וויפל מיין זכרון טראָגט מיר:

פאַנאַריאַוו, א פעלדשער;
דר. חנוך, א גינעקאָלאָג;
דר. דאַמיע, א כירורג;
דר. דאַמיע (זיין פרוי), אַן אוראָלאָגן;
דר. דאַנעמאַן, א רענטגענאָלאָג און פּרויען־ספּעציאַליסט;
דר. וואַפּסי, אינערלעכע קראַנקהייטן, אַן איידעם פונעם באַוווסטן שטאַרך פון דווינסק;
דר. ראָזנבלום, אינערלעכע קראַנקהייטן;
דר. ביילינסאָן;
דר. סעגאַל;
דר. כאַטשיאַנץ, א גרוזין;
דר. לאַנדע, פון ריגע, א כירורג;
דר. באַרים סעמיאַנאָוויטש וואַפּסי, ספּעציאַליסט אויף הויט־קראַנקהייטן, דעם באַרימטן אַרטיסט מיכאָעלסעס א ברודער;
דענטיסטן זענען געווען:
דר. סילין;
דר. קווין;
דר. מולער;
דר. פּרעזמאַ;
פרוי דר. כאַטשיאַנץ, די פרוי פונעם דר. כאַטשיאַנץ און נאָך.
קראַנקן־שוועסטער:
ביילינסאָן;
טאַליץ;
פאַנאַריאַוו;
טאַדער־גורוויטש, אַן אַקושערקע און איך אַליין;
די אַפּטייקערן איז געווען עלע וואַפּסי; די אויגן־דאָקטערן — דר. קרווין (מיידל־נאָמען פּיין, פון ליבאַו, לעטלאַנד.)
אין קאָמיטעט („יודען־ראַט״) זענען געווען:

מישע מאָוושענזאָן:
בערל ראַפּאַפּאָרט, פון דער מעבל־פאַבריק:
יאָשע קרוין:
פרוי עדלשטיין:
דר. דאַנעמאַן, דער הויפּט פונעם קאָמיטעט.
פּאַליציאַנטן (אחוץ, פאַרשטייט זיך, די לעטישע) זענען געווען:
דימאַנט, פונעם קינאָ גראַנד עלעקטראַ,
זיין ברודער, פונעם פּאַפּיר־געשעפט:
פּאַסטערנאַק פון קרעסלאַווקע
און אַנדערע.
אין דער חברה קדישא זענען געווען:
נחום אַפּטער:
סטריקאָוויטש, א ייד פון דער אַלטער שטאָט:
ביים פּראָוויאַנט איז געווען באַשעפטיקט פרוי לאַנדאַו:
אין קיך — פרוי ראַפּאַפּאָרט (פון דער מעבל־פאַבריק):
אין מאַגאַזין, וווּ מ׳האָט פאַרטיילט ברויט — פרוי וואַלדנבערג, פונעם פּאַפּיר־געשעפט: פרוי לעווין, פון דער קאָנפעקטן־פאַבריק, און נאָך אַנדערע:

אין געטאָ איז אויך געווען א שניידעריי און א שוסטעריי.

די דאָקטוירים, וואָס האָבן נאָך געהאַט אייגענע, פלעגן אַוועקגיין שלאָפן אין די באַראַקן און איך פלעג אַליין בלייבן אין שפּיטאָל מיט די קראַנקע. טאָמער האָט אמאָל עמיצער געמוזט האָבן תיכף א דאָקטער, צי אַז עמיצער האָט געהאַלטן ביים אויסגיין, פלעג איך גיין אין דער פינצטער איבערן געטאָ זוכן א דאָקטער. כאָטש כ׳האָב געוווּסט, אַז די לעטישע גזלנים, אונדזערע „היטערס", דרייען זיך דאָ אַרום, מיט ביקסן אין די הענט און כאָטש ס׳האָט זיך מיר נישט איינמאָל אויסגעדאַכט, אַז יענער־אָ לעט צילעוועט זיך אויף מיר פון דער ווייטנס און דערשיסט מיך באַלד. מיט אזא פּחד פלעג איך גיין אין די נעכט וועקן א דאָקטער אָדער די פרוי וואַפּסי, וואָס זי איז געווען די אַפּטייקערן און געהאַט דעם שליסל צו די מעדיצינען.

די כוחות גייען מיר אויס

כ׳האָב נאָך אַלץ נישט געהאַט קיין אָרט, וווּ זיך אַוועקצולייגן און א ביסל אויסצוהיען די פאַרמאַטערטע ביינער און כ׳האָב פּלוצים דערפילט אין מיר אזא מידקייט, אַז כ׳האָב פאַרשטאַנען, אַז מיט מיר וועט באַלד

עפּעס געשען. כ'האָב זיך שטאַרק געביטן אי אינעם אויסזען און אי אינעם טעמפּאַ פון מיין אַרבעט. און די דאָקטוירים האָבן מיך געבעטן, כ'זאָל מיר זוכן אַן אָרט וווּ צו שלאָפן, ערגעץ צווישן מיינע באַקאַנטע, ווייל אויב איך וועל זיך אוועקלייגן, איז ווער'זשע וועט זיך אָפּגעבן מיט מיין טאַטן?

כ'האָב נישט געוואָלט און כ'האָב נישט געקענט דערוואַרטן, אַז פרעמדע מענטשן זאָלן מיר טון טובות: די דאָקטוירים און דער גאַנצער שפּיטאָל־סטעף זענען געווען צוגעבונדן צום שפּיטאָל נאָר דערפאַר, ווייל מ'האָט געוווּסט, אַז ד ע ר ו ו י י ל נעמט מען נישט קיינעם פונעם שפּיטאָל, אויף צו דערשיסן. אָבער קיינעם איז נישט געלעגן אין זינען טאַקע אויף אַן אמת צו קורירן די קראַנקע, ווייל היינט־מאָרגן וועט מען דאָך סיי־ווי אַלעמען דערשיסן.

מיין פאָטער האָט געדאַרפט האָבן אַזאַ אויפמערקזאַמקייט, וואָס קיינער, אחוץ מיר, וואָלט זי אים נישט געקענט געבן. אָבער איך פיל, אַז די כוחות גייען מיר אויס און איך פאַל ממש פון די פיס. כ'האָב גענומען זוכן אַ פּלאַץ, וווּ כ'זאָל מיר כאָטש עטלעכע מאָל אַ וואָך קענען פאַרגינען זיך אויסצורוען די ביינער. כ'האָב אַזאַ פּלאַץ געפונען ביי מיין מומע מוסיאַ קעלערמאַן. זי האָט נאָך דעמאָלט געלעבט. דער געלעגער איז באַשטאַנען פון דריי ברעטלעך און מער גאָרנישט.

אַז כ'האָב געזאָגט מיין טאַטן, אַז איך גיי שלאָפן צו מיינע קרובים, האָט ער זיך זייער שטאַרק דערשראָקן. מיט די אומעטיקע אויגן האָט ער מיך געפרעגט און מיך ווי געבעטן:

— „לאָזסט מיך דאָ איבער אַליין? ווער וועט דען אפילו וועלן צוגיין צו מיר?"

ער האָט געמיינט נישט־אַנדערש, אַז כ'וועל שוין מער נישט צוריקקומען צו אים. כ'האָב אים באַרואיקט און כ'האָב אים געבעטן, ער זאָל קיינעם נישט באַמיען. איכ'ל קומען אין דער פרי, וועל איך אים ריין מאַכן.

כ'האָב נישט געוואָלט באַמיען קיינעם פון די קראַנקן־שוועסטער און פון די קראַנקע, נישט קוקנדיק דערויף, וואָס אַלע האָבן מיר געהייסן גיין זיך אָפּרוען און זיי וועלן דערווייל אַכטונג געבן אויף מיין פאָטער.

כ'האָב זיך געזעגנט און כ'בין אַוועק צו מיין ניי געלעגער.

אין דער 71־סטער פּאַלאַטע

כ'בין אַריין אין דער 71־סטער פּאַלאַטע. אַלע זענען שוין געלעגן אויף די האַרטע געלעגערס. ווער ס'איז שוין געשלאָפן און ווער ס'האָט נישט געקענט אַנטשלאָפן ווערן, ווייל דער הונגער האָט געמאַטערט, אָדער

פינצטערע טראכטענישן. כ׳האב מיך אוועקגעלייגט שלאפן. צום ערשטן מאל אין פיר חדשים האב איך מיר איצט פארגונען א ביסל אויסצוציען די פארמאטערטע ביינער. נאר שלאפן האב איך נישט געקענט. כ׳בין געלעגן און געקוקט אויף די מענטשן, וואס ליגן ווי פארמשפטע, וואס ווארטן אויף זייער טאג.

אט הער איך, ווי פרוי זייער שרייט פון שלאף, אדער נישט פון שלאף, און רופט אירע דערשאסענע צוויי קינדער. אט שרייט אן אנדערע און פארשעלט זיך, פארוואס זי איז נישט אוועק מיט אירע עלטערן. אט הער איך, ווי איינער פייפט זיך שטיל דאס לידל „מיין שטעטעלע בעלץ״.

כ׳האב זיך ארומגעקוקט אין דער פינצטער און כ׳האב זיך איינגעהארכט: ווער זינגט דאס אזוי? דאס פארבענקטע פייפן האט אין מיר אויפגעוועקט אלע וואונדן, וואס זענען נאך דעמאלט נישט געווען פארהיילט און זיי וועלן זיך טאקע קיינמאל נישט פארהיילן.

די באראקן זענען פאר מיר געווען א נייס. כ׳האב זיך שוין געהאט צוגעוווינט אין שפיטאל צו האבן צו טון נאר מיט קראנקע און ארומצולויפן פון איין בעט צום אנדערן. וויאזוי די יידן אין די באראקן לעבן, האב איך נישט געוווסט. כ׳פלעג אפשר איינמאל א וואך ארוים אין הויף אריין אויף עטלעכע מינוט, ווען כ׳האב געדארפט אויסבעטלען א קארטאפל פאר מיין פאטער. כ׳פלעג זיך קיין סך נישט זאמען, ווייל כ׳האב דאך געוווסט, אז מיין פאטער קוקט־ארוים אויף מיר.

איינמאל, ליגנדיק אזוי אויף די ברעטער, זע איך, ווי באסיא קלינג, א יונג, אינטעליגענט מיידל, וואס זי האט שוין געהאט אנגעווירן אירע עלטערן און איר ברודער, האלט ארייגערוקט דעם קאפ אין א צעבראכענעם אויוון און זוכט א קויל פייער, זיך צו דערווארעמען. דערביי פייפט זי זיך צו עפעס וויינענדיקס, שטילערהייט, כדי נישט צו שטערן דעם „זיסן״ שלאף פון די שלאפנדיקע. דאס געזאנג פונעם עלנטן קינד, וואס האט זיך ארומגעוואלגערט דא אין געטא א הונגעריקע און א פארביטערטע און געווארט אויף איר יום־הדין, וואס קען חלילה קומען א ליאדע טאג, האט געריסן ביים הארץ.

צוליב אזוינע און ענלעכע בילדער איז די נאכט אריבער אינגאנצן אן שלאף. נאר פארטאג, ס׳איז כמעט נאך געווען פינצטער, בין איך אוועק צום טאטן. די פרייד פונעם טאטן, אז ער האט מיך דערזען אריינקומען, איז געווען אין לשער. ערשט איצט איז מיר קלאר געווארן, אז ער האט טאקע געבער געמיינט, אז כ׳על שוין מער צו אים נישט צוריקקומען. איין גאט ווייסט, וואס פארא פינצטערע געדאנקען ס׳האבן אים א גאנצע נאכט געמאטערט.

כ׳האב אים ריין געמאכט, אי־דאס מיט מער געטרייסאפט ווי געוויינטלעך. אבי ער האט קיינעמנישט מטריח געווען באנאכט. דאס דארף זיין אינגאנצן מיין ארבעט. אזוי האט דאך די מאמע געוואלט.

אזוי פלעג איך עטלעכע נעכט א וואך אוועקגיין שלאפן. ביטער איז מיר געווען, וואס אז איך פלעג דעם טאטן ריין מאכן, פלעג איך נישט האבן וואס אים איבערצוטון, ווייל ער האט מער נישט געהאט ווי די איינע פאר וועש אין וועלכע ער איז געקומען אין געטא אריין, איז ביז די וועש זיינע זענען טרוקן געווארן, פלעגט ער מוזן ליגן א נאקעטער, צוגעדעקט נאר מיט א מאנטל, וואס כ׳האב באוויזן ארויסצוגנבענען פון דער וואנט, בשעת מ׳האט מיר ארויסגעטריבן פון דער היים.

ס׳איז נישט געווען קיין נאכט אז קיין טויטע אין געטא. קינדער פלעגן שטארבן מער פון דערוואקסענע. כ׳האב געהאט א גרויס באדערפעניש, זיך א ביסל ארויסצורעדן פונעם הארץ און זיך א ביסל אויסצווויינען, נאר כ׳האב נישט געהאט פאר וועמען. פלעג איך אמאל בעטן, מע זאל מיך לאזן באלייטן די טויטע, ווייל אויפן גריוועך בית־עולם איז געלעגן מיינע א מומע, שרה שניידער, מיין מאמעס א שוועסטער — האב איך געוואלט אויפזוכן איר קבר און פאר איר אויסדערציילן מיין אנגעווייטיקט הארץ. ס׳האט נישט גענומען לאנג, האב איך געפונען דעם קבר אירן. כ׳האב זיך פאר איר גוט אויסגעוויינט און כ׳האב זי געבעטן, זי זאל מיר העלפן אריבערטראגן די צרות מיינע, נישט אזוי צוליב מיר, ווי צוליבן קראנקן טאטן, וואס ער דארף מיך האבן און וואס אחוץ מיר האט ער מער קיינעמנישט, וואס זאל אויף אים וועלן אפילו א קוק געבן.

כ׳בין זייער אפט געווען אויף די לוויות, כאטש א מת האט נישט געטארט באלייט ווערן מער ווי פון 10 ביז 12 מענטשן. אבער דער הער נחום אפטער, דער הויפט פון דער חברה קדישא, האט שוין געוווסט, אז אין שפיטאל געפינט זיך פרענקלס א טאכטער, וואס איר איינציקער פארגעניגן איז גיין אויפן בעת־עלם זיך א ביסל אויסוויינען ס׳הארץ — פלעגט ער מיך זייער אפט ארייננשרייבן אין דער רשימה פון די באלייטערס.

צוריקקומען פונעם בית־עולם פלעג איך מיט א שמייכל, כדי דער טאטע זאל נישט כאפן ווו איך בין געווען.

דער ביטערער 9־טער נאוועמבער

ס׳האט זיך דערנענטערט דער 9־טער נאוועמבער 1941. דעמדאזיקן טאג האבן מיר דערווארט מיט גרויס שרעק, ווייל דאס איז געווען דער טאג, ווען הערשל גרינשפאן דערשאסן האט אין פראנקרייך דעם דייטשן מיניסטער פאן ראט און די דייטשן פלעגן דערפאר אין דעם טאג אנטון

די יידן ביטערע צרות, אי אין דייטשלאנד און אי אין די פארכאפטע לענדער.

מיר האבן פארויסגעפילט צרות, און אז עפעס שרעקלעכס וועט זיך טרעפן. אונדזער פארגעפיל האט זיך באזירט אויף דעם, וואס מיר האבן געזען ארום זיך. און געזען האבן מיר, ווי די גזלנים גרייטן זיך צו דעם טאג גאנץ אפן.

ס'איז ארויס א באפעל, אז מע מוז אפליווערן אלע ווערט־זאכן, ווי למשל: גאלד, בריליאנטן, טייערע מאנטלען, פוטער וכדומה; ס'זאל ביי אונדז גארנישט נישט בלייבן, אנישט וועט מען אויפהענגען 300 יידן מ'האט פון זיך אנגעהויבן אוועקצוגעבן אלצדינג, וואס מ'האט פארמאגט, און מ'איז נאך געווען צופרידן, אבי אויסצומיידן אן אומגליק. מ'האט געזאמלט ביי אלעמען, מ'האט כמעט קיינעם נישט דורכגעלאזט. איך האב אפגעגעבן מיין קידושין־פינגערל און נאך א פינגערל, וואס די מאמע האט מיר געגעבן א מתנה, ווען כ'בין אלט געווארן 20 יאר און וואס כ'האב געשווירן, אז כ'וועל עס נישט אראפנעמען פונעם פינגער וויפל כ'וועל לעבן. כ'האב אויסגעטאןביידע פינגערלעך, זיי א קוש געטאן און זיי אריינגעווארפן אינעם גרויסן קאסטן, וואס די גזלנים האבן אוועקגעשטעלט אין יידישן קאמיטעט, אז מיר זאלן אים אנפילן מיט אונדזערע אנטיקן. דער טאטע האט נישט געקענט פארשטיין, פארוואס איך טו עפעס אויס די פינגערלעך און וואהין איך איל זיך אין אזא גרויסן פראסט.

דערנאך האט מען ארויסגעגעבן דאקומענטן אלע, וואס האבן געארבעט ביי די דייטשן אין שטאט און אלע, וואס האבן געארבעט אין געטא ביי שניידעריי און אין קיך און אויך די, וואס האבן געהאט פאפירן, אז זיי זענען דאקטוירים אדער דענטיסטן.

איך האב נישט געהאט גארנישט צו וויזן, סיידנס דעם טאטן אויף מיינע הענט. כ'האב אפילו ניט געהאט מיט וועמען זיך אן עצה האלטן, ווייל די מאמע איז שוין אויך לאנג נישט געווען.

כ'האב יא געהאט צוויי קוזינעס, ראזע בלומקין און אידע קריצער, און זיי האבן גוט געקענט מיינע צרות. העלפן האבן זיי מיר אבער נישט געקענט קיין סך, ווייל זיי זענען אליין געווען אין א סכנה, כאטש זייערע מענער זיינען געווען מזלדיקע, געהאט דאקומענטן. איז זיי איינגעפאלן אזא זאך: זיי האבן פאר מיר אויסגעזוכט א מענטשן, וואס איז געווען וויליק, מיך ארויפצושטעלן אויף זיין דאקומענט. כ'האב נאר געדארפט בייטן מיין נאמען אויף דאגים. מיר איז די זאך נישט איינגעגאנגען, כאטש ס'האט זיך געהאנדלט אין ראטעווען מיין לעבן. כ'האב געהאט בטחון, אז גאט וועט מיר העלפן אויף אן אנדער אופן.

אזוי איז טאקע געווען. געקומען צו גיין צו מיר א קאוונער פרוי, ריווא מאלארסקא און מיר פארגעלייגט, איך זאל אריבערגיין אין די ארבעטס־באראקן זיך דארט אויסבאהאלטן. און סע קען זיין, אז עמיצער פון די ארבעטער וועט מיך קענען ראטעווען.

כ'האב פון אונטערן טאטנס קישן ארויסגענומען א זייגערל, וואס כ'האב דארט געהאלטן באהאלטן פאר אן עת־צרה, כ'האב עס איר דערלאנגט, טאמער דארף זי עמיצן אונטערקויפן, און כ'בין אריין אין דער ארבעטס־פלאטע א קוק טון, ווי גרייט מען זיך דארט צום פינצטערן יום־טוב. דאס איז געווען דעם 7־טן נאוועמבער באנאכט. כ'בין אריין און געווארט: וואס וועט דא איצט פארקומען?

כ'האב קיין סך נישט געדארפטווארטן. ס'איז אריין דער קאמענדאנט פונעם געטא, א מערדער א לעט, וואס ביי אים איז שיסן געווען אן אפן פארגעניגן, און ער האט אנגעהויבן אויסצורופן די נעמען פון די, וואס ארבעטן ביי דייטשן מחוץ דעם געטא.

ס'האט זיך מיר אויסגעדאכט, אז ער האט אויף מיר א קוק געגעבן און כ'האב תיכף פארשטאנען, אז ס'וואלט פאר מיר אסך געזינטער געווען, ווען כ'בין גראד איצט אין שפיטאל. כ'האב זיך געגעבן א גנבע ארויס פונעם צימער און כ'בין אין איין אטעם ארויף די טרעפ צוריק אין שפיטאל אריין. דער טאטע האט דערקענט, אז דאס לויף איך ארום ווי א פארסמטע מויז זיך צו ראטעווען, האט ער מיך גענומען צודריקן צו זיך, ווי ער זאל מיך וועלן באוואיקן. די נאכט איז אריבער אין גרויס הארץ־קלאפעניש און ס'איז אנגעקומען דער פינצטערער פרייטיק, דער 8־טער נאוועמבער. אין דרויסן האט אי גערעגנט און אי געשנייט און ס'איז געווען פונקט אזוי פינצטער ווי אויפן הארצן. כ'האב געציטערט, דער קאמאנדאנט זאל מיך נישט דערזען און זאל זיך נישט דערמאנען, אז דאס האב איך מיך געוואלט אויסבאהאלטן צווישן די ארבעטער. און פאר אזא זאך איז נאר געווען איין שטראף: דערשיסן.

גלייך אין דער פרי איז אריין מיין קוזינע אידע און מיך גענומען בעטן מיט טרערן אין די אויגן, איך זאל רחמנות האבן אויף זיך און אויפן טאטן און כ'זאל בייטן מיין נאמען. כ'האב ווידער נישט געוואלט הערן דערפון און כ'האב זיך ווידער פארלאזט אויף גאט. איז זי נעבעך אוועק א פארביטערטע און געמיינט, אז היינט וועל איך מיך שוין זיכער נישט ארויסדרייען פון די גזלנישע הענט. דערנאך איז אריין מיין צווייטע קוזינע, אויך מיט א געוויין, כ'זאל מיר בייטן דעם נאמען, נאר כ'האב איר אויך אפגעזאגט.

— „אפשר האסטו — האט זי פאר מיר געקלאגט — א ביסל סם פאר מיין מאמען. זי האט נישט קיין דאקומענט און מע וועט זי היינט זיכער אוועקפירן אין גאז ווייסט וואהין."

כ'האב נישט געהאט קיין סם אפילו פאר זיך אויך נישט. איז זי אוועק און אפשר געמיינט, אז כ'האב יא, נאר איך וויל איר נישט געבן קיין ביסל סם פאר מיין טייערער מומע מוסיע.

ארום מיר האבן זיך טייל מענטשן געראטעוועט דורך א דאקומענט און טייל האבן זיך אנגעגרייט מארפיום, כדי נישט ארייגצופאלן אין די גזלנישע הענט אריין — און איך אליין האוועארום די קראנקע, איך טו וואס זיי בעטן מיך און איך טראכט גארנישט דערפון, אז איך אליין בין אין גרויס סכנה.

פלוצים איז מיר איינגעפאלן אזא געדאנק: כ'וועל אריבערגיין אין יידישן קאמיטעט און ביי זיי בעטן א דאקומענט, אז איך ארבעט שוין מער פון 4 חדשים אין קראנקן־הויז און אז זיי זענען צופרידן מיט מיין ארבעט. געזאגט און געטאן. כ'בין אראפ אין הויף. דער הויף איז געווען געפאקט מיט צוויי קאטעגאריעס מענטשן: די, מיט דאקומענטן אין די הענט, זיי זענען דערוווייל געווען פארזיכערט מיטן לעבן, און די, אן דאקומענטן, זיי האבן זיך געשלאגן מיטן קאפ אין דער וואנט, פון פאר־צווייפלונג. כ'האב זיך דורכגעשטופט צווישן די מענטשן און בין אריין צום קאמיטעט. כ'האב צו זיי געדארפט אסך רעדן און זיי פארזיכערן, אז דאס בעט איך דעם צעטל נישט פאר זיך, נאר פאר מיין פאטער.

— „שטעלט זיך פאר אויף א מינוט, אז ס'איז נישט מיין פאטער, נאר אייערער, און ער בלייבט איצט א צוגעבונדענער צום בעט און אן קיין שום הילף" — אזוי האב איך געטענהט.

זיי האבן מיר צוגעזאגט ארויסצוגעבן א צעטל, אבי נישט צו האבן מיין פאטער אויף זייער געוויסן. איבעריקנס האבן זיי אפגעשאצט מיין ארבעט און מיך זייער ליב געהאט.

אזוי איז זיך די צייט נעגאנגען און מ'איז נאר געווען פארנומען מיט איין געדאנק: ווען וועט זיין דער יום־הדין — היינט, צו נישט היינט?

כ'האב אינגיכן געהאט פרישע געסט. ראזע זאלצמאן, א שוועגערן מיי־נע, איז צו מיר געקומען, אינאיינעם מיט אירער א שוועסטער, פאניא מורינא. זיי האבן מיר מיט פרייד דערציילט, אז א קוזין זייערער, לייזער מורין, האט זיי ביידן צוגעשריבן אויף זיין דאקומענט, איינע פאר א פרוי און איינע פאר א שוועסטער.

— „נאר דו אליין האסט זיך נאך פון קיינעם נישט געלאזט צושרייבן, און ווער ווייסט, וואס דער סוף וועט זיין מיט דיר."

זיי האָבן זיך מיט מיר געזעגנט. מיר האָבן זיך צעקושט און זיך גוט אויסגעוויינט. דערנאָך זענען זיי אריין אין צימער פון די „גליקלעכע" ארבעטער און איך בין געבליבן א פארשלאָסענע לעבן מיין פאַטער, וואָס האָט אפילו נישט אָנגעהויבן צו ווייסן, וואָס פארא סכנה סע הויערט אויף אונדז ביידן.

פרייטיק באַנאַכט זענען אָנגעקומען ס. ס.־מענער מיט נאַגאַיקעס אין די הענט און מיט געלאָדענע רעוואָלווערן און שיכורע לעטן מיט אויגן רויט פון רציחה. מיט ווילדע געלעכטערס האָבן זיי אָנגעהויבן ארויסשלעפּן מענטשן פון די באַהעלטענישן און אַזוינע, וואָס האָבן קיין דאָקומענטן נישט געהאַט. דער טומל איז געווען נישט צום באַשרייבן. אין טומל האָבן זיך געהערט שיסערייען. מיר זענען אַלע געווען פארשטיינערט און וויינ־ציק־וואָס געטראַכט וועגן זיך, ווייל די געשעענישן האָבן זיך געביטן אַזוי גיך ווי אין א פילעם און זיי האָבן אונדז איינגאַנצן פארכאַפּט. מ'האָט מיר שטילערהייט איבערגעגעבן די נייס אז מ'האָט נאָר־וואָס אוועקגעפירט דערשיסן מיין שוועגערן ראָזע און איר שוועסטער פאַניע, ביידע צעשלאָ־גענע־ צעממיתטע, ווייל דער לעטישער קאָמאַנדאַנט האָט ארויסגעגעבן, אַז זיי זענען נישט מורין, נאָר זאַלצמאַן.

אַזוי־אָ, איינס און צוויי, האָב איך אָנגעווירן מיינע צוויי קרובות, וואָס ערשט מיט עטלעכע שעה פריער זענען זיי געווען גליקלעך מיט זייער צעטל צום לעבן און באַווייזט האָבן זיי נישט זייערע צרות, נאָר גאָר מיינע...

די, וואָס מ'האָט געפונען אין באַהעלטענישן, האָט מען תיכף אויפן אָרט דערשאָסן. אין דער גרויסער בהלה איז מען געלאָפן זיך ראַטעווען אין קראַנקן־הויז. אָבער מ'האָט דאָך נישט געקענט אַלעמען תיכף פאַר־שרייבן און באַשאַפן בעטלעך פאַר אַלעמען, ווייל די גזלנים זענען אומע־טום פול געווען.

אָט למשל איז ארייגעלאָפן א ייד, זעליקמאַן, פון דער גריווע, און געבעטן אן אָרט. כ'האָב אים אוועקגעלייגט אויף א ברעט לעבן מיין פאַ־טער, אים האַלב אויסגעטאָן און אים פארשריבן און ער איז שוין געווען איבערגליקלעך, וואָס ער האָט זיך דערוויילע געראַטעוועט.

אין הויף האָט זיך דערווייל אָפּגעשפּילט א טייוולס־טאַנץ. מ'האָט געשאָסן פון אַלע זייטן און קיינער האָט נישט געוווּסט, וועמעס שעה ס'וועט שלאָגן אין א מינוט צי צוויי ארום. דאָ איז פלוצים אָן אַן אָטעם ארייגעלאָפן א קראַנקן־שוועסטער אין שפּיטאָל אריין און אָנגעזאָגט די נייס, אַז דער קאָמאַנדאַנט פונעם געטאָ גייט אהער מיט עטלעכע גזלנים זוכן, צי מע באַהאַלט זיך נישט דאָ און ער האָט א רשימה, ווער סע מעג

דא בלייבן און ווער סע מוז מיט אים מיטגיין. דאָס האָרץ האָט מיר אָנ־געהויבן צו זעצן ווי מיט האמערס. כ'בין צוגעגאנגען צום טאָטן און אים א קוש געטאָן. אזוי האָב איך מיך מיט אים געזעגנט, טאָמער מאכט זיך און מע פירט מיך אוועק. ווייל כ'האָב נישט געוואָלט, אז די גזלנים זאָלן זען, אז כ'האָב דאָ אן אלטן קראנקן טאָטן.

כ'בין געשטאנען און געווארט אויף מיין גורל. כ'בין געשטאנען נישט ווייט פונעם טאָטנס בעט. ווי א ווילדער איז פלוצים אריין דער לעטישער קאָמאנדאנט מיט א קאָפּטע לעטן און דייטשן, וואָס זענען שוין פון לאנג געווען צוגעגרייט נאָר צו איין ארבעט: אונדז פייניקן און שיסן. זיינע קולות הערן זיך שוין פון עטלעכע צימערן ווייטער. ער וואַרפט די קראנקע פון די בעטן און זוכט זיך אוים קרבנות און הייסט זיי אראָפּפירן אין הויף אריין. די, וואָס קענען נישט גיין, דערשיסט ער תיכף אויפן הויף. ער קען דאָס. די האנט גיט אים אפילו נישט קיין ציטער דערביי.

דער טאַטע ליגט א דערשראָקענער און פרעגט מיך מיט די אויגן, וואָס דאָ טוט זיך. איך בארואיק אים און הייס אים ליגן אויסגעדרייט מיטן פּנים צו דער וואנט און נישט רעדן צו מיר און מיך נישט רופן — כדי מע זאָל אים נישט באמערקן. פלוצים דערזעט ער, אז א מיידל, א באקאנטע מיינע, פעסיע טראַק, גיט א לויף אריין און באהאלט זיך אונטער זיין בעט. ער האָט עס מיר געוויזן, ווי איינער רעדט: וואָס איז דאָס? נאָר כ'האָב אים א ווונק געגעבן, אז איצט מוז מען שווייגן, האָט ער מיך פאר־שטאנען און געשוויגן א דערשראָקענער.

מ'איז פארטיק געווארן מיט דער ארבעט אין די דערבייאיקע צימערן. די קראנקע, וואָס זענען דעם קאָמאנדאנט נישט געפעלן, האָט מען גע־שלעפּט פון די בעטן און געפירט דערשיסן.

און אָט איז ער אריין, דער רוצח, אין צימער, ווו איך בין געשטאנען און געווארט, און ער האָט אויף א קול גענומען פירלייענען א רשימה פון די דאָקטוירים און פון די קראנקן־שוועסטער אין שפּיטאָל. דאָס האָרץ האָט ביי מיר אויפגעהערט צו קלאַפּן און די געדאנקען האָבן זיך אָפּגע־שטעלט. כ'בין געשטאנען א פארשטיינערטע און זיך צוגעהערט און געזען, ווי די, וואָס זענען נישט געווען אויף דער רשימה, גרייטן זיך צום לעצטן גאנג. פלוצים האָב איך ווי אין חלום געהערט אויסרופן מיין נאָמען צווישן די, וואָס בלייבן ארבעטן, לויט דער הסכמה פונעם געביטס־קאָמיסאַר.

כ'האָב געווארט, ביז די רוצחים זענען ארויס, און כ'האָב זיך ביטער פאנאנדערגעוויינט. דאָס האָב איך געוויינט אי פון פרייד און אי פונעם איבערגעלעבטן פּחד. דער טאַטע האָט איצט ערשט פארשטאנען, אז דאָ איז פארגעקומען עפּעס שרעקלעכס און ער האָט זיך אויך אזוי צעוויינט,

אַז כ'האָב אים קוים איינגעשטילט.
אַזוי איז אַוועק די פינצטערע נאַכט. עטלעכע טויזנט קרבנות האָט זי אונדז אָפּגעקאָסט.

שבת, דער צווייטער שחיטה־טאָג

צו מאָרגנס, שבת אין דער פרי, האָב איך דערזען דורכן פענצטער, ווי ס'ע דערנענטערט זיך ווידער אַ באַנדע ס.ס.־לייט, באַלייט פון לעטישע באַנדיטן, מיט ביקסן און מיט נאַגאַיקעס אין די הענט. דער דאָרשט נאָך יידיש בלוט איז נאָכנישט געוועזן געשטילט. ס'איז אַרויס אַ באַפעל, אַז אַלע זאָלן זיך תיכף פאַרזאַמלען אין געטאָ־הויף.

מיט מיר אין שפּיטאָל איז געווען אַ קראַנקן־שוועסטער, ברין (אַ געוועזענע לאַפּידוס, פון גאַיאַק־דווינסק. זי האָט אַמאָל געוואוינט לעקציעס ביי מיין ברודער שאול (איצט אין ארץ־ישראל). פון דעמאָלט אָן זענען מיר געוואָרן זייער נאָענטע חברטעס און זיך תמיד געהאַלטן אינאיינעם. האָבן מיר איצט ביידע באַשלאָסן, נישט אַראָפּצוגיין אין הויף אַריין און זאָל זיין וואָס ס'ע וויל. נישט שטיין און וואַרטן, אַז מ'ע זאָל דיך אָפּריער פּייניקן, דיר האַקן איבערן קאָפּ ווי אַ הונט, און דערנאָך דיך פירן דערשיסן. בשעת־מעשה האָט זיך אין הויף אָנגעהויבן אַ נייע אַקציע. אַ פּאַרסאָפּעטער איז אַריינגעפאַלן אין שפּיטאָל אַריין אַ ייד, שאַלמאַן, וואָס זיין פרוי איז דאָ געלעגן אויף טיפוס. זי אַליין איז געווען אַ קראַנקן־שוועסטער, טאַקע דאָ אין שפּיטאָל. ער האָט מיך געבעטן, איך זאָל אים לאָזן זיך באַהאַלטן אונטער זיין פרוים בעט, ווי האָב איך אים אַזאַ זאַך געקענט פאַרווערן? האָט ער זיך אַוועקגעלעגט אונטער איר בעט און איך האָב אים נאָך צוגעדעקט מיט אַלטע זאַכן, וואָס כ'האָב פון זיינעטוועגן גענומען ביי אַ באַקאַנטער פרוי מיינער. כ'האָב אפילו נישט באַוויזן צו דערציילן דער שוועסטער ברין, אַז אונטער דעם און דעם בעט ליגט אַ ייד באַהאַלטן — ווייל תיכף זענען אַריין עטלעכע דייטשן און עטלעכע ציווילע לעטן, מיט אויסגעשטרעקטע ביקסן אין די הענט און אַ רעווע געטאָן:

— „לאָס! שנעל הערויס פאָן היר!"

די קראַנקן־שוועסטער האָט זיך נישט פאַרלוירן און זי האָט געענטפערט, אַז אונדז האָט מען באַפוילן, נישט פאַרלאָזן דעם שפּיטאָל, נאָר זיין דאָ און היטן די קראַנקע.

אויב אַזוי, האָבן זיי ביי אונדז גענומען די רשימה פון די קראַנקע און גענומען ציילן, צי אַלץ שטימט, נאָר אָפּריער האָבן זיי אונדז געלאָזט וויסן, אַז אויב זיי געפינען דאָ מערער מענטשן ווי אויף דער רשימה, וועלן זיי אונדז תיכף דערשיסן.

אינאיינעם מיט די קינדער האָבן מיר דעמאָלט געהאַט 120 קראַנקע.

איך ברענג דעם טאַטן א „גוטע" בשורה — מיט א כוונה

פלוצים הער איך, ווי איין לעט זאָגט צו א צווייטן, אויף לעטיש, אז מע מוז די קראנקע פּאַרלאַדעווען אויף אויטאָס און אוועקפירן. כ'האָב זיך אזוי דערשראָקן, אז כ'האָב געפילט, איך פאַל פון די פיס. הייסט עס, אז די גאַנצע מאַטערניש מיינע, וואָס דער טאַטע האָט מיך געקאָסט, איז געווען אומזיסט — און מע וועט אים טאַקע באַלד יאָ אוועקפירן שיסן? און איך וועל אים אפשר נאָך אליין דאַרפן איבערגעבן אין די גזלנישע הענט? און אזויווי ער קען נישט גיין — וועל איך אים אפשר אליין דאַרפן פירן אויף קידוש־השם? כ'האָב געפילט, אז דער מוח שפּאַלט זיך מיר, בשעת כ'האָב אזוי געמוזט שטיין און זיך צוהערן, וואָס די גזלנים רעדן צווישן זיך, און נישט טאָרן אריינשרייען אין פּנים אריין: ניין! כ'וועל איך מיין טאַטן נישט אוועקגעבן! ער איז ווערט צו שטאַרבן מיט זיין אייגענעם טויט!"

וואָס כ'האָב דעמאָלט איבערגעלעבט, ווינטש איך נישט קיינעם. און קיינער קען עס נישט פאַרשטיין, סיידנס דער, וואָס האָט עס אליין איבערגעלעבט.

וואָס טוט מען דאָ? אונדזערע ביידנס לעבנס הענגען דאָך איצט קוים אויף א האָר.

כ'בין צוגעגאַנגען צום טאַטן און אים א זאָג געטאָן פּראָסט און פּשוט:

— „טאַטינקע, זיי ווייסן, אז פון אונדז איז קיינער מער נישטאָ אויף דער וועלט, אחוץ מיר און דיר. די מאַמע, דיינע קינדער און מיין מאַן האָט מען שוין דערשאָסן. איצט זענען די גזלנים געקומען נאָך אונדז ביידן, און אפשר איז דאָס אונדזער יום־הדין„ איך קען שוין מער נישט אויפטון פאַר דיר גאָרנישט. און וועגן זיך אליין טראַכט איך נישט. אויב דו קענסט, איז בעט גאָט פאַר אונדז."

כ'האָב עס אים געזאָגט אזוי, אז ער זאָל פאַרשטיין איטלעכס וואָרט און ער זאָל באַגרייפן אז דאָס איז אונדזער סוף. כ'האָב פּשוט געוואָלט, א פון דער „גוטער בשורה" זאָל ער באַקומען א האַרץ־אַטאַקע און ער זאָל שטאַרבן טאַקע שוין, דאָ אויפן אָרט, און איך זאָל אים נישט דאַרפן איבערגעבן די גזלנים אין די הענט אריין.

מיין טאַטע האָט זיך ביטער צעוויינט און מיך צוגעדריקט צו זיך. מיר האָבן זיך האַרציק צעקושט, ווי מיטן געדאַנק, אז דאָס געזעגענען מיר זיך איצט אויף אייביק. כ'האָב אים אויסגעדרייט מיטן פּנים צו דער

וואנט, כדי די גזלנים זאָלן אים נישט אזוי גיך באמערקן און איך בין ארויס פונעם צימער. דער טאַטע האָט מסתמא אין גערדאנק געזאָגט ווידוי אי פאר זיך און אי פאר מיר. און אפשר האָט ער זיך שוין אין געדאַנק געזעגנט מיט זיינע טייערע נאָענטסטע, וואס כ'האָב אים נאָר־וואָס אויס־געזאָגט, אז זיי זענען שוין מער אויף דער וועלט נישטאָ . . .

די גזלנים האָבן גערעדט מיט דער שוועסטער ברין. כ'בין צוגעגאנ־גען צו זיי. זיי האָבן אונדז נאָכאמאָל געוואָרנט, אז זיי גייען איצט מאכן א רעוויזיע און אויב זיי געפינען דאָ עמיצן באהאלטן, וועט מען אונדז ביידע די ערשטע שיסן — דערביי האָבן זיי אונדז געשטופּט די געלאָדענע ביקסן אין פנים אריין.

מ'האָט אָנגעהויבן די רעוויזיע. זיי זענען אריין אין צימער, ווו מיין טאַטע איז געלעגן. כ'בין צוגעגאנגען צו מיין פאָטערס בעט, כ'האָב אים פארשטעלט און כ'האָב זיך איינגעבויגן, געקוקט אונטער די בעטן און כלומרשט געהאָלפן זוכן. אזויארום זענען די דייטשן שוין נישט צוגעגאנגען צו מיין טאַטנס בעט. איינער האָט מיך דורכגעשטאָכן מיט די גזלנישע אויגן, געוועזן צופרידן, וואָס איך העלף אים זוכן, און איז אריין אין צווייטן צימער, ווו הער שאלמאן איז געלעגן אונטער פרוי שאלמאנס בעט, זיך צוגעהערט צו די קולות פון די רוצחים און, פאר שרעק, אפילו מורא גע־האָט צו אָטעמען. זייער סטראשונעק האָט ער מסתמא אויך געהערט און זיך שוין געשראָקן אי פאר זיך און אי פאר אונדז. איך בין געוועזן זיכער, אז אָט־אָט געפינט מען אים און מע דערשיסט אונדז אלע דריי. דאָס הארץ איז מיר שיר נישט צעפּלאצט געוואָרן פון פארדראָס, פארוואָס צוליב מיר וועט נעבעך אומשולדיק אריינפאלן די גוטע חברטע מיינע, די שוועס־טער ברין. פארוואָס האָב איך געלאָזט א מענטשן זיך באהאלטן אונטער א בעט, און איך אפילו נישט אויסגעזאָגט?

די לעטן האָבן מיט די ביקסן געשטאָכן די פּעקלעך אונטער אלע בעטן, אונטער פרוי שאלמאנס בעט אויך, נאָר זיי האָבן גאָרנישט געפונען. איך האָב מיר בשעת־מעשה איבערגעקוקט מיט די קראנקע. כ'האָב געזען אין זייערע פנימער, אז זיי אָטעמען נישט קיינער . . .

א נס געשעט פאר אונדזערע אויגן

מיר זענען אריין אין דער קיך. מיר האָבן די מערדער נאָכאמאָל פארזיכערט — און מיר האָבן זיך מיט אלע כוחות באמיט, נישט ארויס־צווייזן, אז סע וואַרפט מיט אונדז פון פחד — אז ביי אונדז איז אלץ

אין דער בעסטער אָרדענונג. פּלוצים באַמערקט שוועסטער בריז, ווי א לעט וויל אויפהויבן אן איבערגעקערטע וואַנע, און פון אונטער דער וואַנע זעט זיך עפּעס רויטס. ווי מיט א שפּרונג איז זי פּלוצים שוין געשטאַנען לעבן לעט, אים א האַק געגעבן איבער דער האַנט און אויף קאָרעקט לעטיש א זאָג געטאָן:

— „אַז מיר זאָגן דיר, אַז אַלץ איז דאָ אין דער בעסטער אָרדענונג, זאָלסטו אונדז גלויבן.״

ער האָט די וואַנע אָפּגעלאָזט.

פון דער אַנמוראַדיקייט, מיט וועלכער די עטלעכע ווערטער זענען געזאָגט געוואָרן, איז ער, ווי על־פּי נס, געבליבן געפּלעפט און צעמישט און ער איז אַרויס פון צימער. אָבער די איבעריקע האָבן זיך, ווייזט אויס, נישט געקענט מיט אונדז אַזוי לייכט שיידן. זיי האָבן זיך אָוועקגעשטעלט קוקן אויף אונדז מיט זייערע גזלנישע, בלוט־דאָרשטיקע אויגן. וואָס זיי האָבן דערביי געטראַכט, האָבן מיר זייער גוט פאַרשטאַנען און איך פאַר־שפּאָר עס אייך צו זאָגן . . .

איינער א ציווילער לעט האָט מיך דורכגעשטאָכן מיט זיינע צוויי קוקערס און איך האָב געזען אין אים, אַז אָט־אָט נעמט ער מיך — און אויפן גערדאַנק איז מיר תיכף אַרויף דער טאַטע.

— „ווי הייסטו?״ — האָט ער מיך א פרעג געטאָן.

כ׳האָב אים געזאָגט ווי איך הייס. דערנאָך האָט זיך צו מיר געווענדט א צווייטער:

— „זי האָבען יעצט שלעכט?״

כ׳האָב אים געענטפערט, אַז ער ווייסט מסתמא, ווי גוט אונדז איז. האָט ער געהייסן, איך זאָל מיך נישט זאָרגן, ווייל איצטיקס מאָל וועט מען דאָס שפּיטאָל נישט טשעפּען. א צווייט מאָל.

מיט אַזאַ צוזאָג זענען זיי אַראָפּ אין הויף אַריין העלפן אַנדערע אין דער שחיטה.

אין הויף האָט מען דורכגעפירט די עקזעקוציע מיטן גרעסטן ברען. די קרבנות זענען געפאַלן ווי די סנאָפּעס. די געוויינען מיט די יללות זענען דערגאַנגען ביזן הימל, אָבער טאָקע נאָר ביזן הימל. אין הימל אַליין האָט זיי קיינער נישט געהערט. אין עטלעכע שעה אַרום, אַז מ׳האָט אַלע אָפּגעשיקט אין תהום אַריין, האָט דאָרט ווידער געהערשט א טויטע שטיל־קייט.

ערשט איצט איז הער שאַלמאַן אַרויסגעקראָכן פון אונטערן בעט, מיר גענומען קושן די הענט און מיר דאַנקען. נאָר וועד האָט געוואָלט זיין דאַנק? איך בין צוגעגאַנגען צו דער שוועסטער בריז און כ׳האָב נישט

געוווסט, ווי איך זאָל זיך פאַר איר פאַרענטפערן פאַר דער סכנה, וואָס האָט איבער איר געשוועבט — און אַלץ צוליב מיר. זי האָט מיך נישט געלאָזט זיך צופיל פאַרענטפערן, נאָר זי האָט מיך צוגעפירט צו דער וואַנע, זי אויפגעהויבן, און מיר האָבן דערזען אַ פרוי אין אַ רויטער בלוזע, ווי זי ליגט זיך איינגעקאָרטשעט האַלב טויט, האַלב לעבעדיק. דאָס איז געווען די פרוי אַלפעראָוויטש, וואָס זי פלעגט נייען קינדער־קליידלעך און וואָס די שניידערײַ האָט זי געהאַט אויף פעטערבורגער גאַס, אַנטקעגן קינאָ „גראַנד עלעקטראָ".

דאָ איז אַרײַנגעקומען דר. דאַמיע און אָנגעהויבן אויף אונדז צו שרייען, פאַרוואָס מיר זענען נישט געווען אונטן אין הויף, ווו מ'האָט אויסגערופן אונדזערע נעמען. מיר האָבן אים דערציילט וואָס דאָ איז געווען און מיר האָבן אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ס'איז אפשר געווען בעסער, וואָס מיר זענען נישט אַראָפּ אין הויף, ווייל ווען מע געפינט דאָ עמיצן פון די באַהאַלטענע, וואָלט מען אים געווען דערשאָסן דעם ערשטן, ווי אַ פאַרענטפערטלעכע פערזאָן. ער האָט אונדז פאַרשטאַנען און איז אַוועק צו זײַן פרוי און קינד און איך בין ווידער געבליבן אין שפּיטאָל ביי די קראַנקע.

כ'בין צוגעגאַנגען צו מײַן טאַטנס בעט. מיר האָבן זיך געקושט און זיך גוט אויסגעוויינט. כ'האָב ביי אים געבעטן מחילה, פאַרוואָס כ'האָב אים דערציילט דעם אמת, אַז אונדזערע גאַענטע זענען שוין נישטאָ. איך האָב עס געמיינט צו גוטן . . . און אפשר איז בעסער וואָס כ'האָב עס אים דערציילט, ווייל דערפאַר האָט גאָט צוגעזען זײַן צער און אים געראַטעוועט פון טויט. אַזוי האָב איך גערעדט צו מײַן טאַטן, און ס'איז מיר געווען גוט, וואָס ער האָט נאָך ווער ס'זאָל צו אים רעדן.

איך בין אַוועק זען, צי לעבט נאָך עמיצער פון מײַנע קרובים. כ'האָב געפונען די מומע מוסיע. זי האָט זיך איצט צום צווייטן מאָל געראַטעוועט. זי איז געלעגן באַהאַלטן אונטער שמאַטעס ערגעץ צווישן פעקלעך. די גזלנים האָבן זי געזוכט, געשטאָכן מיט די ביקסן די פעקלעך, נאָר — ס'איז איר נאָך באַשערט געווען צו לעבן. נאָך יעדער שחיטה פלעגן מיר זיך ווידער טרעפן און זיך אַ ביסל פרייען, וואָס מיר קענען זיך נאָך זען און מיר פלעגן באַוויינען די קרבנות.

— „אפשר איז זיי שוין בעסער פון אונדז — האָבן מיר זיך אַליין געטרייסט — מיר וועלן דאָך אויך מוזן דורכגיין זייער וועג און פילן זייער טעם. נישט היינט, איז אַ צווייט מאָל."

אַזוי איז אַריבער דער צווייטער טאָג שחיטה. טויזנטער קרבנות האָט ער אונדז אָפּגעקאָסט.

מיין מומען איז דערווייל נאך באשערט געווען צו לעבן. זי האט זיך געראטעווען צווישן פעק מיט שמאטעס אי פרייטיק פארנאכט און אי שבת.

זונטיק, דעם 10־טן נאָוועמבער 1941, דער דריטער שחיטה טאָג

דער דארשט נאך יידיש בלוט איז אבער נאכנישט געווען געזעטיקט. די רוצחים זענען ווידער געקומען און באלאגערט דאס געטא. מיר האבן ארויסגעקוקט דורכן פענצטער און דערזען, ווי זיי דערנענטערן זיך פון דער ווייטנס: ס. ס.־לייט און לעטישע פאליציי, שיכורע, מיט נאגאיקעס און מיט רעוואלווערן.

ס'איז ארויס א באפעל, אז אלע זאלן תיכף אראפ אין הויף און זיך אויסשטעלן אין רייען. ווידער האבן מיר ביידע, איך און די שוועסטער בריין באשלאסן, נישט ארויסצוגיין פונעם שפיטאל, נאר אויסווארטן דא און זען, וואס דער היינטיקער טאג וועט ברענגען.

אסך מענער זענען אוועק צו דער ארבעט און אסך זענען געבליבן אין הויף, מיט די דאקומענטן אין די הענט, ווייל מ'האט געמיינט, אז דא איז מען זיכערער מיטן לעבן. מיט אזא גערדאנק איז מען געשטאנען און גע־ווארט, אז מע זאל אריינלאזן צוריק אין די באראקן אריין. אבער, ווי איז אונדז, איצט האט שוין געשלאגן די שעה פון יענע, וואס האבן גראד יא געהאט „לעבנס"־דאקומענטן אין די הענט. די, וואס האבן נאר גע־מאכט א באוועגונג זיך צו ראטעווען, האט מען געשלעפט ביי די האר, געשלאגן אן רחמנות און געפירט דערשיסן.

כ'בין צוגעגאנגען צו א פענצטערל און דערזען, ווי אויף די טרעפ, וואס פירן צו די פאלאטעס, שלעפט מען אראפ א צעפאטלטע, א צעבלו־טיקטע איינע א פרוי גוטקין. דאס האט זי זיך געוואלט באהאלטן, האט מען זי געכאפט. (זי האט אמאל געהאט א יוועליר־געשעפט אויף ריגער גאס).

כ'בין צוגעגאנגען צו א פענצטערל און ארויסגעקוקט. כ'האב דערזען, ווי די ריי מיט די פרויען פון די ארבעטער און מיט זייערע קינדער הויבט זיך אן צו באוועגן, אבער נישט צו די באראקן, נאר צום טויער צו. א שוידער האט אונדז ארומגענומען. מיר האבן תיכף פארשטאנען, אז דאס פירט מען זיי אין וואלד אריין, ווו סע ליגן שוין אזויפיל טייערע קרבנות אונדזערע.

כ׳בין אַראָפּ אין די צימערן, ווו ס׳האָבן „געוווינט" מיינע קרובים, זען, צי איז עמיצער פון זיי געבליבן. מיין פּאָרגעפיל האָט מיך נישט אָפּגענאַרט: אין אַ ליידיקן צימער אין דער 70־טער פּאַלאַטע האָט זיך אַרומגעדרייט מיין מומע מוסיע איינע אַליין, זיך גערִיסן די האָר פון קאָפּ און באַוויינט אירע קינדער. זי האָט זיך געהאַט באַהאַלטן אונטער די פּעקלעך און די קינדער זענען אַוועק זוכן פאַר איר סם. זיי האָבן געהאַט דאָקומענטן. האָבן זיי די טייוואַלים געכאַפּט און זיי דערשאָסן. דער טויט איז אָבער נישט געווען געגנוג. מ׳האָט זיי אַפריער אַ שניט געטאָן מיט דער נאַגאַיקע איבער די קעפּ. אַזוי האָט מען אַלע פאַרן טויט מער־דערלעך געשלאָגן.

אַזוי האָבן ביי אונדז געבושעוועט דריי טעג און פאַרשניטן טויזנטער מענטשן אומשולדיקע. כ׳בין אַראָפּ אין הויף, זוכן עמיצן אַ באַקענטן, אָבער כ׳האָב נאָר געזען אַ הויף פול מיט מענטשן, וואָס האָבן שוין נישט געקענט מער גיין און מ׳האָט זיי דאָ אויפן אָרט דערשאָסן. צווישן זיי האָב איך אויך געטראָפן דעם אַלטן שואל העלערמאַן, מיין מאַמעס אַ קרוב. ער איז געווען פון די לעצטע אַלטע לייט, וואָס האָבן געוווינט אונטן אין די באַראַקן, וואָס מ׳האָט אויסגעשאָכטן. אין די דריי שחיטה־טעג האָב איך אָנגעווירן 11 מענטשן. געבליבן זענען פון אונדזער גרויסער משפּחה נאָר 5 נפשות. איך בין געווען איינע פון די 5, כאָטש כ׳האָב מיין נאָמען נישט געביטן.

אַרום 4 אַ זייגער פאַרנאַכט זענען די מענער־אַרבעטער צוריקגעקומען פון דער אַרבעט. ביטער און פינצטער איז זיי געוואָרן, אַז זיי האָבן קיי־נעם פון זייערע נאָענטע נישט געטראָפן. אַסך האָבן נאָך דעם אייגענעם אויפדערנאַכט זיך געוואָלט נעמען דאָס לעבן. מיין קוזין מענדל העלערמאַן האָט געכאַפּט אַ מעסער און זיך געוואָלט קוילען. מ׳האָט אים קוים אָפּ־געהאַלטן דערפון.

פון אַזוינע און ענלעכע סצענעס האָב איך פּלוצים אַ דערפיל געטאָן, אַז די האָר פונעם קאָפּ האָבן זיך מיר אויפגעשטעלט. דאָס איז אַ מאָדנער אומבאַשרייבלעכער געפיל. כ׳האָב געפילט, אַז איך עק מיך. כ׳קען זיך מער נישט האַלטן. דר. ראָזנבלום האָט עס באַמערקט, האָט ער מיך באַ־רואיקט און מיר צוגעזאָגט אין עטלעכע טעג אַרום אַ טאָניק — אויב מע וועט אונדז לאָזן לעבן אַזוי לאַנג.

פון אונדזער גרויסער משפּחה איז, הייסט עס, געבליבן מיין טאַטע, מיין מומע מוסיע מיט איר זון מענדל און מיט איר איידעם פּאַליע בלומקין און איך.

פון עטלעכע טויזנט מענטשן זענען אין געטאָ איצט געבליבן אַז ערד

900. דאָס איז געווען דער סדר־הכל פון די דריי טעג אקציע. צו פייערן דעם 9־טן נאָוועמבער, ווען א ייד האָט געסמיעט צו דערשיסן א דייטש, דעם מיניסטער פאָן ראט.

עופּעלעך קדושים

עטלעכע טעג פאַרן ניינטן נאָוועמבער האָט מען צונויפגעבראַכט אין געטאָ אריין ארום דרייסיק עופעלעך ביז צון א יאָר, וואָס די יידן האָבן זיי געהאַט באהאלטן און איבערגעלאָזט אויף גאָטס באַראַט ביי די ארומיקע פויערים און אין די קלויסטערס. מ'האָט געהאַפט: אפשר וועט גאָט העלפן און מע וועט איבערלעבן דאָס געטאָ — וועט מען די קינדער צוריק אויסלייזן. אלא טאָמער חלילה נישט, וועלן כאָטש די קינדער איבערבלייבן און יידן וועלן זיך אמאָל מרחם זיין אויף די יונגע נשמהלעך און זיי אויסקויפן פון די גוישע שמד־הענט. נאָר די פויערים און די גלחים און די נאָנעס האָט דאָס געוויין פון די עופעלעך אפּנים פאַרקלעמט ביים איידל־קריסטלעכן האַרץ — האָבן זיי זיי ארויסגעגעבן די דייטשן אין די הענט אריין.

מ'האָט די עופעלעך אויסגעהרגעט תיכף פּרייטיק, אינעם ערשטן טאָג פון דער דרייטאָגיקער שחיטה. הי"ד.

די לעטן איז נאָך ווינציק

שוין עטלעכע טעג, ווי מע שושקעט זיך, אז די לעטן זענען נישט צופרידן, וואָס מ'האָט נאָך געלאָזט א ביסל יידן אין געטאָ. ביי זיי האָט עס געהייסן האַלבע ארבעט. זיי האָבן גענומען פאָדערן פון די דייטשן, אז מע זאָל אונדז אינגאַנצן אויסקאָסען און ס'זאָל פון אונדז קיין זכר נישט בלייבן. זיי האָבן געוואָלט, אז די דייטשן זאָלן אויספירן זייער צוזאָג, אז מ'עט אפילו פאַר 2 לאַט אויך נישט קענען זען קיין ייד, סיידנס אין א מוזיי. עטלעכע אלטע לעטן האָבן עס אַזוינע „גוטע" קלאַנגען איבערגעגעבן די ארבעטער, וואָס פלעגן ארבעטן אין שטאָט. זיי האָבן עס געטאָן מיט פרייד און זיי זענען געווען זיכער, אז דער דייטש וועט נאָכקומען זייער בקשה און אז ס'וועט אפילו נישט בלייבן קיין עדות, וואָס זאָל זאָגן א שלעכט וואָרט אויף זיי, אויף די לעטן הייסט עס. זיי האָבן אפילו שוין אָנגעגעבן דעם טאָג, ווען זיי וועלן זיך אָפּפאַרטיקן מיטן ביסל יידן אין געטאָ: דעם 20־טן נאָוועמבער.

פון אַזוינע „גוטע" בשורות זענען מיר אַלע אַרומגעגאַנגען צעמישטע, אָבער איטלעכער איינער האָט דווקא יאָ געוואָלט בלייבן אַן עדות, צו קענען דערציילן דער וועלט, וואָס די לײַטן האָבן אונדז געטאָן.

„לויפט, לויפט . . . מ'עט אײַך דאָרט אויך פּאַקן"

איינע, אַ פרוי דונאַיעווסקע, וואָס האָט מיט מיר איינעם געאַרבעט, האָט מיר געעצהט, אַז איך זאָל אַנטלויפן פונעם געטאָ און נישט וואַרטן אויפן טויט. זי וועט שוין אַכטונג געבן אויף מיין טאַטן. דעמאָלט איז נאָר געווען איין איינציק אָרט, וואוהין צו אַנטלויפן: נישט ווייט פון ווילנע איז געווען אַ קליין שטעטל, ברעסלאַו, וואָס די דאָרטיקע עטלעכע טויזנט יידן האָט מען נאָך דערוויילן נישט געהאַט געטשעפּעט. אַהין קען מען אַנטלויפן — אויב מע כאַפּט נישט אויפן וועג. עטלעכע האָבן זיך געטראַכט, אַז זיי האָבן נישט וואָס אָנצווערן און זיי זענען אַהין אַנטלאָפן. דערנאָך האָבן זיי פון דאָרטן געשיקט אַ בריוועלע דורך אַ רוס, אַז ווער סע קען אַוועק פונעם געטאָ, זאָל אַוועק. אויף וויפל איך געדענק, זענען דעמאָלט אַהין אַנטלאָפן: גיטע שניידער (געהאַט אַ קליידער־געשעפט אויף ריגער גאַס), חיים שלאָסבערג, ער האָט דעם 9־טן נאָוועמבער אָנגעווירן זיין פרוי מיט צוויי קינדער, זיין שוואָגער, לייבע דריז, שיף מיט אַ טאָכ־טער (געהאַט אַ וואָרשט־פאַבריק אויף מיאַסניצקע־גאַס), לאַק (פון שוך־געשעפט) און נאָך. יאָ, אויך דער רב פון ווין, וואָס איז ביי אונדז געוואָרן רב עטלעכע יאָר פאַר דער מלחמה, אַז דער ראַגאַטשאַווער איז נפטר גע־וואָרן. אויך דעם ראַגאַטשאַווערס טאָכטער, אַן עלנטע פרוי, וואָס האָט געוווינט ביים רב אין שטוב.

וואָס זאָל איך איצט טון: אַנטלויפן צו נישט? פאַר מיינע אויגן זיינען געשטאַנען מיין מאַמעס לעצטע ווערטער, אַז איך זאָל דעם טאַטן נישט איבערלאָזן אַליין. כ'האָב אויף אים נאָר אַ קוק געטאָן, ווי ער ליגט אַ הילפלאָזער ווי אַ קינד און קוקט נאָר אַרום אויף מיר, ווייל מער ווי מיך פאַרמאָגט ער נישט און קיינער פאַרשטייט אים נישט, אַחוץ מיר — האָב איך שוין נישט געקענט מער טראַכטן וועגן אַנטלויפן. ניין, איך וועל נישט אַנטלויפן, כ'וויל נישט צו מיר האָבן אייביק קיין טענות, פאַרוואָס כ'האָב דעם טאַטן געלאָזט אַליין און ס'וועט נישט זיין, ווער ס'זאָל זיין לעבן אים אין די לעצטע מינוטן פון זיין לעבן. ובפרט וועט ווייסט, צי ראַטעוועט מען זיך אין ברעסלאַו. די לײַטן קענען דאָך אַהין אויך אָנשלאָגן. דער קאָמאַנדאַנט האָט טאַקע באַמערקט, אַז מע לויפט. ער האָט אפילו גע־

ווסט, וואהין מע לויפט. האט ער איין מאל א זאג געגעבן:

— „לויפט, לויפט . . . נאר ס'איז אומזיסט אייער לויפן. מ'עט אייך דארט אויך פאקן."

ביז איך ווייטער געבליבן לעבן טאטן און זיך ווייטער פארלאזט אויף נאט.

קאַראַנטין אין געטאָ. דער טעם פון הונגער

אין עטלעכע טעג ארום האט מען פארמאכט דאס געטא און מ'האט אויפאמאל אנגעהויבן צו הונגערן. ביז איצט פלעגן די מענטשן, וואס האבן געארבעט אין שטאט, געוויינטלעך מיטברענגען אין געטא אריין ווער א ביסל זופ פאר א באקאנטן, ווער א שטיקל ברויט. איצט האט דאס אויפגעהערט. איצט האבן אלע דערפילט דעם טעם פון הונגער און איך בתוכם.

מיין טאטע פלעגט ליגן און הונגערן. כ'האב שוין מער נישט געהאט, וו צו נעמען א קארטאפליע פון זיינעטוועגן. ער פלעגט מיר ווייזן מיט טרערן אין די אויגן, אז ער איז שטארק הונגעריק, נאר איך האב זיך געמוזט נישט־וויסנדיק מאכן. ער איז אויף מיר טיילמאל אזוי אין כעס געווען, פארוואס איך גיב אים נישט עפעס עסן, אז ס'האט זיך מיר אויסגעדאכט, אז ער וואלט מיך געשלאגן, ווען ער זאל נאר קענען (כאטש ער האט אין זיין לעבן אויף קיין קינד קיין האנט נישט געלייגט. ־ זיינער א קוק איז געווען גענוג.)

מ'האט געגעבן איין קילע ברויט א וואך. פלעג איך אראפשניידן ס'הארטע פאר זיך, און ס'ווייכע פלעג איך איינטיילן אויף א גאנצער וואך פארן טאטן און עם באהאלטן ערגעץ לעבן זיין בעט. ער האט נישט געטארט זען, וו די גאנצע ראציע ליגט. מ'האט געגעבן אלט, פארשטונקן קרויט אויף מיטאג, בלויז אויפגעווארעמטס, ווייל אויף קאכן איז דאך קיין האלץ נישט געווען. אחוצדעם פלעגט יעדער באקומען א ליטער זויער וואסער. פון דער קרויט־„זופ" פלעג איך ארויסנעמען דאס געדיכטע און עם לעפעלעכווייז אריינלייגן דעם טאטן אין מויל אריין און דאס אומריינע וואסער פלעג איך אליין אויסזופן.

דאס איז געווען די גאנצע „פארפלעגונג" אין געטא. פון אזא „עסן" האבן מיר פארשטייט זיך נישט געקענט זיין זאט. פון הונגער האב איך נישט געקענט אויף די פיס שטיין און דער טאטע האט נישט געקענט רואיק איינליגן אויפן געלעגער.

מיין טאַטע גנבעט . . .

איין מאָל בין איך אין א צווייטן צימער ביי א קראַנקן, הער איך פּלוצים, ווי מע רופט מיך אין מיין פּאַטערס צימער: „פּעסיע! פּעסיע! !" עטלעכע קולות אויפאַמאָל האָבן מיך געהאַלטן אין איין רופן. כ'האָב תיכף פאַרשטאַנען, אז עפּעס האָט זיך דאָ געטראָפן מיטן טאַטן און כ'בין געקומען צו לויפן.

אז כ'בין צו צום טאַטנס בעט, האָב איך דערזען, אז ער וואַרגט זיך מיט א שטיקל ברויט, וואָס ער האָט מוז־זיין באהאַלטענערהייט ארויסגענומען פון מיין באַהעלטעניש. נאָר אזויווי ער האָט געוואָלט דאָס שטיקל ברויט גיך אַראָפּשלינגען, כדי איך זאָל אים נישט כאַפּן ביי דער „גניבה", האָט ער זיך אָנגעהויבן צו וואַרגן און צו בעטן די קראַנקע, אז זיי זאָלן אים ראַטעווען. די קראַנקע האָבן זיך דערשראָקן, גענומען מאַכן קולות און מיך רופן, ווייל ווער נאָך קען זיך אזוי אויס צו אים, ווי איך.

אז איבערגעשראָקענע, אָבער מיט א שמייכל אויף די ליפּן, האָב איך ביים טאַטן ארויסגענומען דעם צו גרויסן ביסן פונעם מויל און כ'האָב אויף אים ניבעטע אָנגעשריגן:

— „טאַטע, ביסט שוין געוואָרן א גנב?"

ער האָט אויף מיר אָנגעשטעלט אַ פּאָר שולדיקע, אויסגעמאַטערטע, בעטנדיקע אויגן, כ'זאָל אויף אים נישט זיין אין כעס און ער האָט מיר געוויזן, אז איך זאָל דאָס ברויט צונעמען וואָס ווייטער, ווייל ער קען זיך נישט איינהאַלטן פון הונגער. כ'האָב אים איינגעשטילט, אים אוועקגעלייגט צוריק אויפן בעט און כ'בין א פארביטערטע אוועק צוריק צו מיין ארבעט. כ'האָב אפילו נישט געהאַט, וועמען אָט־דעם אינצידענט צו דערציילן און פאר וועמען זיך א ביסל אויסצוויינען ס'האַרץ. קיין אייגענע האָב איך שוין נישט געהאַט און די פרעמדע זענען געווען צו פאַרביטערט מיך אויסצוהערן.

אזוי האָט נישט איין מאָל געטראָפן, אז דער טאַטע פלעגט בשתיקה ארייננעמען זיין ראַציע ברויט אין מויל אריין און זיך נעמען וואַרגן און מיך בעטן, כ'זאָל אים ראַטעווען. פלעג איך מיט די פינגער אים ארויסנעמען דאָס ברויט פונעם מויל און ער פלעגט זיך פאַר מיר פאַרענטפערן מיט אזוינע קינדערישע, בעטנדיקע אויגן, אז זיי גייען מיר נאָך היינט נאָך און לאָזן מיך נישט רוען . . .

דער 20־סטער נאָוועמבער איז אריבער און ס'האָט זיך ארויסגעוויזן, אז מיר האָבן זיך אומזיסט געשראָקן. מ'האָט אונדז נישט געטשעפּעט.

מיר האבן פארשטאנען, אז דערווייל האבן נאך די לעטן נישט געפועלט ביי די דייטשן, וואס זיי האבן געוואלט.

דער הונגער האט דערווייל פון אונדז געשניטן שטיקער. מ׳האט יעדן טאג געפונען אויסגעגאנגענע פון הונגער. כ׳האב דערפילט, אז כ׳וועל לאנג אזוי נישט אויסהאלטן. האב איך ארויסגענומען פונעם טאטנס קישן מיינעם א בראסלעט מיט דריי ווערטפולע שטיינער, וואס כהאב דארט גע־האלטן באהאלטן, און כ׳האב עס דורך א פארמיטלער (פאקערמאן, א בלע־כער) אוועקגעגעבן פאר א פונט פוטער מיט א לעבל ברויט. די פרייד פון מיין פאטער, אז כ׳האב אים געברענגט דאס ברויט מיט דער פוטער, איז נישט צו באשרייבן. ער האט מיך געבעטן, כ׳זאל עס באהאלטן אונטער זיין קישן און ער האט מיר געוויזן, אז איך זאל עס נישט צעטיילן צווישן די קראנקע, נאר כ׳זאל עס האלטן פאר אונדזביידע. ער האט געוווסט, אז מיר באקומט נישט זיין זאט צווישן הונגעריקע. אבער דאסמאל האט ער מיך געהיט, אז איך זאל יא נישט געבן קיינעם קיין ברעקל פון אונדזער „אוצר". אז איך פלעג אנשניידן פאר אונדז צו איינציקע פענעצלעך ברויט, פלעגט ער מיר קוקן אין די אויגן אריין און מיך בעטן, כ׳זאל ס׳ברויט תיכף צוריק באהאלטן. נו, כל־זמן ס׳ברויט האט געקלעקט, איז נאך געווען צום דערליידן. אבער אז כ׳האב צעשניטן דאס לעצטע שטיקל ברויט, זענען מיין טאטנס אויגן געווארן מוראדיק אומעטיק.

— „וואס וועט זיין איצט?" — האט ער מיך געפרעגט מיט די הענט.

ס׳האט געשניטן ביים הארץ.

כ׳האב אנגעהויבן צו ברעכן פון הונגער. דאס זויערע וואסער פלעג איך מער נישט קענען אין מויל אריין נעמען. כ׳האב געבראכן מיט דער גרינער גאל. דערצו איז דער ווינטער געווען א קאלטער און מע פלעגט פרירן. אסך פלעגן פארפרווירן ווערן אין די בעטן און אזוי שטארבן. דער טאטע האט מיר געוויזן, אז ס׳איז אים ביטער קאלט.

אין שפיטאל זענען נאר געווען עטלעכע ווארעם־פלעשער און כ׳האב נישט געוווסט, וועמען אפריער געבן. כ׳פלעג אבער אזוי אויסמארקירן, אז איטלעכער זאל האבן די ווארעמפלאש כאטש אויף א האלבער שעה דורכן טאג, און מיין טאטע אויך בתוכם.

אז כ׳פלעג אמאל ערגעץ דערטאפן א ליידיקע גלעזערנע פלאש און זי אנפילן מיט היים וואסער און זי דערלאנגען מיין טאטן — פלעגט ער זיין מלא גדולה. אבער נישט איינמאל האט זיך געטראפן, אז דאס וואסער פלעגט זיך אויסגיסן אין בעט אריין, ווייל די פלאש איז נישט געווען גוט פארשטאפט — דעמאלט פלעגט שוין דער טאטע מוזן ליגן א נאסער אין

בעט און וואַרטן ביז כ'האָב אים אויסגעטרוקנט די איינציקע פּאָר וועש, וואָס ער האָט פאַרמאָגט.
דעם טאַטן איז קאַלט געווען, פלעג איך אים צודעקן מיט מיין זומער־מאַנטל און אַליין פלעג איך אין די קעלטן אַרומגיין אין אַ קליידל מיט קורצע אַרבל און ציטערן פון קעלט, אַז די ציין פלעגן מיר אַזש קלאַפּן. מיר איז אָבער געווען גוט, וואָס מיין טאַטע האָט כאָטש אַ מאַנטל זיך צוצודעקן. אַנדערע האָבן נעבעך דאָס אויך נישט געהאַט.

אַ מעשה מיט אַ נאָדל

אַזוי זענען זיך די טעג געגאַנגען אין חושך און אין הונגער און אָן שום האָפענונג, אַז ס'וועט נאָך אַמאָל גרינגער ווערן. ביז איינמאָל — ס'איז געווען דעם 25־סטן דעצעמבער 1941 — איז צוגעקומען צום געטאָ איינער אַ לייבע אַנטיקאָל, געקומען באַלייט פון אַ דייטשן סאָלדאַט, און אויף אַ געוויינטלעכן אופן גענומען פאַרטיילן שטיקלעך ברויט די יידן, וואָס פלעגן שטיין ביים טויער פונעם געטאָ און וואַרטן, אפשר וועט זיך עמיצער מרחם זיין און פאַרטיילן אַן איבעריק שטיקל ברויט. דער אַ אַנ־טיקאָל — ער איז געווען אַ שניידער און געאַרבעט אין שטאָט — האָט צוליב זיין בלאַנדקייט געהאַט די מעגלעכקייט פון צייט צו צייט צוצוקומען צום געטאָ און העלפן מיט וואָס ס'האָט זיך געלאָזט.
ער האָט נישט געפילט, ווי די נאָדל אויף זיין לינקער ברוסט, ווי ס'הענגט געוויינטלעך דער געלער אָפּצייכן, איז אים אַריין אין אָרעם. ער איז זיך געשטאַנען און געטיילט גלייך ווי גאָרנישט און איז זיך אַ צופרי־דענער אַוועק אהיים, אַבי עטלעכע מענטשן וועלן היינט זאַט זיין פון זיין ברויט.
אויפן וועג צום און פונעם געטאָ פלעגט ער גיין אַז די געלע לאַטעס און אויפן טראָטואַר, און קיינער האָט נישט אָנגעהויבן וויסן, אַז דאָס גייט אַ ייד. נאָר אַז ער פלעגט זיך דערנעענטערן צום געטאָ, פלעגט ער מיט אַ נאָדל, מיט אַ שניידערישער נאָדל, צוטשעפּען די לאַטע צו דער ברוסט.
איז איינמאָל אין אַ פאַרנאַכט, אַ זייגער 5, קומט ער צו גיין אין שפּיטאָל אַריין, טאַקע מיטן דייטשן סאָלדאַט, און ער באַקלאָגט זיך אַז ער האָט מורא, אַז די נאָדל, מיט וועלכער ער האָט געהאַט צוגעטשעפּעט די געלע לאַטע, איז אים אַריין אין אָרעם אַריין: אפשר קענען די דאָקטוי־רים אַ קוק טון ווו די נאָדל איז ערגעץ און זי כאַפּן.
גוט, מ'האָט אים אַוועקגעלייגט אויף אַ ברעט, דאָס האָט געהייסן דער אָפּעראַציע־טיש. דר. דאַמיע האָט מיד צוגערופן און מיר געלאָזט וויסן,

אז איך וועל אסיסטירן.

מ'האט אויסגעקאכט די אינסטרומענטן און איך האב צוגעהאלטן דעם פאציענט און אסיסטירט. קיין שלאפגעטראנק איז נישט געווען. ס'איז בכלל קיין מעדיצינען נישט געווען, סיידנס אז אן ארבעטער פלעגט אמאל באקומען פון א דייטש, נישט חלילה פון א לעט, וואס האט רחמנות געהאט, און ער פלעגט עס ברענגען אין געטא אריין. דערווייל זענען אריינגעקומען נאך עטלעכע כירורגן, ווי דר. לאנדאו פון ריגע און דר. דאנעמאן. אלע זענען געווען פאראינטערעסירט, צו העלפן דעם קראנקן.

דר. דאמיע האט מיט די הוילע הענט, אן הענטשקעס הייסט עס, א שניט געטאן מיט א מעסערל אויף יענעם ארט, וואס דער קראנקער האט געפילט, אז דארט מוז זיין די נאדל. כ'האב באמערקט, ווי דער הער אנ־טיקאל זאגט עפעס דערביי שטילערהייט און כ'האב געמיינט, אז ער זאגט ווידוי. די נאדל איז אבער נישט געווען דארט, וו מ'האט געמאכט דעם שניט. האט דער פעלדשער פאנאריאוו געעצהט צו מאכן דעם שניט א ביסל לענגער. האט מען אים געפאלגט. ווי מ'האט אזוי געשניטן און איך האב זיך צוגעקוקט, האט מיר פלוצים א בליץ געטאן פאר די אויגן. כ'האב מיך נישט געקענט איינהאלטן פאר פרייד און כ'האב א זאג געטאן:

— „אט איז די נאדל!"

כ'האב תיכף חרטה געהאט, ווייל ווי קום איך, א פשוטער מענטש, אנצווייזן אזא גוטן כירורג, ווי דר. דאמיע, וו די נאדל איז? — נאר ס'איז שוין געווען פארפאלן. כ'האב זיך אבער געריכט אויף אן אויסרייד פון די דאקטוירים, אז ביי אן אפעראציע דארף מען זיך קענען קאנטראלירן.

מ'האט דעם הער אנטיקאל געמאכט א באנדאזש, דערנאך האב איך ווידער אויסגעוואשן און אויסגעקאכט די אינסטרומענטן און — כדי די דאקטוירים זאלן מיך אויף דער הייסער מינוט ווינציקער אנזען — בין איך אוועק אין צימער, וו דער טאטע איז געלעגן.

כ'האב זיך אוועקגעזעצט אויף מיין טאטנס בעט און כ'האב אים גע־נומען דערציילן די מעשה מיט דער נאדל. ווי איך זיץ אזוי און דערצייל, דערהער איך פלוצים, ווי דר. דאמיע רופט מיך. דאס הארץ האט מיר אנגעהויבן שטארקער צו קלאפן און כ'בין שוין געווען גרייט, זיך צו נעמען פארענטפערן. נאר דא האט מיר גאר דר. דאמיע דערלאנגט א גאנץ ברויט און האט מיך פארזיכערט, אז כ'האב עס כשר פארדינט.

— „דאס שיקט אייך דער פאציענט" — האט דר. דאמיע געזאגט — „און ער בעט מיך, אייך איבערגעבן, אז בשעת איר האט אים צוגעהאלטן ביי דער אפעראציע, האט ער געפילט, אז א גוטער מלאך האלט אים צו. סע פארדריסט אים נאר, פארוואס ער האט מער נישט געבראכט גארנישט

מיט זיך און פאַרוואָס איר קומט קיינמאָל נישט אַרויס צום טויער, ווען ער טיילט ברויט".

פון היינט אָן — האָט דער הער אַנטיקאַל באַפוילן — וועט ער מיר שיקן עקסטרע אַ ברויט, ווען נאָר ער וועט האָבן. מיין פאָטער האָט זיך זייער שטאַרק דערפרייט מיט דער גוטער בשורה, ווייל איך פלעג טאַקע קיינמאָל נישט גיין צום טויער בעטן ברויט.

דאָס ברויט האָב איך צעשניטן אויף קליינע שטיקעלעך און אַלעמען איינגעטיילט. נאָר נאָכמער ווי מיטן ברויט, האָב איך מיך געפרייט מיט אַ קאָמפּלימענט, וואָס דר. דאַמיע האָט מיר געמאַכט: אַז פאַר מיין אַרבעט, וואָס ער שאַצט אָגב זייער שטאַרק, בין איך ווערט עפּעס בעסערס, ווי זיך צו דאַרפן אַזוי מוטשען.

דער הער אַנטיקאַל האָט עטלעכע מאָל געהאַלטן וואָרט און מיר צוגע־שיקט אַ ברויט. איך פלעג געבן אַ שטיקל דעם, וואָס האָט עס געבראַכט, און דאָס איבעריקע פלעג איך האַלטן פאַרן טאַטן, פאַר זיך און פאַר די איבעריקע קראַנקע.

איינע אַ מאַמע אין געטאָ

גאָר ביטער איז געוואָרן, ווען מ'האָט די אַרבעטער מער נישט געלאָזט קומען טיילן ברויט ביים טויער און ווען דער געטאָ־קאָמאַנדאַנט האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז מע טאָר מער נישט ביי דער לעטישער פּאָליציי בייטן קיין זאַכן אויף ברויט. וואָס האָט איצט געקענט טון אַ מאַמע, וואָס האָט געהאַט 6 הונגעריקע קינדערלעך, אַט ווי למשל פרוי שאַלמאַן — ? די עלטסטע טאָכטער איז דעמאָלט אַלט געווען אַ יאָר 14־15 און דאָס יינגסטע יינגעלע — אַ יאָר 3־4. די אומגליקלעכע מוטער האָט געוואָלט פאַרהיטן די קינדער פון אַ זיכערן הונגער־טויט, פלעגט זי נישט קוקן אויפן פאַרבאָט און פלעגט באַהאַלטענערהייט פאַרקויפן אַ קליידל צי אַן אַנדער חפץ פאַר אַ שטיקל ברויט. דעם מאָן האָט זי געהאַט אָנגעוווירן אַזוי ווי איך — מיינע נאָענטסטע און ליבסטע, און זי פלעגט תמיד זיין פאַרהאַוועט אין איין איינציקער אַרבעט: היטן אירע קינדער, וואָס האָבן אָגב אויסגעזען ווי מתים. אפילו פון אקציעס האָט זיך איר עטלעכע מאָל איינגעגעבן צו ראַטעווען אירע קינדער, ווייל זי האָט געאַרבעט אין דער שניידעריי.

אָבער אין איין פינצטערן פרימאָרגן איז זי אַרויס צום טויער עפּעס בייטן אויף אַ שטיקל ברויט, און דער אייגענער גזלן, וואָס האָט איר געגעבן אַ שטיקל ברויט פאַר אַ בלוזקע, האָט זי פאַרמסרט צום געטאָ־קאָמאַנדאַנט. דער קאָמאַנדאַנט האָט אַלעמען געהייסן אַראָפּגיין אין הויף אַריין

און זיך אויסשטעלן ווי אויף א פאראד. דערנאך האט מען נעברענגט צו פירן די פרוי שאלמאן און מ׳האט איר ארייננעיאגט צוויי פוליעס אין קאפ אריין.

איך בין דעמאלט נישט אראפ אין הויף אריין, נאר איך בין געשטאנען לעבן טאטנס בעט און זיך פארשטאפט די אויערן, אז איך זאל נישט הערן דעם שאס, צו וועלכן איך בין געווען צוגעגרייט. אחוץ דעם האב איך געפילט, אז כ׳וועל עס נישט קענען אריבערטראגן. דער טאטע האט נישט געוווסט, וועגן וואס כ׳האב אין יענעם מאמענט געטראכט און וואס ס׳האט זיך דעמאלט אפגעטאן אין הויף.

דער ערשטער, וואס האט מיר ארויפגעבראכט די „גוטע" נייס, איז געווען דער פעלדשער פאנאריאוו. ער פלעגט זייער שטארק אפשאצן מיין ארבעט אין שפיטאל און מיין געטריישאפט צום פאטער. ער פלעגט מיר אפט מגלה־סוד זיין, אז מע וויל מער מיין טאטן נישט האלטן דא אין שפיטאל און ער פלעגט מיר העלפן אויספועלן, אז מע זאל מיין טאטן יא ווייטער דא האלטן.

אז מ׳האט דערשאסן די פרוי שאלמאן, האט מען אפילו נישט געלאזט אירע קינדער זי באלייטן צו דער קבורה. דערפאר האט מען זיי מקבר געווען אין געטא, טאקע אין הויף.

דאס איז געווען דער סוף פון דער מאמען, וואס האט פאר אלעמען אין די אויגן אוועקגעגעבן איר לעבן פאר אירע קינדערס וועגן. איצט זענען זיי געבליבן עלנט און זיך אויסגעקוקט די אויגן, אז עמיצער זאל זיי עפעס צוווארפן.

ביסלעכווייז האט זיך אין געטא אינגאנצן אויסגעלאזט דער קוואל פון א שטיקל ברויט. ס׳איז געווארן ביטער, וואס ביטערער קען שוין נישט זיין.

איך בין איינמאל ארויף אין א צימער, ווו מ׳האט אפגעקאכט עטלעכע פארפוילטע קארטאפל. דער ריח פון די קארטאפל האט מיך שיר נישט ווילד געמאכט. כ׳האב געפילט, אז ווען מע גיט מיר איצט א קליין שטיקעלע קארטאפל, וואלט מען מיך געראטעוועט. אבער ווי בעט מען עפעס ביי פרעמדע מענטשן, וואס זענען פונקט אזוי הונגעריק ווי איך? בין איך אוועק צוריק אין שפיטאל און זיך גוט אויסגעוויינט. די פרוי דונאיעווסקע האט געזען, ווי איך וויין, האט זי זיך זייער געוווּנדערט, ווייל מיך האט מען קיינמאל נישט געזען וויינען. מיך האט מען נאר געזען ארומגיין פון איין קראנקן צום אנדערן און טון וואס מע הייסט מיר. איצט האט מען מיך צום ערשטן מאל ג ע ז ע ן וויינען. איך פלעג יא אמאל וויינען, אבער נאר באנאכט, ווען איך פלעג אין דער פינצטער ארומ־

גיין צווישן די קראַנקע, אָדער ווען כ'האָב אַמאָל געקענט זיך אַריבערכאַפּן אויפן גריוועור בית־עולם.

די פרוי דונאַיעווסקע האָט מיך געבעטן, כ'זאָל איר דערציילן וואָס ס'איז געשען, האָט איך דערציילט: כ'קען שוין מער דעם הונגער נישט איבערטראָגן. זי האָט מיך זייער גוט פאַרשטאַנען, ווייל זי איז געווען פונקט אַזוי הונגעריק ווי איך . . .

— „ווען וועלן זיך שוין ענדיקן אונדזערע צרות?" — האָט זי מיך געפרעגט, אַ פאַרביטערטע.

כ'האָב אָבער נישט געוואָלט, אַז מיין טאַטע זאָל זען, ווי פאַרצרהט איך בין — ווייל ער האָט דאָך געלעבט אין זכות פון מיין גוטער שטימונג. אייגנטלעך — האָב איך מיר אָפּגעוואַשן ס'פּנים און בין צו אים צוגעגאַנגען מיט אַ שמייכל. ער האָט אָבער געפילט, אַז מיר איז ביטער און אַז איך נאַר אים. ער האָט מיר אַפילו געוויזן אויף די אויגן און מיך געפרעגט, פאַרוואָס כ'האָב געוויינט. כ'האָב מיט אַ משייכל געוואָלט אַלץ אַוועק־מאַכן מיט דער האַנט, אָבער דעם טאַטן האָט זיך נישט געשמייכלט. ער האָט מיר געוויזן, אַז מיר זענען ביידע גלייך הונגעריק און ער האָט תּוך־כדי־דיבור אַליין אָנגעהויבן צו וויינען. אַליין האָט ער געוויינט, נאָר וויינענדיקערהייט האָט ער מיך געבעטן, אַז איך זאָל נישט וויינען. נאָר גיי וויין נישט, אַז איך זע, ווי דער טאַטע מיינער גייט אויס פון הונגער און פון קעלט. כ'האָב אים אָבער צוגעזאָגט, אַז כ'וועל מער נישט וויינען און איך בין אַוועק צו מיינע קראַנקע, וואָס האָבן מער קיינעם נישט געהאַט אין זייער עלנטקייט און וואָס זיי האָבן מיך אַלע ליב געהאַט, ווייל איך פלעג זיי קיינמאָל נישט פאַרלאָזן, סיי באַטאָג און סיי באַנאַכט.

אין דער נאַכט פונעם 6־טן יאַנואַר 1942 האָט מען ערגעץ אַרויס־גערופן דעם דר. דאַמיע, און מער האָבן מיר אים פון דעמאָלט אָן נישט געזען. אַזוי פלעגן איטלעכע נאַכט פאַרשווינדן מענטשן. איטלעכער האָט זיך גערעכנט: אפשר וועט מאָרגן קומען מיין ריי.

איינער אַ דר. ראָזנבלום, אַ גרויסער טרוס, איז איצט געוואָרן דער דירעקטאָר פונעם שפּיטאָל. איין מאָל האָט ער מיר אַ זאָג געטאָן, אַז ער קען מער נישט האַלטן מיין פאָטער אין שפּיטאָל און אַז ער וויל מער נישט זיין פאַרענטפערטלעך פאַר אים. מ'עט אים דאַרפן אַראָפּטראָגן צו די מענער. האָב איך אים געענטפערט, אַז זיינע רייד זענען אַרויסגעוואָרפן. איכ'ל מיין פאָטער נישט אַוועקלייגן דאָרטן, וווּ מע זאָל אים דערזען. איבעריקנס קען איך אונטן נישט אַרבעטן, ווייל מע לאָזט דאָך נישט מע־נער מיט פרויען וווינען אינאיינעם — ווער'זשע וועט דאָרט אויף מיין

פּאַטער א קוק געבן? און זאָל ער נישט מיינען — האָב איך אים געזאָגט — אַז אויב ער איז דירעקטאָר, מעג ער שוין טון וואָס ער וויל. דאָ איז אַ געטאָ — און מע וויל נאָר דערפאַר זיין צוגעשריבן צום שפּיטאָל, ווייל מע מיינט, אַז כּל־זמן דאָ זענען דאָ קראַנקע, וועט מען דעם שפּיטאָל נישט טשעפּען און מע וועט קיינעם נישט שיסן. קיינער איז דאָ נישט אויף אַן אמת צוגעבונדן צום שפּיטאָל. און אויב ער וויל, קען איך אים זאָגן דאָס, וואָס ער ווייסט אפשר אַליין, אַז אחוץ מיר בלייבט דאָ קיינער נישט באַ־נאַכט: אַלע גייען זיך שלאָפן צו זייערע משפּחות און מיך לאָזט מען איבער היטן די קראַנקע, אַזויווי אַ הינטל. אַהער לויפט מען זיך נאָר צונויף אין אַ סכּנה, אַז מע וויל זיך ראַטעווען. איך בין לכל הדעות ווערט, אַז מיין טאַטע זאָל דאָ האָבן אַ פּלאַץ.

— „און אויב מע וועט אייך חלילה וועלן אוועקפירן דערשיסן, ווייל איר האַלט דאָ מיין פאָטער, וועל איך מיך אַליין מעלדן, אַז מע זאָל מיך דערשיסן אויף אייער אָרט. אָבער אַז מע זאָל מיין פאָטער אַראָפּטראָגן אין די אונטערשטע אָפענע צימערן, וווּ דער קאָמאַנדאַנט קומט אַלעמאָל אַריין חוזק מאַכן פון אונדז — דאָס וועל איך נישט דערלאָזן.”

איך האָב אויסגעפירט. מ'האָט מיין פאָטער נישט געטשעפּעט. ער האָט אַפילו נישט געוווּסט, אין וואָס פאַרא סכּנה ער איז געווען. כ'האָב מיר ווידעראַמאָל באַוויזן, אַז ווען איך זאָל דאָ ניט זיין אַליין, וואָלט מען מיין פאָטער שוין לאַנג געוווען אַראָפּגעפירט אונטן, און דאָרטן וואָלט אים תיכף דער קאָמאַנדאַנט דערשאָסן, אַפילו אָן אַ באַפעל פונעם דייטש.

איך וויל באַגנבענען דעם טאַטן

איך בין שוואַכער געוואָרן פון טאָג צו טאָג און דאָס פּנים איז מיר געשוואָלן געוואָרן פון הונגער און פון קעלט. איין מאָל, איז אַ באַנאַגט, האָב איך געוואָלט באַגנבענען מיין טאַטן און ביי אים צונעמען דאָס שטיקל ברויט, וואָס איז געווען צוגעגרייט פון זיינעטוועגן אויף מאָרגן. כ'בין צוגעגאַנגען צום בעט און בין אָבער געבליבן שטיין: זאָל איך עס טון אָדער נישט? — כ'האָב אויסגעשטרעקט די האַנט נאָכן שטיקל ברויט, נאָר — כ'האָב מיך באַהערשט. כ'האָב דאָס שטיקל ברויט נאָכמער פאַר־שטעלט, אַז מיינע אויגן זאָלן עס יאָ נישט דערזען; און איך בין אַרויסגע־לאָפן פונעם צימער ווי פון אַ שריפה און כ'האָב מיר פאַרדרייט דעם קאָפּ מיט עפּעס אַן אַרבעט, אַבי די נאַכט זאָל אַוועק. כ'פלעג אַפילו פון דער־מאָלט אָן ווינציקער אַריינקומען אין צימער, וווּ מיין פאָטער איז געלעגן.

דערפאר בין איך אויף צו מארגנס געווען טאפל גליקלעך, וואס כ'האב דעם הונגעריקן טאטן געקענט דערלאנגען דאס איינענע שטיקל ברויט טאקע און וואס דער טאטע האט אפילו נישט אנגעהויבן צו וויסן, אז איך, די איינענע טאכטער זיינע, האב ביי אים געוואלט צורויבן דאס לעצטע שטיקל ברויט זיינס.

מענטשן האבן גענומען פאלן וויל פליגן. ביי מיר איז שוין דאס הארץ געווען פארשטיינערט פון די מתים, וואס מע פלעגט יעדן אינדער־פרי אוועקטראגן אין געטא־הויף אויף א בערגל, און מ'האט זיי דארט מקבר געווען. דאס געטא איז שוין געווען א פארמאכטס און מ'האט שוין אפילו די טויטע אויך נישט מער ארויסגעלאזט.

א נייסטיק קראנקער האט מיך איין מאל אנגעכאפט ביי דער האנט — ער האט געמיינט אז איך בין זיין דערשאסענע פרוי. כ'האב געציטערט פון שרעק און כ'האב געפילט ווי די האנט ווערט אים וואס־אמאל קעלטער און קעלטער . . .

ווי די טעג זענען זיך אזוי געגאנגען און דער הונגער האט געשניטן אין לעבעדיקן לייב אריין, איז מיין פאטער געווארן אזוי אויסגעדארט, אז ער האט שוין אויף זיך נישט געהאט קיין ברעקל פלייש מער, אויף וואס צו ליגן און די ביינער האבן אים פשוט גענומען וויי טון פונעם ליגן. כ'האב אים איטלעכע פינף מינוט געמוזט איבערלייגן אויף אן אנדערער זייט. ער האט מיך אויפגעהערט צו בעטן און ער האט אנגעהויבן צו טון אלץ אונטער זיך. איך פלעג אלץ ריין מאכן. נאר כ'האב געזען אז כ'וועל זיך שוין לאנג מיטן טאטן נישט מוטשען. כ'וועל שוין באלד נישט האבן, וועמען צו דערלאנגען א שטיקל ברויט מיט א ביסל זויערקרויט. כ'וועל באלד בלייבן גאנץ אליין . . .

פון אזוינע מחשבותן איז מיר געווארן זייער ביטער אויפן הארצן, ווייל כ'האב כאטש ־אזוי זייער נישט געוואלט, אז דער קראנקער טאטע זאל מיך פארלאזן.

מיין פאטער באפרייט
אי זיך און אי מיך

דעם 19־טן פעברואר 1942 זענען די ארבעטער געקומען פון דער שטאט דערשראקענע און זענען אלע געבליבן געכטיקן אין געטא. מ'האט דעמאלט געמיינט, אז דאס איז דער סוף און מ'האט זיך גענומען גרייטן

אין לעצטן וועג אַריין, פֿון וואַנען ס'איז נאָך קיינער נישט צוריק געקומען. איך בין דעם אָוונט אַוועק שלאָפֿן צו מיין מומע מוסיע, ווייל דאָס פּנים איז ביי מיר געווען אַזוי געשוואָלן, אַז די אויגן האָבן זיך שוין באַלד נישט אַרויסגעזען.

אין יענעם אָוונט, מערער ווי תּמיד, זענען די אַרבעטער אַרומגענאַנגען זוכן באַקענטע אָדער קרובֿים. איינער, אַבראַשקע צווייגאָרן, האָט זיך באַגריסט מיט מיין מומען און די מומע האָט געוויזן אויף מיר, אַז איך בין פּעסיע זאַלצמאַן־פֿרענקל. האָט ער זיך גוט איינגעקוקט אין מיר, און אַז ער האָט דערזען, וואָס פֿון מיר, אַ גוטער באַקאַנטער זיינעם, איז געוואָרן, האָט ער זיך גוט פֿאַנאַנדערגעוויינט. און אַזוי ווי זיין דערשאָסענע פֿרוי איז געווען מיין מאַמעס אַ פֿריינט און ער אַליין האָט זיך תּמיד געפֿריינטלט מיט אונדזער משפּחה, האָט ער צוגעזאָגט, אַז פֿון היינט אָן וועט ער מיר און דעם טאַטן זען צו העלפֿן — אויב מע וועט נאָר ווייטער לאָזן גיין אין שטאָט אַריין אַרבעטן. ער האָט מיר געגעבן אַ שטיקל ברויט — בין איך אַוועק דערמיט צום טאַטן, אים אויך געגעבן דערפֿון אַ שטיקל און כ'האָב אים דערציילט, ווער ס'האָט עס מיר געגעבן.

כ'האָב אָבער באַמערקט, אַז מיין פֿאָטער האָט זיך דאַסמאָל נישט אַזוי שטאַרק דערפֿרייט מיטן שטיקל ברויט. כ'האָב זיך נעענטער צוגעקוקט, האָב איך געזען, אַז די כּוחות גייען אים אויס. נו, אין משך פֿון די קומענדיקע דריי טעג איז ער געוואָרן אַלץ שוואַכער און כ'האָב געזען, אַז ער וועט זיך שוין לאַנג נישט מוטשען און מיך נישט מאַטערן.

כ'האָב צוגערופֿן די שוועסטער ברין און זי געבעטן אַ קוק טון אויף מיין פֿאָטער.

— „איר מוזט זיין צוגעגרייט צו דעם, וואָס ס'איז דאָס בעסטע פֿאַר אים" — האָט זי מיר געזאָגט — „פֿאַר אים איז דאָך אַסך בעסער דער טויט, איידער זיך און טאַקע אייך אַזוי צו מאַטערן. איצט זענט איר כּמעט זיכער, אַז מע וועט אים נישט דערשיסן; נאָר ער וועט שטאַרבן מיט זיין אייגענעם טויט."

כ'האָב אים נאָך געוואָלט עפּעס געבן. איך בין אַריינגעלאָפֿן צו מיינער אַ באַקאַנטער, גליקע מגיד, און כ'האָב איר דערציילט, אַז מיין טאַטע האַלט שלעכט. זי איז געלעגן אַ פֿאַרשמאַכטע, נאָר זי האָט פֿון ערגעץ אַרויסגענומען איר לעצטן לעפֿל צוקער און אים מיר דערלאַנגט פֿאַרן פֿאָטערס וועגן.

נאָר אַז כ'האָב דאָס ביסל צוקער צעלאָזט אין וואַסער און עס אַריינגעגאָסן דעם טאַטן אין מויל אַריין, איז אים שוין דאָס ביסל וואַסער נעבליבן אין האַלדז און ער האָט אָנגעהויבן צו כאָרכלען. וואָס אַ מינוט איז

ער אלץ מער אויסגעגאנגען. דאס איז געווען אין דער נאכט פון זונטיק אויף מאנטיק, דעם 23־טן פעברואר, זעקס טעג אין אדר; צוויי א זייגער באנאכט, האב איך צוגעלייגט דעם אויער צו זיין הארץ און אים געפרעגט, צי ער ווייסט, ווער ס'איז לעבן אים, כ'האב אים געזאגט, אז ס'איז איך, זיין טאכטער פעסיע. ער האט מיך ארומגענומען און מיך מיט אלע זיינע פארבליבענע כוחות צוגעדריקט צו זיך. אין א האלבער שעה ארום איז ער אויסגעגאנגען. ביז צו דער לעצטער רגע האב איך געהאלטן די האנט זיינע.

כ'בין געבליבן זיצן ביי זיין בעט ביז 6 א זייגער אין דער פרי, ביז עמיצער איז אריינגעקומען אין שפיטאל אריין. נישט קוקנדיק אויף מיין אפגעהארטעוועטקייט האב איך מיך איצט, פנים אל פנים מיט מיין טייערן מת, איינגאנצן פארלוירן. כ'האב דערפילט, אז ערשט איצט בין איך אויף אן אמת געווארן עלנט, וואס עלנטער קען שוין נישט זיין. אויס, כ'האב שוין נישט מער איבער וועמען צו ציטערן, און קיינער וועט מיך נישט מאטערן, און קיינער וועט מער נישט הערן מיין טאטנס ברומען. קיין קול האט מיין קראנקער טאטע נישט געהאט — פלעגט ער מיך רופן און צו מיר רעדן מיט אזא מין שטום געברום.

דער אלטער קראנקער זעליקמאן מיט נאך עטלעכע יידן האבן מיין טאטן אפגעהויבן און אז די דאקטוירים זענען אריינגעקומען, האט מען אים אוועקגעטראגן אין טהרה־הויז אריין. די פרוי סטרעקאוויטש האט מיר גע־געבן ליכט, האב איך דארט אנגעצונדן. זי האט מיר אויך גע־געבן עטלעכע לייעלעכער. כ'האב אריינגעטראגן אין דער שניידעריי פיר לייעלעכער, האט מען פון זיי אויפגענייט תכריכים. כ'האב באצאלט 10 רובל פאר דער ארבעט. כ'האב אויך אוועקגעלייגט 30 רובל פארן תהילים־זאגן און כ'האב מיך גענומען גרייטן צו מיין „שמחה", צו מיין טאטנס לוויה. פון אכט קינדער, האט גאט געוואלט, אז גראד איך זאל מקבר זיין מיין טאטן און אלץ מיטמאכן. די פרומע יידן האבן מיר געזאגט, אז איך וועל שוין דערפאר אויף יענער וועלט נישט דארפן ליידן און זיי האבן זיך געוווּנטשן, אז הלוואי שטארבן זיי אויך מיט זייער אייגענעם טויט.

די דאקטוירים האבן מיר גראטולירט פארן „גליק", וואס מיר האט געטראפן: מיין פאטער איז אליין געשטארבן, מ'האט אים נישט דערשאסן. אין איין וועגס האבן זיי מיר געדריקט די הענט פאר מיין געטריישאפט צום פאטער מיינעם אין דער גאנצער צייט פון זיין לאנגער קרענק.

דר. דאנעמאן האט זיך אויסגעדריקט, אז אים, דעם הויפט פונעם קאמיטעט, האט זיך נישט איינגעגעבן צו ראטעווען דעם פאטער זיינעם, א געזונטן און נישט־קיין־אלטן יידן, און מיר איז יא געלונגען אן אלטן, פאראליזירטן פאטער אויסצוהיטן 8 חדשים פון די גזלנישע הענט.

— „אבער דאס האט זיך אייך איינגעגעבן נאר אדאנק אייער שוועס־טער מי און ווייל איר האט טאג און נאכט געארבעט אין שפיטאל ווי א פערד, כדי אז קיינער זאל יא חלילה נישט קענען זאגן, אז ער איז נישט צופרידן מיט אייער באהאנדלונג״ — אזוי האט צו מיר ווייטער גערעדט דר. דאנעמאן — „און ווייל איר האט אליין געליטן צוליב אייער פאטער שרעק און הונגער און קעלט, מער פון איטלעכן, און ווייל איר האט גע־ארבעט אן געצאלטס, אן א גוט ווארט אפילו.״

איינס א זייגער באטאג איז א ייד געקומען זאגן, אז דער קבר איז פארטיק. קיין שיך האב איך נישט געהאט, האב איך מיר ערגעץ געליגן א פאר וואליקעס, און כ׳האב געכאפט א טיכל אויפן קאפ און כ׳בין אראפ איניינעם מיט מיין מומע מוסיע באלייטן מיין פאטער.

אז כ׳האב א טראכט געטאן, אז פון פינף זין איז קיין איינער נישטא צו זאגן א קדיש ביי זייער פאטערס אפענעם קבר — האב איך געפילט, אז דאס הארץ ווערט אין מיר צעריסן פאר ווייטיק. אבער אין דער לעצטער רגע איז געקומען מיין קוזין מענדל העלערמאן און געזאגט קדיש. דערנאך האט מען געמאכט א „מלא״ — און דערמיט האט זיך עס געענדיקט. אזוי איז מיין טאטע פטור געווארן פון זיינע מוראדיקע יסורים און אזוי האט די ערד פארדעקט דאס, וואס ס׳איז מיר געווען אזוי טייער און וואס ס׳האט מיר 8 חדשים געגעבן מוט איבערצולעבן אן א שיעור מיט צרות.

לעבן טאטן אין קבר האב איך אוועקגעלייגט א פלאש און אין דער פלאש האב איך ארייגעלייגט א צעטעלע מיט מיין טאטנס נאמען אויף יידיש און אויף רוסיש. ער איז אלט געווען 71 יאר.

אז איך בין אהיימגעקומען פון דער לוויה און מיך אוועקגעלייגט אין באראק אויף די דריי ברעטלעך, וו איך פלעג שלאפן, לעבן מיין מומע מוסיע, איז צו מיר צוגעגאנגען די גוטע פרוי סטרעקאוויטש און מיר דער־לאנגט א הייס גלאז טיי, א זיס, מיט א לעפעלע. כ׳האב זיך געכאפט, אז כ׳האב שוין אכט חדשים נישט געזען פאר די אויגן נישט קיין זיס גלעזל טיי און נישט קיין לעפעלע — און די טרערן האבן מיך גענומען ווארגן . . .

מיט אזוינע געדאנקען בין איך איינגעשלאפן. כ׳בין דורכגעשלאפן די גאנצע נאכט — כ׳האב שוין נישט געהאט ווער ס׳זאל צו מיר ברומען און ווער ס׳זאל מיך רופן. כ׳בין געבליבן ווי אן אפגעטריקנטער צווייג פון א גרויסן, שיינעם בוים.

פעסיע זאַלצמאַן

איך פאַרלאָז דאָס געטאָ — נאָך אַכט חדשים

אין אָווענט איז פון דער אַרבעט געקומען הער אַבראַשע צווייגאַרן און ער האָט מיר געהייסן, איך זאָל מיך נישט פאַרלירן. ער׳ט זיך באַמיען, מיך אַרויסצוראַטעווען פונעם געטאָ. ער איז דעמאָלט געווען אַן אַפּטייקער ביי די דייטשן און קיין עסן האָט אים נישט געפעלט. ער האָט אַ דייטשן סאָלדאַט אָוועקגעגעבן גאָלד פאַר דריי צייז־קרוינען — אַז דער דייטש זאָל מיך אַרויספירן פונעם געטאָ אויף אַרבעט.

די שבעה־טעג זענען אַריבער און מ׳האָט מיר געהייסן גיין צוריק אין שפּיטאָל אַריין, אָבער נאָר באַנאַכט. די ערשטע נאַכט אין שפּיטאָל, און אָן מיין טאַטן, איז געווען אַ שרעקלעכע. אַ גאַנצע נאַכט האָט זיך מיר נאָר געדאַכט, אַז דער טאַטע ברומט צו מיר פון יענעם בעטל, ווו ער פלעגט ליגן, און ער מאָנט ביי מיר עפּעס. כ׳בין עטלעכע מאָל צוגעגאַנגען צום בעטל. עמיצער איז דאָרט געלעגן און געשלאָפן.

כ׳האָב געפילט, אַז איך קען דאָ מער נישט אַרבעטן, דאָ, ווו איטלעכס ווינקעלע איז פול מיט זכרונות וועגן מיין טייערן טאַטן, וואָס האָט זיך נאָר־וואָס אָפּגעשיידט פון מיר.

די נאַכט איז ווי־ניט־איז אַריבער. אויף צו מאָרגנס האָט מען מיך גערופן צום קאָמאַנדאַנט און מיר געהייסן זיך אָנטון און זיין גרייט אין וועג אַריין; מ׳האָט מיך געשיקט אין שטאָט אַריין, ווו איך בין שוין נישט געהאַט געווען אַכט חדשים.

די פרוי סטרעקאָוויטש האָט מיר געגעבן אַ פּאָר קאַלאָשן און איך האָב מיך געלאָזט אין וועג אַריין צו דער פעלד־קאָמאַנדאַטור, וואָס האָט זיך געפונען אין שטאָט אויף דער שאָסיינער גאַס, לעבן אַמאָליקן יידישן שפּיטאָל. דאָרט האָבן געאַרבעט 40 יידן, אין צוויי גרופּן, ביי עטלעכע מינים אַרבעטן: שוסטעריי, שניידעריי, זאַטלעריי, און צוויי יידן אין גאַ־ראַזש.

גייענדיק אַזוי אין שטאָט אין מיטן וועג, ווי אַ פערד, בין איך פאַר־ביייגעגאַנגען די דירה, ווו איך האָב מיט מיין מאַן פאַרבראַכט דריי גליק־לעכע יאָר. איצט ווױנען דאָרט לעטישע באַנדיטן און זיי האָבן אַלץ, וואָס איך האָב מיט מיינע הענט געשאַפן און געבאַוועט — און איך גיי אין מיטן וועג אַ פאַרפינצטערטע, אַ פאַרביטערטע, אין אַ שרעקלעכן פראָסט אין פעברואַר, אין די הוילע קאַלאָשן, אָן אַ היים, אָן אַ מאָרגן, אָן אַ היינט.

כ׳האָב אָן איבערגעפרוירענע קוים דערגרייכט מיין נייע אַרבעט־שטעלע. די יידן האָבן מיך שוין אָפּגעוואַרט. מיין פריינט אַבראַשע צווייגאָרן האָט זיי, די זאַטע, געבעטן, זיי זאָלן מיך אָפּוואַרטן און מיך אויך זאַט מאַכן. אַז איך בין אָנגעקומען, איז גראָד געווען מיטאָג־צייט. די יידן האָבן פון דער מיליטערישער קיך באַקומען נישט קיין שלעכטע זופּ — האָבן זיי מיר

געהייסן זיך אויסטון און זיך זעצן מיט זיי עסן. אלע האבן אויף מיר גע־קוקט מיט פארחידושטע אויגן, און כ'האב געהערט, ווי מע שושקעט זיך:

— „אט דאס איז פרענקלס טאכטער? ווי, וואס פון איר איז געווארן!"

איינער האט געוואלט זיין פריינטלעכער פונעם צווייטן און יעדער האט געוואלט, כ'זאל מיט אים עסן.

נאכן עסן האט מען מיך פארגעשטעלט פארן העכערן, נאר אז ער האט דערזען אין מיין דאקומענט, אז איך בין רעגיסטרירט ווי א קראנקן־שוועסטער, האט ער א זאג געטאן, אז זיי דארפן נאך א פרוי, וואס זאל קענען וואשן וועש און דילן. האב איך אים פארזיכערט, אז איך קען די דאזיקע צוויי מלאכות אויסגעצייכנט. האט ער מיך פארשריבן און מיך געשיקט שלאפן אויף מאסקאווסקע גאס, אין א זאל.

וואהין מע שיקט מיך שלאפן . . .

ס'איז אינטערעסאנט, ווי דעם מענטשנס עבר גיט זיך אים אמאל א שטעל פאר די אויגן און ווי אמאליקע בילדער גיבן זיך ווידער א טו־אן אין לעבעדיקע געשטאלטן, ווייל דער גורל וויל אזוי. כ'זאג עס אקעגן דעם, וואס אין יענעם אייגענעם זאל, וווּ מיינע עלטערן האבן מיך צו דער חופה געפירט, און וווּ מיין לעבן האט זיך אנגעהויבן צו צעבליען, — אהין האט מען מיך געפירט איצט שלאפן, און עלנטע, א מידע, א פארלוירענע. אזוי האט געוואלט דער טייוולאנישער גורל.

צווישן די ארבעטער האב איך געטראפן מיינעם א באקאנטן, מאטל שער.

מיין ארבעט איז געווען א „נארמאלע": כ'האב יעדן טאג געוואשן וועש און דילן, און איך בין געווען צופרידן, וואס איך האב דעם קאפ ווו אנידער־צולייגן און וואס איך בין נישט נאר זאט, נאר איך פלעג נאך העלפן די יידן, וואס פלעגן ארבעטן אין שטאט א גאנצן טאג און פלעגן פארבייגיין לעבן אונדז פארנאכט, ווען זיי פלעגן גיין אין געטא אריין שלאפן.

א ייד אין דער דייטשער ארמיי . . .

איין מאל, אין א פארנאכט, אויפן וועג צום פלאץ, ווו איך פלעג שלאפן, גיי איך מיר אזוי אין מיטן וועג און דורך די שטילע גאסן, כדי איך זאל נישט באגעגענען קיינעם פון די גזלנים, וואס פלעגן פון אונדז,

פון ווילטאַג וועגן, חוזק מאַכן — דערזע איך פּלוצים, ווי אין אַ ווינקל פון אַ גאַס, פּאַסטאַיאַלע און פעטראַגראַדע, שטייט אַן אויטאַ, און סאָל־דאַטן פאַרען זיך דאָרט און טראַגן־אַריין פּעקלעך אין אַ דערבייאיק הויז, ווו סאָלדאַטן זענען איינגעשטאַנען. כ׳האָב נישט־ווילנדיק אַ קוק געטאָן אויף איינעם פון די סאָלדאַטן, איז מיר איינגעפאַלן, אַז ער זעט עפּעס אויס ווי אַ ייד. כ׳האָב אָבער תיכּף פון מיר אָוועקגעטריבן דעם־אָ נאַרישן געדאַנק, ווייל ווי קען גאָר אַזוינס מעגלעך זיין, אַז אַ ייד זאָל דינען אין דער דייטשער אַרמיי, בפרט נאָך איצט, ווען יידיש בלוט איז הפקר ווי וואַסער, — ביז איך מיר ווייטער געגאַנגען און כ׳האָב גאָרנישט באַמערקט אַז עמיצער גייט מיר נאָך און וויל מיט מיר רעדן.

כ׳בין אַריין אין צימער ווו מיר זענען געשלאָפן — און ס׳האָט נישט גענומען קיין מינוט, ווי מ׳האָט אָנגעקלאַפּט אין דער טיר. ווער קען דאָס זיין? מ׳האָט געעפנט די טיר און ס׳האָט זיך אַריינגעשטעלט יענער דייט־שער סאָלדאַט מיטן יידישן אויסזען. ער האָט אונז תיכּף געזאָגט, אַז מיר זאָלן זיך נישט שרעקן — ער איז אַ ייד.

ער איז געקומען פון ריגע זוכן זיין פרוי און זיין קינד. אין איין ווענס האָט ער אונדז דערציילט, אַז אין ריגע איז דעם 8־טן דעצעמבער 1941 פאָרגעקומען אַן „אַקציע", וואָס האָט אומגעבראַכט מיט איין מאָל 25000 יידישע נפשות. מ׳האָט זיי אַרויסגעפירט פונעם געטאָ אונטער דער קאָ־מאַנדע פונעם געשטאַפּאָ־שעף יעקל. די אַרויסהעלפער פון די דייטשן, די לעטישע אַפּיצירן, האָבן בשעת־מעשה געשאָסן אויף רעכטס און אויף לינקס, געבראָדזעט טיף אין בלוט און געמאָרדעוועט און געראַבעוועט. האָט אַ קינד אַ פּיפּס געטאָן, האָבן זיי אויפן אָרט דערשאָסן דאָס קינד מיט דער מאַמען אינאיינעם. און אַז אַן עלטערער מענטש האָט זיך נישט געהאַלטן אַזוי „שטראַם" אין דער ריי, האָבן זיי מיט אים באַלד געמאַכט אַ סוף.

(צווישן די בערג דערשאָסענע אויף די ריגער גאַסן איז מסתמא אויך געלעגן מיין ברודער אהרנס פרוי מיט אירע צוויי קינדער.)

יאָ, די לעטן זענען געווען גרויסע מחותנים אויף אַלע אַקציעס. מ׳האָט זיי נאָר געדאַרפט אַ ווונק געבן, זענען זיי שוין געווען — אָט דאָס ממזר־פאָלק, אָט די קנעכט פון די באַלטישע באַראָנען, וואָס פאַרא פרייד און וואָס פאַרא אימפּעט זיי האָבן אַרויסגעוויזן ביי די שחיטות! די דייטשע געשטאַפּאָ האָט תיכּף געוווּסט, וואָס פאַרא פריינט זי האָט אין די לעטן.

אינגאַנצן אַ צוואַנציק יאָר האָט עקזיסטירט אַן אומאָפּהענגיק לעט־לאַנד, אָבער וואָס פאַרא אַנדענק זיי לאָזן נאָך זיך איבער!

אז מ׳האט די ריגער קרבנות געפירט דערשיסן, דערציילט ווייטער דער „דייטשער" סאלדאט, האט מען זיי געזאגט, אז מע פירט זיי קיין דווינסק. נו, בעט ער אונדז איצט, מיר זאלן אים זאגן דעם אמת, צי מיר האבן דא נישט געזען קיין יידן פון ריגע.

שאץ האט ער געהייסן, דער „דייטשער" סאלדאט. וואס האב איך אים געקענט זאגן, אט־דעם געטרייען, אומגליקלעכן פאטער, וואס האט זיך איינ־געשטעלט ס׳לעבן, זיך איבערגעטאן אין דייטשע סאלדאטן־קליידער און זיך געלאזט זוכן זיינע ליבסטע, וואס זענען שוין, ווייזט אויס מער אויף דער וועלט נישט געווען — וואס האב איך אים געקענט זאגן? כ׳האב אים גע־זאגט, אז מיר לעבן דא אזוי איינזאם, אז מיר ווייסן גארנישט וואס איז שטאט טוט זיך . . .

כ׳האב אים מיטגעגעבן א בריוו צום ריגער יידישן קאמיטעט און גע־בעטן, זיי זאלן דורכקוקן די רשימה פון די יידן, וואס לעבן נאך, און זען, צי מיין ברודער אהרן מיט זיין משפחה לעבן נאך און מיין שוועסטער שיפרה מיט איר מאן. און צי לעבט נאך בכלל עמיצער פון מיין משפחה, צי פון מיין מאנס. כ׳האב קלאר ארויסגעשריבן, ווי מיר הייסן און ווער מיר זענען.

איך נעם־אפ גריסן . . .

דער הער שאץ האט צוגעזאגט, אז ער וועט אלץ פאר מיר אויסגע־פינען. אין צען טעג ארום איז ער טאקע ווידער ארייננעלאפן צו אונדז מיט דער בשורה, אז מיין ברודער אהרן לעבט, ער האט אפילו פון אים א בריוו פאר מיר. אמת, א בריוו האט ער טאקע געהאט, אבער אין בריוו איז קיין גוטס נישט געווען: מיין ברודער אהרן לאזט מיר וויסן, אז אין דעם פינצטערן ריגער אכטן דעצעמבער האט ער אנגעווירן זיין פרוי מיט די צוויי קינדער. וועגן מיין שוועסטער האט ער אינגאנצן נישט געשריבן. ער האט נאר געשריבן, אז ער זאגט קדיש נאכן טאטן און נאך דער מאמען, און אז איך זאל זיך האלטן שטארק.

דער הער שאץ האט מיר נאך דערציילט, אז דער דר׳ גורעוויטש, וואס מ׳האט דעם 27־סטן יולי 1941 געפירט דערשיסן, האט זיך געראטעוועט. א קריסט האט אים געבראכט קיין ריגע און די יידן האבן אים אין א זאק ארייננעשמוגלט אין געטא. ער האט דאס טאקע מיין ברודער דערציילט, אז איך מיט מיינע עלטערן זענען אין געטא און אז אינעם אוונט, ווען מ׳האט אים, דעם דר. גורעוויטש, גענומען דערשיסן, האט ער מיין פאטער נישט

פאַרשריבן אויף אוועקצונעמען.

אוודאי האָבן מיר זיך זייער געפרייט, וואָס דער דר. גורעוויטש האָט זיך געראַטעוועט, אָבער אונדז האָט אַלץ געמאַטערט דער געדאַנק: אויף ווי לאַנג זיך געראַטעוועט? . . .

זעקעלעך שפּייז — צדקה פאַר טאַטנס נשמה

מיין ברודער האָט נאָך דעמאָלט געהאָפט, אַז מיר'ן זיך נאָך אַמאָל באַגעגענען. איך פלעג אָפּשפּאָרן פונעם מויל וואָס כ'האָב נאָר געקענט, און שיקן אין געטאָ אריין. כ'האָב נאָך געהאַט ביי זיך דעם טאַטנס אַ קאָסטיום, האָב איך אים פאַרקויפט אַ פּויער פאַר 15 קילע ברויט און 9 קילע חזיר; פון אַ פּאָר מענעד־וועש האָב איך מיר געמאַכט קליינע זעקעלעך און אויף די זעקעלעך האָב איך אָנגעשריבן די נעמען פון די יידן, וואָס כ'האָב זיי געוואָלט עפּעס שיקן — און כ'פלעג יעדן טאָג האָבן עמיצן, מיט וועמען אָט־די זעקעלעך אַריינצושמוגלען אין געטאָ אריין. דאָרט האָט מען אויף זיי געוואַרט ווי אויף משיחן. איינער אַ געוועזענער ישיבה־בחור, אַלטער אַקון האָט ער געהייסן, פלעגט זיין דער שליח־מצווה, ער איז מיט די פּעקלעך אוועק אין געטאָ און זיי צעטיילט יעדן אין דער האַנט אריין. דערפאַר פלעג איך זיין אייגן פּעקל מאַכן אַ ביסל גרעסער ווי די אַנדערע.

אַזוי האָב איך צעטיילט אַלץ, וואָס כ'האָב געלייזט פאַר מיין טאַטנס קאָסטיום און איך בין געווען זייער צופרידן דערפון, ווייל באַלד נאָך זיין טויט האָב איך באַשלאָסן, אַזוי צו טון מיט זיינע מלבושים.

אַז דאָס ברויט מיטן חזיר האָבן זיך אויסגעלאָזט, פלעג איך גיין אי־בער די אַרבעט־שטעלן, ווו יידן האָבן געאַרבעט, און איך פלעג אין אַ גרויסן עמער צונויפקלייבן קאַרטאָפל און שטיקלעך ברויט. דאָס פלעג איך טון מיטאָג־צייט, ווען כ'האָב געדאַרפט זיך אָפּרוען... אַהיימגעקומען, האָב איך אַלץ אויסגעשאָטן אויפן דיל און איבערגעציילט און איינגעטיילט לויט וויפל פּעקלעך כ'האָב געדאַרפט האָבן. כ'פלעג מאַכן אַ 35 פּעקלעך. כ'פלעג אַלעמען איינטיילן גלייך, כדי קיינער זאָל דערנאָך נישט זאָגן, אַז כ'האָב אים געגעבן ווינציקער און דעם אַנדערן מער.

זונטיק פלעג איך זיך אָנטון און אַליין נעמען דעם זאַק מיט שפּייז אויף די פּלייצעס און אַ פּאָר טעפּלעך זופּ און אוועק דערמיט אין געטאָ — ס'האָט געמעגט זיין דער גרעסטער פראָסט. דאָס איז געווען אַ מהלך פון גוטע אַכט קילאָמעטער.

ס'האַרץ פלעגט זיך אין מיר אָפּרייסן, אַז כ'האָב אַ קוק געטאָן אויף די אויסגעהונגערטע מענטשן, ווי זיי שטרעקן די דאַרע, נערוועזע הענט נאָך די פּעקלעך און זיי באַשיטן מיך מיט ברכות. זייער דאַנקען האָט

מיר געשניטן ווי מיט מעסערס, ווייל איך בין נישט געקומען מע זאָל מיר דאַנקען. איך וואָלט געווען גליקלעך, ווען איך זאָל קענען טאָג און נאַכט טראָגן שווערע פּעק מיט שפּייז אין געטאָ אַריין און אַלעמען זאַט מאַכן. ווייל ווער נאָך ווייסט אַזויווי איך, וואָס הונגער איז. און וואָס סע הייסט אַן אויסגעשטערקטע האַנט ווייס איך אויך, כאָטש איך פלעג קיינמאָל נישט אויסשטרעקן קיין האַנט פאַר זיך אַליין, נאָר פאַר מיין קראַנקן פאָטער.

קומענדיק פון געטאָ פלעג איך אַלעמאָל האָבן מער און מער נעמען אויף מיין רשימה און אַלץ נייע בקשות און איך פלעג נישט רוען, ביז כ'האָב די בקשות נישט אויסגעפילט. גרינג איז דאָס נישט געווען, ווייל כ'האָב נאָך דעמאָלט קיין „פּאַסיר־שיין" נישט געהאַט; ווען מע שטעלט מיך אָפּ אינמיטן גאַס און מע קאָנטראָלירט מיך און מע פרעגט מיך ביי וועמען כ'האָב די שפּייז צונויפגעקליבן — בין איך אַ פאַרטיקע. איך וואָלט דאָך נישט אַרויסגעגעבן די יידן, וואָס העלפן מיר אין אַזאַ „פאַרברעך".

מע הענגט אַ פרוי אין געטאָ

די, וואָס פלעגן קומען אין שטאָט אַריין אַרבעטן און צוריקפאָרן אין געטאָ שלאָפן, האָבן אונדז אין אַ קאַלטן פרימאָרגן געבראַכט אַ „נייס": מיט אַ טאָג פריער האָט מען געבראַכט אין געטאָ אַ פרוי, מינע גיטלסאָן (געבוירן געץ), וואָס איר פאָטער האָט געהאַט אַ שיך־פאַבריק אין דווינסק. מ'האָט זי געבראַכט אין געטאָ אַריין אויסצופירן איבער איר דעם טויט־אורטייל. מ'האָט זי באַשולדיקט אין ראַסן־שאַנד; זי איז אָבער געווען אַ כשרע נשמה, אַזויווי אַלע, וואָס מ'האָט באַשולדיקט אין דעם חטא.

נאָר געשען איז אָט־וואָס: עמיצער האָט זי געבעטן איבערגעבן אַ בריוועלע דעם לעט, ביי וועלכן זי האָט געאַרבעט. דאָס איז געווען אין רעסטאָראַן „קאָנטינענט" אין דווינסק. דער לעט האָט זיך פון בריוועלע דערוווסט, אַז די פרוי גיטלסאָן ווייסט, וויפל יידיש האָב און גוטס ביי אים ליגט אָנגעראַבעוועט — און דאָס האָט זיך אים נישט געלוינט. האָט ער אָנגעקלונגען דער פּאָליציי און ער האָט זי באַשולדיקט אין ראַסן־שאַנד.

אין געטאָ אַריין האָט מען זי געבראַכט אַ פאַרפּייניקטע און מ'האָט אַלעמען געהייסן זיך אויסשטעלן אין הויף. דערנאָך האָט מען גערופן דעם יידישן פּאָליציסט פּאַסטערנאַק, פון (פון קרעסלאַווקע) אַז ער זאָל איינער אַליין אויספירן די שטראָף איבער דער פאַרמשפּטער. זי איז געווען אַ יונגע, בליענדיקע פרוי, דריי יאָר נאָך דער חתונה. (זי האָט חתונה געהאַט אין יולי 1938, אַ וואָך נאָך מיין חתונה). ביים מאַן האָט זי געהאַט אַ

גליקלעך לעבן, נאָר דעם מאַן האָט זי אַנגעווווירן אין דעם אייגענעם טאָג, וואָס איך מיין מאַן און מיינע ברידער. איצט איז זי געגאַנגען צו דער תּליה נישט ווייל זי איז אַ יידיש קינד, נאָר ווייל זי האָט געוואָלט העלפן אַנדערע און זי איז אַריינגעפאַלן.

פּאַסטערנאַק איז בטבע געווען אַ גוטער מענטש. ער איז געווען אַ פּאָליציסט אין געטאָ, ווייל ער האָט קיין אַנדער ברירה נישט געהאַט. מ'האָט פון אים קיינמאָל קיין שלעכט וואָרט נישט געהערט. אַז ער פלעגט אַמאָל מוזן איבערגעבן אַ באַפעל פון אונדזער לעטישן קאָמאַנדאַנט, פלעגט ער עס טון מיט אַזאַ טרויעריקער מינע, אַז מ'האָט געזען, אַז ס'איז אים זייער נישט צום האַרצן. איז אָט־דער פּאַסטערנאַק, וואָס האָט קיינמאָל קיין פליג אויף דער וואַנט נישט געטשעפּעט, אַ טאַטע פון 5 קינדער, האָט איצט מיט די אייגענע הענט געמוזט אַרויפלייגן דעם שטריק דער פרוי גיטלסאָן אויפן האַלדז. דאָס האַרץ האָט אים זיכער שיר־נישט געפּלאַצט פון ווייטיק, פונקט ווי אַלעמען, וואָס האָבן דאָס געמוזט צוזען.

פון זינט דעמאָלט אָן פלעגט פּאַסטערנאַק נישט־איינמאָל זיך גיבן אַ כאַפּ ביים קאָפּ, און פאַרשטיקטערהייט מאַכן קולות:

— „אוי, אַז כ'וועל עס איבערלעבן, וועלן דאָך מיר מיינע קינדער אייביק אויפוואַרפן, אַז כ'האָב געהאַנגען אַ יידישע פרוי . . ."

מ'האָט געזען, אַז די זאַך האָט אים געפרעסט אויפן געוויסן, אַזויווי אַ פינצטערע כמאַרע.

אויף מיר האָט די טראַגעדיע געמאַכט אַ שרעקלעכן רושם, כאָטש איך בין געווען ווייט פונעם אָרט, וווּ זי איז געשען. די פרוי גיטלסאָן איז געווען מיינע אַ נאָענט באַקאַנטע. זי האָט זיך געלערנט אין אוניווערסיטעט אין יוריעוו, עסטלאַנד; פלעגט זי אויף די זומער־חדשים קומען צו אונדז און מיר פלעגן פאַרברענגען. אחוצדעם האָבן מיר ביידע אינעם פינצטערן 29־סטן יוני אַוועקגעפירט אונדזערע מענער און ברידער צום מאַרק־פּלאַץ, דערנאָך אין טורמע, פונוואַנען קיינער האָט זיך נישט באַפרייט. אין יענעם פינצטערן טאָג איז זי אַרויס פון מיין דירה אינאיינעם מיט מיין מאַן און מיט מיין ברודער אַבראַשע.

אַ זונטיק שפּעטער, אַז כ'האָב אַוועקגעטראָגן שטיקלעך ברויט און זופּ פאַר די הונגעריקע אין געטאָ, איז מיר אויסגעקומען פאַרבייצוגיין דעם פּלאַץ, וווּ די פרוי גיטלסאָן איז געהאַנגען, ווי אויף אַ וויסטאַווקע, אַז אַלע זאָלן זי זען. זי איז געהאַנגען אין אַ שוואַרצן מאַנטל מיט אַ קאַראַקולע־נעם קאָלנער, אין אַ היטעלע און מיט הויכע שוואַרצע באָטן אויף די פיס. כ'וועל די געשטאַלט קיינמאָל נישט פאַרגעסן.

דער ערשטער פּסח אָן אַ היים,
נאָר מיט זכרונות...

דערווייל איז געוואָרן נעענטער און נעענטער צו פּסח. אין זכרון זענען אַרויפגעשוואומען בילדער פון דער נאָענטער פאַרגאַנגענהייט. אַמ ערשט איז דאָך עס געווען. מיט אַ יאָר צוריק אינגאַנצן האָבן נאָך אַלע מיינע ליבסטע געלעבט און מיר האָבן זיך געגרייט צום פּסח און צו די סדרים. איך פלעג מיט מיין מאַן שטענדיק גיין צו מיינע עלטערן צו די סדרים און אַלץ האָט אַזוי געפינקלט מיט טראַדיציע און מיט וואַרעמער יידישקייט. מיין יינג-סטער ברודער, אברהמ'עלע, פלעגט פרעגן די פיר קשיות אויפן ערשטן סדר, און מיין מאַן — אויפן צווייטן.

און איצט? איצט זע איך אַרום מיר נאָר לעבעדיקע מתים און זיי טראָגן זיך אַרום מיט גאָט-ווייסט וואָס פאַרא געדאַנקען.

מע באַקט מצות
אין אַ גאַראַזש

מיט אונדז האָבן געאַרבעט צוויי פרומע יידן: יודקאָוויטש פון דער אַלטער שטאָט און עלערין פון דער גריוועס. זיי פלעגן נישט עסן פון דער סאָלדאַטסקער קיך, נאָר זיי פלעגן זיך אַליין אָפּקאָכן ווען אַ ביסל יויך און ווען אַ קאַרטאָפעל. איז האָבן זיי פון ערגעץ באַקומען אַ פּאָר קילע מעל און געוואָלט אַליין באַקן מצות. אָבער ווו?

זיי האָבן געאַרבעט אין דער פעלד-קאָמאַנדאַטור, אין גאַראַזש. און אַזוי ווי זיי האָבן געדאַרפט דעם גאַראַזש באַהייצן, האָבן זיי געמעגט דאָרט נעכטיקן. נאָך 8 אַזייגער באַנאַכט איז אַהין קיינער נישט אַריינגעקומען, אחוץ זיי צוויי. האָבן זיי מיך און די אַנדערע פיר פרויען געבעטן, אַז איינע פון אונדז זאָל זיך צו זיי אַריינגנבענען און זיי העלפן די מצות וואַלגערן. כ'האָב זיי נישט געקענט און נישט געוואָלט אָפּזאָגן; כ'האָב זיך באַהאַלטן ביי זיי אין גאַראַזש און אַז ס'איז שטיל געוואָרן אין הויף, האָבן מיר אָנגעהויבן די מצות צו וואַלגערן און דערביי זיך צוגעהערט, צי קיינער הערט זיך נישט חלילה אונטער. ווי מיר שטייען אַזוי און אַרבעטן, האָט זיך פּלוצים אַ הונט אין דרויסן צעהאַווקעט — און מיר האָבן גע-מיינט: אהא! אַט פּאַקט מען אונדז. — אָבער ס'איז געווען אַן אומזיסטע שרעק.

די נאַכט איז אַריבער בשלום. אינדערפרי האָבן מיר געהאַט מצות.

פאַר מיין הילף האָב איך באַקומען 12 מצות. אויף צו מאָרגנס זענען אַנ־דערע אוועק העלפן באַקן. ווער ס׳האָט נישט געוואָלט עסן קיין חמץ, איז אוועק העלפן באַקן.

דעם ערשטן טאָג פּסח בין איך אוועק אין געטאָ און מיט זיך מיט־גענומען 9 פון מיינע 12 מצות. כ׳האָב די מצות צעבראָכן אויף קליינע, קליינע שטיקלעך און זיי צעטיילט צווישן באַקאַנטע פרויען מיינע, וואָס האָבן געוואָלט פילן דעם טעם פון פּסח . . .

איין מצה האָב איך אוועקגעגעבן אַ גאַנצע דער מומען מיינער, מוסיע העלערמאַן.

די דריי מצות, וואָס כ׳האָב געלאָזט פאַר זיך, האָבן מיר געקלעקט אויף גאַנץ פּסח. איך האָב נישט געגעסן קיין חמץ נישט אַזוי פון פרומ־קייט, ווי דערפאַר, וואָס ס׳האָבן אין מיר נאָך געלעבט זכרונות פון מיינע טאַטע־מאַמעס כשרער, יידישער שטוב, פול מיט טראַדיציאָנעלער שיינקייט.

כ׳האָב זיך געפילט זייער געהויבן דערמיט, וואָס כ׳האָב אין אַזאַ קריטישער צייט געגעבן מענטשן צו פאַרזוכן אַ סימבאָליש שטיקעלע מצה, אַז זיי זאָלן כאָטש וויסן, אַז היינט איז פּסח אויף דער וועלט. אחוצדעם האָב איך פּסח צעטיילט אין געטאָ קאַרטאָפל און ברויט אויך.

מיר פאַלן שיר־נישט ביטער אריין

אין דער פעלד־קאָמאַנדאַטור זענען מיר געווען 5 פרויען, וואָס זייער אַרבעט איז געווען וואַשן וועש. 5 אַ זייגער פאַרנאַכט האָבן מיר געמוזט פאַרלאָזן דעם הויף. די נעמען פון די פרויען געדענק איך שוין נישט, אחוץ די נעמען נינאַ אַזבעל און פערלמאַן.

האָט זיך איין מאָל געטראָפן, אַז מיר האָבן נישט פאַרענדיקט די בערג מיט וועש, וואָס מיר האָבן געהאַט צו וואַשן יענעם טאָג, און איך מיט דער פערלמאַן האָבן באַשלאָסן בלייבן נעכטיקן און מאָרגן פאַרטאָג ענדיקן וואַשן און פּרעסן. מיר זענען געווען זיכער, אַז קיינער וועט עס נישט באַ־מערקן. דאָרט פלעג אויך נעכטיקן צוויי עלטערע מענער; האָבן זיי אונדז געמאַכט אַ געלעגער אויף איינעם פון די צוויי בעטלעך, און זיי זענען געשלאָפן אויפן צווייטן בעטל.

אויף אונזער מזל איז 3 אַ זייגער באַנאַכט געווען אַ קאָנטראָלע, און ס׳איז דווקא געווען אַ נייער סאָלדאַט און אַ גזלן דערצו.

— „וואָס טוט איר דאָ?" — האָט ער געוואָלט וויסן.

כ'האָב אים געוויזן די באַליע וועש, וואָס איז געשטאַנען אויפן דיל און כ'האָב אים געבעטן, ער זאָל נישט מאַכן קיין סקאַנדאַל. אָבער ער האָט זיך אָנגעצונדן און באַלד טאַקע, אין מיטן נאַכט, אויפגעוועקט דעם קאָמאַנדאַנט און געמאַלדן, אַז צוויי פרויען זענען אַן אַ דערלויבעניש געבליבן נעכטיקן ביי דער אַרבעט, אַ־דאָס צוויי „פערפלוכטע יידינעז". דער קאָמאַנדאַנט איז תיכף אַראָפּ צו אונדז און זיך גענומען צו אונדז מיט קולי־קולות.

איך האָב ווידעראַמאָל דערקלערט, אַז מיר האָבן נישט באַמערקט, ווי ס'איז נעכטן באַנאַכט שפּעט געוואָרן און אַז מיר האָבן דערנאָך מורא געהאַט אהיימצוגיין, ווייל נאָך 5 אַ זייגער טאָרן מיר זיך אויף דער גאַס נישט ווייזן. ער איז אַוועק אַ צעקאָכטער און מיר האָבן מער נישט געקענט איינשלאָפן, ווייל מיר האָבן זיך געשראָקן: וואָס וועט זיין ווייטער? צוריק אין געטאָ האָב איך זייער נישט געוואָלט גיין.

אויף צו מאָרגנס האָב איך דערזען דעם „העכערן" וואָס פאַר אים פלעגן מיר עס וואַשן די וועש — און ער איז גראַד נישט געווען קיין פאַרביסענער — בין איך צו אים צוגעגאַנגען, דערציילט אונדזערע צרות און אים געבעטן, ער זאָל זיך פאַראינטערעסירן און זען, אַז מע זאָל אונדז נישט צוריקשיקן אין געטאָ. נו, דאַנקען גאָט, מ'האָט אונדז אין געטאָ נישט צוריקגעשיקט.

די ליקווידאַציע פונעם געטאָ

דאָס איז געווען פאַרן ערשטן מאַי 1942, און פאַר דעם־אַ טאָג האָבן מיר זיך זייער געשראָקן, ווייל מיט אַ יאָר צוריק האָבן מיר געפּראַוועט דעם ערשטן מאַי ביי די סאָוועטן: און אַזוי ווי די לעטן זאָגן, אַז אַלע יידן זענען קאָמוניסטן, האָבן מיר מורא געהאַט, אַז זיי זאָלן זיך איצט נישט דערמאָנען און זיך מיט אונדז אָפּרעכענען.

די לעטן האָבן יך מיט אונדזן גערייצט, אַז מע גראָבט שוין ווידער פאַר אונדז גריבער. פון אַזוינע רייד איז אונדז געוואָרן זייער קאַלעמוטנע אויפן האַרצן. מיר האָבן זיך גערעכנט, אַז מע וועט אונדז באַלד אַלע פאַרטיק מאַכן. אין שטאָט און אין קרעפּאָסט האָבן דעמאָלט געאַרבעט 400 יידן, און דאָס רעשטל, אויך ביי אַ 400 יידן, האָבן זיך געמאַטערט אין געטאָ.

כדאי צו פאַרצייכענען אָט־וואָס: אין געטאָ איז דעמאָלט פאַרפרוירן געוואָרן דער איינציקער קראַנט פאַר וואַסער, האָט מען געמוזט נעמען וואַ־

סער פון די בלאָטעס, ווו ס׳האָט געשווימבלט מיט כלערליי חייהלעך. ס׳האָט אָבער קיינעם נישט געשאַט, כאָטש דאָס וואַסער איז בפירוש געווען קאָנ־טאַמינירט.

אַ טאָג פאַרן ערשטן מאַי האָט מען אַלע געטאָ־יידן געפירט אין שטאָט אַריין, אין באָד. צום ערשטן מאָל אין שטאָט אַריין און גלייך אין באָד? וואָס זאָל דאָס באַטייטן? אפשר האָט דער טייוול אָפּגעשטעלט זיין רציחה און וויל שוין בעסער ווערן צו די אויסגעמאַטערטע יידן, צו די לעבעדיקע מתים?

די לעטן זענען צעפּלאַצט געוואָרן פון גדולה, אַז זיי האָבן געזען, ווי די יידן מאַרשירן אינמיטן פון די דווינסקער גאַסן אין באָד אַריין — צום ערשטן מאָל פאַר די לעצטע 10 חדשים פּיין און הונגער. מ׳האָט ביי זיי נישט געזען קיין ברעקל רחמנות. פאַרקערט, זיי האָבן געפּאָדערט, מע זאָל אונדז איינגאַנצן און שוין אָפּמעקן.

צו מיר איז געקומען אַ פריילין, עמאַ סליווקין, אַ פאַרמאַצעווטין, האָב איך איר אָוועקגעגעבן מיין ראציע און זי האָט מיטגענומען אין געטאָ אַריין פאַר נאָך עטלעכע יידן אַ פּאָר פּעקלעך· מיר האָבן דאָך נישט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, צוליב וואָס מע פירט עס די יידן אין באָד אַריין. האָבן מיר זיך מיט איר געזעגנט, ווי געוויינטלעך, און זי איז אַוועק אַ זאַטע און נאָך מיטגענומען אָנבייסן אויף מאָרגן אויך.

דער מאָרגנדיקער טאָג איז אָבער געווען אַ פינצטערער, וואָס פינצ־טערער קען שוין נישט זיין. צען אַ זייגער זענען מיר געוואָר געוואָרן, אַז אין געטאָ האָט מען אַלע קראַנקע דערשאָסן אין די בעטן און די איבעריקע האָט מען פאַרטריבן אין טורמע.

אַזוי האָט זיך פאַרענדיקט דער ערשטער מאַי 1942. אין באָד אַריין אַפריער האָט מען די יידן געפירט דערפאַר, ווייל ווי וואָלטן זיך די לעטן געקענט צורירן צו טויטע פאַרלייזיקטע יידן? דערפאַר, הייסט עס, האָט מען זיי אַפריער ריין געמאַכט.

אַז מ׳האָט געטריבן פונעם שפּיטאָל, האָט זיך די פרוי עלע וואָפּסי אויסבאַהאַלטן אין אַ גרוב. די גזלנים האָבן זי ארומגעזוכט, נאָר מ׳האָט זי נישט געפונען. זי איז טאַקע די איינציקע, וואָס האָט אריבערגעלעבט די „אַקציע" אין שפּיטאָל.

מיר האָבן זיך דערנאָך דערוווסט, אַז אַסך האָבן נישט געוואַרט אויפן לעצטן וואָרט פון דער „אַקציע", נאָר זיי האָבן זיך אַליין גענומען ס׳לעבן, איינגענומען סם.

די־אַ גייסן האָבן אונדז געבראַכט די רוצחים אַליין·

אין דער דאָזיקער שחיטה האָב איך פאַרלוירן מיין איינציקע מומע, די מומע מוסיע און אַלע מיינע „קליענטן", וואָס איך פלעג זיי ברענגען עסן.

איצט בין איך פריי פון דאגות, האָב איך צו זיך אַליין געזאָגט: איצט איז מיר גוט...

מע זאָגט מיך אָפּ פון דער אַרבעט

דער ערשטער מאַי איז אויסגעפאַלן אין אַ פרייטיק. שבת אויף דער נאַכט האָט מען אָפּגעזאָגט 20 מענטשן פון דער אַרבעט, און מיך אויך בתוכם. ווען מע זאָגט אונדז אָפּ מיט 2 טעג פריער, וואָלט איך שוין איצט אויף דער וועלט נישט געווען, נאָר כ'וואָלט געלעגן אַ צעשאָסענע, אינאיינעם מיט דיר איבעריקע געטאָ־יידן. אָבער אַזוי איז מיר אויך נישט בעסער, וואָרן וואוהין זאָל איך גיין — צוריק אין געטאָ? איז דאָך מער קיין געטאָ נישטאָ. אין טורמע צו די איבעריקע אומגליקליכע? וועט מען מיך דערשיסן. וואוהין'זשע גייט מען פאָרט?

כ'האָב זיך געלאָזט גיין צו דער פלעצער־געגנט הינטער דער שטאָט, דאָרט האָט געוואוינט אַ באַקענטער קריסט אונדזערער, שאַליגין. אָט־דער שאַליגין איז עטלעכע מאָל געקומען אין געטאָ, אויף אַ וועלאָסיפּעד, אַן 8 קילאָמעטער וועגס, און ער פלעגט מיך אַרויסרופן אין דרויסן און מיר געבן אַמאָל אַ פונט צוקער, אַמאָל קאַרטאָפל, עטלעכע שטיקלעך צוקער, אָדער אַ פּאָמידאָר.

צו מיינע צרות האָב איך אָבער שאַליגינען אַליין אין דער היים נישט געטראָפן, נאָר זיין פרוי. זי האָט מיר געעצהט אַנטלויפן אין וואַלד אַריין. אָבער צו וועמען אין וואַלד אַריין? צווייטנס איז דער וואַלד געווען ווייט און מע וואָלט מיך אויפן וועג תיכף געכאַפּט. וואוהין'זשע גייט מען? כ'האָב זיך אַוועקגעלאָזט איבער פלעצער און גאַסן און איך בין סוף־כל־סוף אָנגעקומען צו די קאַוואַלערסקע קאַזאַרמעס, וואו אַבראַשע צווייגאָרן האָט געאַרבעט ווי אַ שניידער, אינאיינעם מיט נאָך 15 יידן.

פון יענע 15 יידן געדענק איך איינע אַ פרוי פּערלמאַן, דימאַנט (פון קינאָ „גראַנד עלעקטראַ"), 2 ברידער באַר, אַ יונג בחור ראָז, כאַרמאַץ, איכלאָוו.

אַז איך בין אָנגעקומען, איז צווייגאָרן געשטאַנען אין טלית און גע־דאַוונט. זיי האָבן זיך פאַר מיר אַלע דערשראָקן, אַזוי „שיין" האָב איך

אויסגעזען. כ׳האב אים דערציילט מיינע צרות. האט ער מיר דערלאנגט זיין פרויס א פלאטין־זייגערל און געבעטן א מיידל, לובא בארבאקאווא, זי זאל מיט מיר צוגיין אין קרעפאסט, וואו נאך יידן ארבעטן, און זי זאל דארטן מיטן זייגערל „אונטערשמירן״ א סאלדאט, אבי ער זאל מיר נאר געבן ארבעט, ווייל אויב איך באקום נישט ביז מארגן קיין ארבעט, איז ביטער ווי דער טויט.

מיר זענען אוועק צום שעף. נאר אפילו דאס אליין איז אונדז נישט אנגעקומען אזוי גרינג. די שיקסע, וואס האט געדינט ביים שעף האט אונדז נישט געלאזט אריינגיין. זי האט אונדז נישט געוואלט אנמעלדן. האט איר ליובא צוגעזאגט, אז זי וועט איר אוועקגעבן ס„טיכל, וואס איך האב אויף זיך געטראגן — האט זי אונדז אריינגעלאזט. דאס איז געווען אין א זונטיק, אין א רו־טאג. צום שעף האט מען אפילו אין א געווינטלעכן טאג אויך נישט געטארט אריינגיין...

דער שעף פון דער איינהייט האט מיך אויסגעהארכט און מיר געהייסן קומען צו דער ארבעט מארגן, 6 אזייגער אין דער פרי. דערהערט אזוינע רייד, בין איך ביי זיך געווארן אביסל דרייסטער און אים געזאגט, אז איך בין נישט איינע אליין, נאר מיר זענען 20 אירע אויף די אייגענע צרות. האט ער געהייסן, אז מיר זאלן אלע קומען.

די גדולה מיינע איז געווען אין לשער. מיר האבן אפילו נישט געדארפט אנקומען צום זייגערל. כ׳האב עס צוריק אפגעגעבן דעם הער צווייגארן. נו, און מיין טיכל? דאס טיכל האבן מיר „פארגעסן״ צו געבן דער שיקסע, אז מיר זענען ארויס פונעם שעף. איך האב געהאלטן, אז מע דארף עס איר יא געבן, נאר ליובא האט נישט געוואלט.

— „א מכה קען איך איר געבן״.

דאס גיין אהין און צוריק איז אויך נישט געווען אזא לייכטע זאך, ווייל פונעם קאוואלעריסקן פאלק ביזן קרעפאסט איז געווען מער ווי 6 קילאמעטער; נאר איך בין געלאפן אנזאגן די פארצווייפלטע יידן די בשורה, אז זיי מעגן שלאפן רואיק — מיר האבן ארבעט.

אויף צו מארגנס האבן מיר טאקע אנגעהויבן ארבעטן. די ארבעט איז באשטאנען אין אויסלאדעווען די פארבלוטיקטע זאכן, וואס זענען אנגעקומען פונעם פראנט, זיי ריין מאכן, סארטירן און ציילן. איך האב אוועקגעלייגט א שווערן טאג אדבעט, דערנאך בין איך צוריקגעגאנגען צו דער קאמאנדאטור ארויסנעמען א צעטל, אז איך בין „ענטלאסן״, ווייל נאר דעמאלט קען איך ערשט גיין ערגעץ אנדערש ארבעטן.

אז איך בין צוריקגעקומען, האב איך געטראפן דעם קוזין מיינעם,

לענדל העלערמאן. מיט 2 טעג פריער האט ער אנגעווירן די מאמע זיינע. ער האט געהאט ביים שעף אז ארבעטס־פלאץ פאר איינער א פרוי ענציא אפטא. דער פלאץ איז שוין געווען א באצאלטער. נאר אזיווי די אפטא האט מען דערשאסן דעם ערשטן מאי און אזיווי ער האט געוווסט, אז איך האב נישט קיין ארבעט, האט ער מיך אוועקגעפירט צו זיין שעף און איך בין שוין דארט געבליבן און אין קרעפּאסט בין איך מער נישט געגאנגען.

(די פרוי אפטא האט זיך דעם ערשטן מאי געפוילט גיין צו דער אר־בעט. פונקט אין יענעם טאג איז אבער געווען די אקציע און מ'האט זי דערשאסן.)

איך בין געווען זייער צופרידן, וואס איך וועל נישט דארפן גיין אין קרעפּאסט. איך בין זייער אויסגעמאטערט, און גיין יעדן פר מארגן אזוי ווייט און צוריק וואלט איך פשוט ניט אויסגעהאלטן. דא אבער בין איך אינמיטן שטאט, אין דער אמאליקער קאמאנדאטור, לעבן אלטן בולוואר. צוויי מיידלעך, ראזע זעליקמאן (פון דער גריוועו, א 16־יעריקע) און מארי שאפירא, (א 20־יעריקע) האבן דא געוואשן וועש פאר 158 סאלדאטן. און מענדל העלערמאן און אן אנדערער קוזין מיינער, פאליא בלומקין, האבן דא געהאקט האלץ גאנצע טעג. נאר זיי האבן געהאט וואס צו עסן און ווו דעם קאפ אנידערצולייגן.

מיר העלפן די יידן אין קרעפּאסט

מיר פלעגן באקומען דאס אייגענע עסן, וואס די סאלדאטן. האבן מיר געבעטן דעם קוכער, ער זאל פאר אונדז האלטן דאס, וואס סע בלייבט איבער אין די טעפּ, וויל מיר ווילן עס אוועקטראגן די מענטשן אין קרע־פאסט — זיי הונגערן. דער קוכער האט אונדז צוליב געטאן.

איז נאך דער ארבעט פלעג איך מיט די צוויי מיידלעך און מיט מענדל העלערמאנען אוועקטראגן אין קרעפּאסט אלץ וואס מיר האבן דורכן טאג געהאט אנגעקליבן. א סאלדאט, אן אונטערגעקויפטער, האט אונדז באלייט — האט מען געמיינט, אז דאס טראגן מיר עסן פארן מיליטער . . .

אין קרעפּאסט פלעגט מען אויף אונדז ווארטן ווי אויף גוטע מלאכים און מע פלעגט אונדז אנווינטשן כל הגוטס. נאר מיר האבן אין זינען געהאט איין זאך: הלוואי וואלטן די סאלדאטן מארגן אויך נישט אלץ אויפגעגעסן — וועלן מיר זיך ווידער איינשפאנען ווי די פערד און טראגן עסן אין קרע־פאסט. הלוואי וואס מערער.

אין דער „איינהייט" זענען געווען אַרום 180 סאָלדאַטן. אין די קעפּ פון די פיש, למשל, פלעגן זיי נישט עסן. פלעגט די שיקסע אין קיך אָפּ־האַקן די קעפּ מיט שטיקער פיש אינײַנעם און אַמאָל אַרײַנוואַרפן אַ גאַנץ פישל אויך — און דאָס אַלץ האַלטן פאַר אונדזערטוועגן. אַזוי פלעגן מיר צונויפקלײַבן בײַ אַ 40 פונט עסן אַ טאָג. מיר פלעגן עס תיכף באַנאַכט אוועקטראָגן אין קרעפּאַסט, סע זאָל נישט קאַליע ווערן. אַז זאַלץ. און אַז ציבעלעס.

עס בייט זיך די „איינהייט". — נייע בעלי־בתים

אַזוי האָט עס אָנגעהאַלטן אַ שטיק צײַט. אָבער דעם 15־טן יוני האָט מען געביטן די „איינהייט". יענע זענען געווען פון זאַקסן און די זענען גע־קומען פון בײַערן. מ'האָט אונדז געזאָגט, אַז זיי זענען רשעים, מינכענער, פון היטלערס היים. דער „העכערער" איז טאַקע געווען אַ רשע, אַ הורג־נפש, אַ פּאַרטיי־מענטש, אַ היטלעריסט.

בין איך מיט ראַזימשקע זעליקמאַן צו אים אַרײַנגעגאַנגען און אים געבעטן, ער זאָל אונדז ווייטער לאָזן דאָ אַרבעטן, ווײַל מיר האָבן נישט וואוהין צו גיין — אין געטאָ האָט מען אַלעמען אויסגעהרגעט. סיידנס אין תפיסה.

— „יודען — אונד גוטע אַרבייטער" — האָט זיך דער גזלן גע־חידושט.

האָבן מיר אים געבעטן, ער זאָל אונדז נעמען אויף פּראָבע. און אַזוי איז געבליבן. די מענער האָבן טאָג און נאַכט געהאַקט האָלץ און מיר, פרוי־ען, האָבן געוואַשן וועש און די דילן. און ווידער האָבן מיר זיך צוגעשאַרט צום קוכער און ווייטער געטראָגן פיש־קעפּלעך און ברויט און זופּ אין קרע־פּאַסט. אין אַ צײַט אַרום איז איינמאָל פאַרבײַגעגאַנגען דער „העכערער" און מיך אַ פרעג געטאָן:

— „ווי געפעלט אינען די אַרבייט?"

כ'האָב אים געזאָגט, אַז זי געפעלט אונדז און מיר דאַנקען אים, וואָס ער לאָזט אונדז טראָגן עסן אין קרעפּאַסט.

— „איך זעהע ניכטס" — האָט ער אָפּגעקנאַקט און איז זיך ווייטער געגאַנגען.

די לעטן פאַדערן,
מע זאָל אונדז אומברענגען

דאַ האָט זיך דערנענטערט דער 26־סטער יוני, דאָס איז דער טאָג ווען די דייטשן האָבן פאַרנומען דווינסק. מיר האָבן געוווּסט, אַז די לעטן פאַדערן, מע זאָלן אין דעם טאָג אַ סוף מאַכן מיטן רעשטל יידן, וואָס שטעכט זיי נאָך די אויגן.

פּלוצים איז טאַקע אַרויס אַ באַפעל, אַז אַלע אַרבעטער, סיי די פון דער שטאָט, און סיי די פונעם קרעפּאַסט, מוזן זיך דעם 26־סטן יוני מעלדן אין געטאָ. מיר האָבן פאַרשטאַנען, מ׳ט וואָס דאָס שמעקט, און מיר האָבן אַלע גענומען זיך בעטן ביי די דייטשע שעפן, אונדזערע „פריינט", אַז זיי זאָלן אונדז נישט איבערגעבן צו די לעטן אין די הענט אַריין.

דער שעף פונעם קרעפּאַסט, קאָנראַד לוקענוואַלד, וואָס האָט געהאַט ביי זיך אַרום 200 מענטשן, האָט געזאָגט דעם געביטס־קאָמיסאַר, אַז זיינע יידן אַרבעטן בעסער ווי 3000 לעטן און ער וועט נישט לאָזן איבעררייסן דעם אַרבעטס־טאָג און זיי לאָזן גיין אין געטאָ. (ס׳איז אפשר נאָך כדאי צו דערמאָנען, אַז די קרעפּאַסט־יידן האָבן אים אַפריער „אונטערגעבעט" מיט שטאָף אויף אַ מאַנטל. וואָר־נישט־ווו האָבן נאָך די יידן געהאַט ביי די גויים שטיקער סחורה באַהאַלטן, טאַקע פאַר אַזוינע נויטפאַלן.)

— „זאָלן די לעטן קומען אַהער אין קרעפּאַסט, אויב זיי ווילן רעגיס־טרירן די יידן" — האָט לוקענוואַלד געפּסקנט. דער געביטס־קאָמיסאַר האָט געענטפערט, אַז ער וועט געבן אַ תשובה. מיר האָבן דעם 25־סטן יוני אַ גאַנצן טאָג געוואַרט אויף זיין תשובה, ווייל אויב דעם שעף וועט זיך איינ־געבן אונדז צו ראַטעווען, וועלן די אַנדערע שעפן האָבן מער דרייסטקייט, צו בעטן אויך פאַר זייערע יידן.

איך באַקום אַ מתנה: סם

שבת נאָכמיטאָג איז צו מיר געקומען אַבראַשע צווייגאַרן און מיך געבעטן, איך זאָל מיט אים אוועקגיין צו זיין ווילע אין סטראָפּי, ווייט פון דער שטאָט, און זיך דאָרט אויסבאַהאַלטן ביי זיינעם אַ באַקאַנטן פויער.

דער פּלאַן איז מיר נישט געפעלן, ווייל ווער ווייסט, צי דער פויער וועט אונדז וועלן באַהאַלטן; און אויב יאָ — אויף ווי לאַנג? און אפשר וועט אונדז דער פויער אַליין אַרויסגעבן, וועט מען דאָך אונדז דעמאָלט אוודאי שיסן. דאָ אָבער קען איך וואַרטן אויפן געביטס־קאָמיסאַרס ענט־

פער, וואָס אויב אפילו ער זאָל זיין אַ נעגאַטיווער — איז מיט וואָס ביז איך בעסער פון מיין מאַמען, מיין מאַן, שוועסטער און ברידער?

האָב איך אים געזאָגט, ער זאָל טון ווי ער פאַרשטייט, און איך בין נישט געגאַנגען. כ'האָב מיך פאַרלאָזט אויף גאָט, אַזוי ווי אין געטאָ, ווען כ'האָב נאָך געהאַט אויף מיינע הענט דעם אַלטן־קראַנקן פאָטער.

דערהערט מיין באַשלוס, האָט ער מיר מיט טרערן אין די אויגן דער־לאַנגט אַ מתנה אין אַ פלעשעלע: 20 טאַבלעטן וועראָנאַל (אַזאַ מין סם) און מאַרפיום, כדי טאָמער קומט עס צום ערגסטן, — זאָל איך מיר אַליין קענען דאָס לעבן נעמען.

מיר האָבן זיך געזעגנט. כ'האָב אים געדאַנקט פאַר דער פריינטשאַפט, וואָס ער האָט מיר נישט־איינמאָל אַרויסגעוויזן אין די פינצטערע צייטן. און ער איז אַוועק. און מיר פינף זענען ווייטער געבליבן וואַרטן אויף אונ־זער גורל.

מיין קוזין מענדל העלערמאַן האָט מיר געמאַכט פאַרוואָרפן, פאַרוואָס איך וויל זיך נישט ראַטעווען, אָבער מיר האָט פאַרט געזאָגט ס'האַרץ, אַז אַזוי ווי איך טו, איז גוט.

כ'בין אַריין צום שעף אונדזערן און אים געבעטן איינליינען ביים גע־ביטס־קאָמיסאַר אַ גוט וואָרט פאַר אונדז. דער שעף פונעם קרעפּאַסט זאָרגט אויך פאַר זיינע יידן — האָב איך אים געזאָגט. — האָט ער מיך אויסגעהערט, אָפּגעטעלעפאָנירט צום געביטס־קאָמיסאַר און מיר געהייסן גיין שלאָפן. אָבער ווער פון אונדז האָט געקענט שלאָפן? מיר זענען געלעגן אַ גאַנצע נאַכט און געררעדט, און ס'איז ביי אונדז קיין ספק נישט געווען, אַז מאָרגן אין דער צייט וועלן מיר שוין זיין באַשאָטן מיט זאַמד און מיט קלאַר — כדי אונדזער פלייש זאָל אויסגעגעסן ווערן און סע זאָל פון אונדז קיין זכר נישט בלייבן.

מילא, מיט וואָס זענען מיר בעסער פון אַנדערע? פאַרוואָס זאָל מען זיך מיט אונדז מער צאַצקען ווי מיט אַנדערע? פון אונדז וועט קיין זכר נישט בלייבן און די לעטן וועלן מער נישט האָבן, וועמען צו פייניקן. ס'וועט אפילו נישט בלייבן עמיצער, וואָס זאָל נאָך דער מלחמה דערציילן דער וועלט, וואָס מיט אונדז איז פאַרגעקומען.

מיין שוועסטער פון קאַנאַדע וועט שרייבן און שרייבן און קיינער וועט איר נישט קענען ענטפערן, ווו מיר זענען, דאָס אייגענע מיין ברודער אין ירושלים. אַזוי וועט אָפּגעווישט ווערן פון דער וועלט אַ משפחה, וואָס אַמאָל איז זי געווען ווי אַ בוים, מיט וואָרצלען, מיט צווייגן און מיט צוויי־געלעך . . .

מיט אזעלכע געדאַנקען האָבן מיר, ווי אויך די יידן אין אנדערע „איינ־הייטן" און אין קרעפּאַסט געוואַרט אויפן פינצטערן מאָרגן.

די נאַכט איז געווען אַ שטאָק־פינצטערע, אַזויווי אונדזערע מחשבות, נאָר מיר האָבן געוואָלט אַז זי זאָל זיך אַזוי ציען און ציען און סע זאָל קיינמאָל נישט „טאָג" ווערן . . .

גאָט העלפט — דערוויַיל . . .

ווי מיר ליגן אַזוי און איטלעכער טראַכט פון זיין נאָענטן עבר און פון זיין משפּחה, דערהערן מיר פּלוצים אַ קלאַפּ אין פענצטער. אַ סאָלדאַט איז אונדז געקומען אָנזאָגן, אַז מיר מעגן שלאָפן רואיק: דער שעף האָט באַקומען אַן ענטפער פונעם געביטס־קאָמאַנדאַנט, אַז דערוויַיל בלייבן אַלע יידן אויף זייערע ערטער. פונוואַנען ער ווייסט עס? ער האָט עס אונטערגעהערט.

— „איר מעגט עס מיר גלייבן. און איך וויל טאָקע, אַז מאָרגן אין דער פרי, אַז דער שעף אַליין וועט עס אייך אָנזאָגן, זאָלט איר זיך נישט־וויסנדיק מאַכן און מיך נישט אַרויסגעבן, ווייל איך האָב אייך נישט געדאַרפט קומען אָנזאָגן די גוטע בשורה. נאָר איך בין נישט קיין יידן־שונא און איך זע, ווי איר ליידט."

דער סאָלדאַט איז אַוועק און מיר האָבן נישט געוווּסט, צי מיר זאָלן זיך פרייען, אָדער — אפשר איז דאָס גאָר אַ שפּיצל פונעם שעף, כדי מיר זאָלן נישט אַנטלויפן ביז מאָרגן? סוף־כל־סוף איז ביי אונדז געבליבן, אַז מיר זאָלן דעם סאָלדאַט יאָ גלייבן, ווייל ער איז תמיד געווען זייער פריינט־לעך צו אונדז, געהאָלפן טראָגן עסן אונדזערע ברידער אין קרעפּאַסט און פלעגט נאָך תמיד מיטברענגען אַ שטיקל ווייס ברויט פאַר די קראַנקע.

אַזוי איז אַריבער די נאַכט.

ס'איז געוואָרן 6 אַזייגער אין דער פרי און מיר האָבן אָנגעהויבן אונד־זער געוויינטלעכע אַרבעט. זייגער 10 לאָזט מיך דער שעף רופן און ער איז מיט מיר אָפּנהאַרציק: ער האָט פאַר אונדז אינטערווענירט ביים גע־ביטס־קאָמיסאַר נישט ווייל מיר זענען יידן, נאָר ווייל מיר אַרבעטן גוט און ווייל ער איז פון אונדז צופרידן. דערוויַיל בלייבן מיר דאָ, אָבער מיר מוזן זיין פאָרשפּאַרט, אָפּגעטיילט פון דער דרויסנדיקער וועלט. און אַז די שעה וועט קומען און מע וועט אונדז וועלן דערשיסן, וועט ער אונדז גאָר־נישט קענען העלפן.

פון זיינע רייד איז מיר נישט געוואָרן פרייַלעכער אויפן האַרצן אָבער אַבי מע וועט היינט נישט שיסן. און ווער ווייסט, אפשר וועט ער, דער

גזלן אַליין געהרגעט ווערן נאָך פריער פון אונדז.

אַז כ׳בין צוריקגעקומען צו די יידן און זיי דערציילט די נייס, איז געבליבן צווישן אונדז, אַז מיר זאָלן מאַכן אַ תענית. מיר האָבן טאַקע דעם איינענעם טאָג געפאַסט. באַנאַכט, אַז דער קוכער, אַ דייטש, האָט אונדז געבערענגט אונדזער עסן, האָט ער אונדז גראַטולירט, וואָס מיר זענען געבליבן לעבן.

אַזוי האָבן מיר זיך דערוווּסט אַרויסגעריסן פון די לעטישע הענט.

אין עטלעכע טעג אַרום האָבן מיר דעם שעף אַריינגעטראָגן אַ פּאָר לעדערנע הענטשקעס און אַ זיידן טישטעך, גרין מיט גאָלד.

איך נעם אָפּ גריסן
פון 400 דערשאָסענע קינדער

ביים שעף איז מיר געווען נישט שלעכט. כ׳האָב פאַר אים געוואַשן די וועש און געהאָלפן ריין מאַכן די קיך—און קיינער האָט מיר קיין שלעכטס נישט געקענט טון. צו דער אַרבעט האָט מיך יעדן טאָג געבראַכט אַ סאָלדאַט, וואָס האָט געדינט ביים שעף.

איינמאָל, אין אַ פרימאָרגן, שטיי איך מיר אַזוי אין קיך און וואַש די גלעזער, קומט אַריין אַ מערדער, אַ דייטש, וואָס איז גראָד דעמאָלט געווען ביים שעף און אָפּגעוואַרט אַ מינוט, ווען איך בין אַליין אין קיך — און הויבט אָן צו מיר צו רעדן. מ׳האָט געקענט דערקענען אין זיינע גזלנישע קוקערס, וואָס אים ליגט אין זינען, און כ׳האָב דערפאַר געזען דעם שמועס צו פאַרציען, ביז דער סאָלדאַט וועט צוריקקומען. דערווייל צעבילט זיך אַ הונט אין דרויסן, מאַכט ער צו מיר:

— „דו הערסט ווי דער כלב בעלט?״ — און ער פיינט זיך פאַר מיר אויס, אַז ער קען נאָך אַסך העברעישע ווערטער.

איך שטיי און ציטער און וויל נישט אַרויסלאָזן די אַרבעט פון די הענט. נאָר פּלוצים דערפיל איך אַז איך מוז עפּעס זאָגן אין זעלבסט־פאַרטיידיקונג. האָב איך אַ זאָג געטאָן:

— „אייך איז דאָך פאַרבאָטן מיט אונדז צו רעדן.״

נאָר ער איז אַריין אין רציחה און מיר געענטפערט, אַז ווען ער זאָל מיך איצט־אַ דערשיסן אפילו, וואָלט אים נישט געקומען גאָרנישט דערפאַר. ער האָט אַליין געזען, ווי מ׳האָט מיט דריי טעג צוריק דערשאָסן 400 קינדער אויף דער אינדרער סטאַנציע, נאָך קרעסלאַווקע.

דאָס האָט מיר דער רוצח דערציילט מיט אָפענער פרייד. ער האָט

געמיינט, זאגט ער, אז חזירים קוויטשען, אבער ס'איז נישט געווען קיין חזירים, נאר יידישע קינדער.

פון זיינע רייד האבן מיר גענומען ציטערן הענט און פיס, נאר כ'האב עס נישט ארויסגעוויזן.

ביסלעכווייז האט ער פארגעסן, וועגן וואס ער איז געקומען און מיר גענומען ווייזן פאטאגראפיעס, ווי מע פייניקט מענטשן און ווי מע שיסט זיי. אזוי לאנג, ביז דעם שעפס באדינער איז אריינגעקומען און דער רוצח האט זיך אפגעטראגן.

דער מוח האט זיך מיר שיר־נישט געשפאלטן: פונוואנען, פון וועלכע שטעטלעך, האט מען צונויפגעשלעפט די 400 קינדער? און חוץ דעם פאר־בלוטיקטן פאגולאנקער וואלד, און חוץ דעם הויף אין דער טורמע, און חוץ דעם סאד הינטער דער טורמע און הינטער די קאוואלעריסקע קאזארמעס, און חוץ נאך ערטער, וואס איך ווייס אליין נישט, איז הייסט־עס פאראן נאך אן ארט: די סטאנציע אינדרא, וו סע ליגן הונדערטער גופימלעך פון פארפייניקטע יידישע קינדער פון די ארומיקע רוסישע שטעט און שטעטלעך, ווייזט אויס, ווייל אינדרא איז דאך לעבן דער רוסישער גרעניץ, פאר פאלאצק.

מיט אזעלכע געדאנקען האב איך אפגעארבעט דעם טאג ארבעט. פאר־נאכט האט מיך דער סאלדאט, ווי געוויינטלעך, אוועקגעפירט צוריק צו דער קאמאנדאטור, וו מיר 3 פרויען פלעגן קומען שלאפן און זיך דערציילן איינע דער אנדערער, וואס מיר האבן דורכן גאנצן טאג זיך אנגעזען און איבער־געלעבט. —

איך גיי ארבעטן אין קרעפאסט

אבער די לעטן האבן נישט גערוט. זיי האבן געפאדערט, אז מיר, די 90 יידן, וואס האבן געארבעט אין שטאט, זאלן האבן אונדזער נאכטלעגער אין בית־מדרש און אז זיי — די לעטן, זאלן אונדז היטן. נאר מיר האבן אבער געוווסט, אז גיין אין מנין שלאפן, איז פונקט ווי גיין אין געטא אריין. האבן מיר באשלאסן גיין ארבעטן מיט אלע יידן איינינעם און נישט זיין מער די לעטן אויף די אויגן. א טייל איז אוועק ארבעטן אין קרעפאסט. איך אויך צווישן זיי.

אין קרעפאסט האבן געארבעט א 300 יידן. אין „העערעס־אונטערקונפט נומער 322" האבן געארבעט א 200 יידן: 120 אין דער „ווערקשטובע", וו מ'האט פאבריכט די מלבושים, וואס זענען געקומען פונעם פראנט;

מ׳האט אויך דארט פארריכט שיך פאר די סאלדאטן; די איבעריקע האבן געארבעט אין די האלעס, וו מ׳האט עס אויסגעלאדן די פארבלוטיקטע, צעשאסענע מלבושים פונעם פראנט. איטלעכער צעשאסענער מלבוש האט דערקוויקט דאס הארץ, ווייל דא האבן מיר געזען בשיינפערלעך, ווי די דייטשן כאפן די מפלה.

אין אן אנדערער „ארבייטס-שטעלע״, נומער 200, האבן געארבעט ביי א 50 יידן. אחוץ ביי שניידעריי און שוסטעריי האבן יידן אויך געאר־בעט אין דער גערטנעריי. ארום 60 יידן האבן געארבעט ביי בוי־ארבעט, אי־דאס זייער שווער געארבעט.

אין די אוונטן פלעגן מיר זיך אלע צונויפקומען. אסך פון אונדז פלעגן אראפגיין אין קעלער, וואס אונטער אונדזער דירה, צו די רוסישע פלעני־קעס, וואס זענען געווען דארט פארשפארט הינטער גראטעס. געהיט אט־די פלעניקעס האבן עטלעכע פון זיי טאקע אליין, אזוינע וואס זענען געווען אין וולאסאווס ארמיי, היטלערס ארויסהעלפער.

זיי פלעגן זייער שיין זינגען און שפילן גיטארע, און אונדז פארפיי־ניקטע פלעגט שטארק ציען צו זייערע הארצרייסנדיקע מעלאדיעס, וואס האבן אין אונדז אויפגעוועקט זכרונות און אויפגעריירט אונדזערע וווּנדן . . . מע פלעגט זיצן אויף די טרעפ און זיך צוהערן שעהנווייז . . . אזוי יעדן אויפדערנאכט. דער יונגער עלעמענט, בפרט די מיידלעך, האט אינגאנצן פארגעסן, אז מיר זענען אליין געפאנגענע און אפשר נאך ערגער . . .

אין קרעפאסט זענען נאר געווען פאכמענער, ד. ה. שניידערס, שוס־טערס א. א. — איך האב זיך רעגיסטרירט אלס שניידערן. אויף דער פרא־גע, פארוואס אויף מיינע פאפירן איז פארשריבן קראנקן־שוועסטער און „פוץ־פרוי״ און שניידערן איז נישט דערמאנט, האב איך געענטפערט, אז בינען בין איך אין דער אמתן א שניידערן און א קראנקן־שוועסטער. א „פוץ־פרוי״ בין איך גאר געווען צייטווייליק. איטלעכע פרוי קען דאך זיין א „פוץ־פרוי״ און אפילו א קראנקן־שוועסטער.

— ׳גלייבט מיר, אז איך בין א שניידערן״ — האב איך דעם פאר־שרייבער נאכאמאל געבעטן.

ער האט מיר געגלייבט און איך בין אריין אין דער שניידעריי.

די שניידעריי איז געווען אין קרעפאסט אויף א בארג. ביי פארשיי־דענע פאכן האבן דארט געארבעט 130 יידן: שניידערס, שוסטערס, זאט־לערס. די ארבעט איז באשטאנען אין פארריכטן די זאכן, וואס פלעגן אנ־קומען וואגאנענווייז פונעם פראנט. ביים אויסלאדעווען די וואגאנען פלעגן אויך ארבעטן יידן. פון דער שניידעריי פלעגן מיר די פארריכטע זאכן שיקן

אין דער וועשעריי, וואס האט זיך געפונען ווייט פון דער שטאט, לעבן ייִדישן בית־עולם. דארט, אין דער וועשעריי האבן זיך די ייִדן ממש גע־באדן אין שוויים א גאנצן טאג.

איך האב מיך אוועקגעזעצט לעבן מיינע באקענטע און מ׳האט מיך אנגעהויבן צו לערנען די תורה: די ארבעט איז נישט געווען אזוי שווער, נאר פונעם ריח פון די קויטיקע, פארבלוטיקטע מאנטלען, קאסטיומען און וועש איז אנגעקומען צו ברעכן.

תחילת האב איך געמיינט, אז איך וועל דא אומקומען אז א קויל. נאר כ׳האב זיך צוגעוווינט.

אין א פאר טעג ארום איז אריין דער שעף אין „ווערק־שטובע" אריין און מיך געפרעגט, צי איך קען ציילן ביז 10. כ׳האב אים געענטפערט, אז אפילו ביז 11 קען איך אויך ציילן. האט ער מיך אוועקגעשטעלט קאנטרא־לירן די פארטיקע וועש, מאנטלען און קאסטיומען און ער האט מיר אנ־געזאגט, אז אויב איך וועל דורכלאזן א קנעפל, וואס פעלט, אדער א לעכל, וואס מ׳האט פארגעסן צו פארריכטן, מעג איך מיך געזעגענען מיטן לעבן.

איך בין געווען צופרידן מיט דער ארבעט. קאנטראלירן די זאכן איז געווען גרינגער ווי זיי האלטן נאענט צו דער נאז און צום מויל און דער ריח זייערער זאל דיך שטיקן און דיך איבלען.

אין צימער, וואו איך בין געשלאפן, איז מיט מיר געווען איינע א פרוי זיסלין פון קרעסלאווקע. אירע א טאכטער איז געווען א שניידערין און האט געארבעט אין שטאט אינאיינעם מיטן שניידער לייב אנטיקאל, וועמען מ׳האט אמאל אין געטא ארויסגענומען א נאדל פון דער האנט. זי איז איינמאל געקומען געוואר ווערן, וואס די מוטער טוט און מיר האבן זיך באקענט, זי האט אויך געהייסן פעסיע. איז אזוי ווי די מוטער אירע איז דא געווען עלנט אליין און די טאכטער האט געקענט שיקן עסן וויפל זי האט געוואלט, האט זי מיך געבעטן, די טאכטער, איך זאל תמיד עסן מיט איר מוטער אינאיינעם.

— „זייט מיינע א שוועסטער" — האט זי מיך געבעטן.

כ׳האב מיך זייער דערפרייט דערמיט, ווייל אין קרעפאסט איז געווען א סך ערגער ווי אין שטאט. כ׳האב אצינד קיינעם נישט געקענט העלפן, נאר אליין געמוזט אנקומען נאך הילף.

אזוי זענען זיך די טעג געגאנגען. כ׳האב געמוזט פארשרייבן אלע זאכן, וואס קומען אריין און וואס גייען ארויס, נאר שווער האב איך נישט געארבעט.

איינמאל רופט מיך ארויף דער שעף, קאנראד לוקנוואלאד, און ווייזט

מיר אז אַרט אויף זיין אָרעם פול מיט וואונדן און מיט קליינע וואַסער־פּכירן. ער האָט געוואָלט, איך זאָל די וואונדן באַשמירן מיט עפּעס אַ זאַלב און פאַרבאַנדאַזשירן.

אַז כ׳האָב זיך צוגערירט צו זיינע וואונדן, איז מיר דורך אַ שוידער איבערן לייב. כ׳האָב מורא געהאַט פאַר עפּעס אַ קלעפּיקער קרענק. נאָר כ׳האָב דאָך געמוזט טאָן, וואָס מ׳האָט מיר געהייסן — האָב איך געמאַכט אַ באַנדאַזש.

דער שעף רופט דעם דר. וואָפּסי

צומאָרגנס אינדערפרי לאָזט מיך דער שעף ווידער רופן און ער איז מלא־כעס: די זאַלב האָט אים נאָך ערגער געמאַכט. איז אַזויווי ער איז געווען אַ שטרענגער, דער דאָזיקער לוקנוואַלד, נאָר מ׳האָט צו אים גע־קענט רעדן, האָב איך אים פאַרגעלייגט, ער זאָל שיקן נאָך אונדזער גוטן הויט־דאָקטער בארים סעמיאַנאָוויטש וואָפּסי, וואָס ער אַליין האָט דעמאָלט געאַרבעט אין שטאָט ביי די דייטשן, אָבער זיי פרוי און זיין זון האָבן געאַרבעט טאַקע דאָ אין קרעפּאַסט.

דר. וואָפּסי איז געקומען און גענומען היילן דעם שעף אונדזערן. טיילמאָל פלעגט מען אים לאָזן נעכטיקן אין קרעפּאַסט. די פאַמיליע וואָפּסי איז דערפון געווען אין זיבעטן הימל.

איך פלעג דעם שעף יעדן טאָג איבערבאַנדאַזשירן דעם אָרעם, ביז — אין אַ שיינעם טאָג, דעם 25־טן דעצעמבער 1942, לאָזט ער מיך רופן און ווייזט מיר, אַז ס׳האָט זיך אים געמאַכט אַ פורונקל אויפן קאָפּ. איך האָב אים געבעטן אַריינרופן אַ דאָקטער, ווייל איך פאַרשטיי נישט גאָרנישט אין אַזוינע זאַכן. נאָר ער האָט געוואָלט, איך זאָל אים אַליין היילן.

— „כ׳האָב מורא" — האָב איך זיך פאַר אים מתוודה געווען — „ווייל טאָמער מאַך איך דיר אַ בלוט־פאַרגיפטונג, וועסטו דאָך מיך תיכף דערשיסן."

נו, אַזויווי ער האָט געזען, אַז איך קווענקל זיך, האָט ער אַרויסגע־נומען אַ רעוואָלווער, אים אַוועקגעלייגט אויפן טיש און אַ זאָג געגעבן שטיל און ברוטאַל:

— „איכ׳ל ד׳ר זאָגן, וואָס דו זאָלסט טון און דו טו. און אויב נישט, וועסטו קיין לעבעדיקע נישט אַרויס פונדאַנען."

כ׳האָב געבעטן די מאַמע מיינע, זי זאָל מיך שטאַרקן און זי זאָל

פירן אזוי, אז סע זאָל מיר נישט ארוים קיין רעה פון דער ארבעט, וואָס איך שרעק מיך פאַר איר איצט אַזוי.

כ'האָב גענומען אַביסל שפּירט און ריין געמאַכט דאָס אָרט פונעם פורונקל, אָפּגעשוירן די האָר אַרום און ווידער דעסינפיצירט. דערנאָך האָב איך גענומען צוויי שטיקלעך וואַטע אין די פינגער און מיט ביידע הענט אָנגעהויבן אויסקוועטשן דעם אייטער פון דער מכה. אַז אַלץ איז ארויס און ס'האָט זיך באַוויזן ריין בלוט, האָב איך באַשמירט מיט יאָד. ס'האָט אים אָנגעהויבן צו ברענען.

— „מעגסט שוין גיין" — האָט ער אַ בורטשע געטאָן.

כ'בין אַריין צו זיך אין צימער און געטראָפן די 20 פרויען וואַרטן אויף מיר מיט גרויס אומגעדולט. זיי האָבן נישט געוווּסט, וואָס איבער־צוקלערן, ווייל כ'האָב זיך דאָך געזאַמט ביים שעף מער ווי אַ האַלבע שעה. אַז איך בין אַמאָל אַוועק אין „שרייבשטוב" מיט דער צאָל פון די מלבושים, וואָס מ'האָט דורכן טאָג פאַרריכט, אָדער אַז איך בין געגאַנגען מאַכן אַ באַנדאַזש, פלעג איך מיך נישט זאַמען מער ווי 5 מינוט.

כ'האָב זיי דערציילט, פאַרוואָס כ'האָב זיך אַזוי לאַנג געזאַמט; זיי האָבן זיך איצט, צוזאַמען מיט מיר, זייער געשראָקן פאַרן מאָרגנדיקן אײַנ־דערפרי.

פון די 20 פרויען געדענק איך ביי די נעמען אָט־וועלכע: לעני איסקאָווונא ראָזנבערג און איר טאָכטער איטאַ, ראָזאַ נאַטאַנאָווואַ אַדלבערג און איר טאָכטער נאַטאַ, דר. סאָפיאַ אַבראַמאָוונאַ וואַפּסי (דר. וואַפּסים פרוי), חנה אָסטרינסקי און איר מומע ראיאַ אַלים (געבוירן ראָז, פון קאַל־קון), מערי שאַפּיראַ, ראיאַ גורעוויטש, רעבעקאַ זאַרד און איר טאָכטער מאַיאַ, פרוי זיסליז, פרוי לאַנדאַו (געבוירן קוריאַנסקי) און לאה פלעקסער.

אויף צו מאָרגנס, האַלב זעקס אין דער פרי, זאָגט מען מיר אָן, אַז דער שעף רופט מיך. איך האָב זיך זייער עדרשראָקן. די פרויען — אויך. זיי האָבן גענומען מיך באַרואיקן און טרייסטן.

אַז איך בין אַריין צום שעף, האָט ער אויף מיר אַ דונער געטאָן:

— „זעהען זי וואָס זי געמאַכט האָבן!"

פון זיינע קולות האָב איך דערפילט דעם טעם פון טויט. כ'בין צו אים צוגעגאַנגען מיט ציטערדיקע פיס אַ קוק טון און — אוי, אַ וואונדער! — אַלץ איז געווען פאַרצויגן און כמעט גאָרנישט קענטיק, נאָר בלויז דאָס אָרט, וווּ די האָר זענען געווען אָפּגעשוירן און דער יאָד.

גאָט האָט מיך, הייסט עס, איצט אויך אָפּגעהיט. און אפשר האָט זיך מיין מאַמע פאַר מיר געמיט.

אז כ׳בין צוריקגעקומען צו די פרויען און זיי אלע דערציילט, איז די פרייד געווען אין־לשער. מ׳האט מיר אפגעגעבן מזל־טוב לכבוד מיין נייער פראפעסיע . . .

דער 23־סטער פעברואר 1943 האט זיך דערנענטערט. מיך האט גענומען באשעפטיקן נאר איין געדאנק: ווי באקומט מען זיך אריין אין געטא צו מיין טאטנס קבר, זיך א ביסל אויסצווויינען ס׳הארץ, ס׳ביטערע?

כ׳בין אוועק צום שעף און אים געבעטן, ער זאל מיך לאזן גיין אויף קבר־אבות אין אלטן געטא אריין. כ׳האב מורא אהין אליין צו גיין, ווייל דארט איז איצט קיינער נישטא — בעט איך אים, אז א סאלדאט זאל מיך באלייטן.

ער האט מיר צוליב געטאן, מיט מיר אפילו מיטגעשיקט א סאלדאט, כדי די לעטן זאלן מיך נישט טשעפען — און איך בין אוועק אין געטא און אויסגעגאסן מיין הארץ אויפן טאטנס קבר. כ׳בין צוריקגעקומען א צופרי־דענע . . .

מיר קומען־אפ מיט שרעק

איין מאל קומט־אן א באפעל, אז אלע יידן זאלן אין דעם און דעם טאג בלייבן אין די צימערן, ווייל סע דארף פארקומען א שטרענגע אינ־ספעקציע. מיר האבן זיך נישט דערשראקן, נאר זיך פשוט געגרייט צום טויט. — כאטש־אזוי האבן מיר זיך אלע געוואשן און אויסגעפוצט די אלטע, צעריסענע קליידער, אפנים צו געפעלן די מערדער . . .

אינדערפרי זענען צו אונדז אריינגעקומען עטלעכע יידן, איינעם מיט מיין קוזין מענדל, מיט אזא פלאן: אזוווי מיט מיר רעדט דער שעף און ער האט מיך נאר־וואס געלאזט גיין אין געטא, זאל איך זיך אננעמען מיט מוט און אריינגיין און אים א פרעג געבן, וואס דאס איז פארא קאַ־מיס ע, וואס דארף אהער קומען און צי דארפן מיר זיך טאקע שוין געזע־גענען מיטן לעבן.

כ׳האב זיך קיין סך נישט געלאזט בעטן. כ׳בין אוועק צום שעף, אנ־געקלאפט אין דער טיר און אריינגעגאנגען.

דער שעף האט זיך געחידושט, וואס א „פארפלוכטע יידין” קומט צו אים אַ א באפעל, און ער האט שטרענג א פרעג געטאן, וואס איך וויל. כ׳האב אים גענזאגט, אז איך בין א גאנצע נאכט נישט געשלאפן, נאר גע־טראכט וועגן דער קאמיסיע, וואס דארף היינט אנקומען, און אז עס ווילט

זיך נישט אויסטון אין אזא קאלטן ווינטער־טאג, דערשאָסן צו ווערן. אפשר קען ער עס אפּלייגן אויף א ווארעמען טאג . . .

ער האט מסתמא געזען, ווי פארביטערט איך בין, האט ער מיך פאר־זיכערט, אז קיין שום בייז וועט היינט נישט געשען, און מיר געהייסן גיין. אז כ׳בין צוריקגעקומען און דאָס דערציילט די יידן, האבן זיי פה אחד געזאָגט, אז דאָס האט דער גזלן אומיסטן אזוי געזאָגט, כדי מיר זאָלן זיך נישט פאנאנדערלויפן.

מיר זענען ארומגעגאנגען ווי אונטער דער ערד, ביז מיר האבן זיך סוף־כל־סוף דערוואָרט אויף דער קאָמיסיע: עטלעכע העכערע גזלנים און דאָקטוירים עטלעכע.

מ׳האט מיט קולי־קולות ארויסגערופן דעם דר. איצקאָוויטש, א יונגן דאָקטער פון קאָוונע, וואָס איז געווען פאראנטוואָרטלעך פאר די קראנקע אין אונדזער הויז. דערנאָך איז ער קריק־געקומען א דערשראָקענער און מיך אויך ארויסגערופן.

דער שעף האט אונדז ביידע פארגעשטעלט פאר דער קאָמיסיע מער־דער און דערנאָך האט זי זיך צעטיילט אין צוויי גרופּעס: איינע איז אוועק מיטן דר. איצקאָוויטש, און די צווייטע — מיט מיר. סע וועט נאָר זיין, האבן זיי געזאָגט, א „לייז־אונטערזוכונג״, און מיר זאָלן זיי העלפן זוכן.

איך בין מיט מיין גרופּע געגאנגען פון צימער צו צימער און „באַ־קוקט״ די פּרויען. זיי זענען אַלע געווען ריין. ביי עטלעכע מענער האָט מען יאָ געפונען פליי און א פּאָר לייז. מ׳האט מיך און דעם דר. איצקאָ־וויטש פאראנטוואָרטלעך געמאכט דערפאר. אז זיי וועלן נאָכאמאָל קומען און טרעפן לייז, וועט מען אונדז אינאיינעם מיט די פארלייזיקטע אויפן אָרט דערשיסן, דערביי האט מען אונדז אָנגערופן מיט די ערגסטע נעמען און אזוי איז אריבער דער טאג, מיט הוילער שרעק.

אויף צו מארגנס האבן מיר ווידער אָנגעהויבן באַקעמפן די לייז, אבער ס׳איז צוגעקומען א נייער איינפאל: מיר פלעגן מאכן ׳אונטערזוכונגען״ איינע ביי דער אנדערער . . .

דער שעף רעדט מיט מיר פּאָליטיק, ווייל „די יודען אין אפריקא לאַכען״

אין א שיינעם טאג לאָזט מיך דער שעף ווידער רופן, אויף א נאָ־ווינע.

איך קום אריין, ווייזט ער מיר אויף זיין ארבעט־טיש א דייטשע צייטונג, און אין דער קאפן־שורה שטייט נישט מער און נישט ווינציקער, נאר אז „די יודען אין אפריקא לאכען שאן ווידער". ווייטער אונטן האט זיך געלייענט, אז מע טרייבט די דייטשן פון צפון־אפריקע און אז די דארטיקע יידן פרייען זיך דערפאר.

דער שעף האט מיר געוויזן מיט דער האנט אויף דער צייטונג, ווי איינער רעדט: נו? וואס זאגסטו דערצו? — האב איך מיך געמאכט תמעוואטע און א זאג געטאן:

— „וויסען זי עס בעשטימט, דאס די יודען אין אפריקא יעצט לאכען? גלאובען זי אלעס, וואס אין דער צייטונג שטעהט?"

ער האט אויף מיר א קוק געטאן מיט א ביסל חידוש און געזאגט, אז אסך דייטשע סאלדאטן קומען טאקע אהיים און אז א שיעור געראניעטע.

האב איך מיך אנגענומען מיט מוט און א זאג געטאן:

— „אייערע סאלדאטן קומען אהיים, אבער אונדזערע מענער, אונדזערע פרויען און קינדער, אונדזערע עלטערן, ברידער און שוועסטער קומען שוין מער נישט אהיים..."

איז ער אין כעס געווארן און מיר געהייסן זיך פארנעמען און זיך נישט דערוועגן עמיצן דערציילן, אז מיר האבן גערעדט וועגן פאליטיק.

א מיידל פאלט אריין אין תפיסה

מיט אונדז צוזאמען האט געארבעט איינע א פרוי בערגער מיט צוויי טעכטער. די עלטערע טאכטער, בערטא, איז געווען א גרויסע ריזיקאנטקע; זי פלעגט גיין אין שטאט אריין אן א דאקומענט און פלעגט זיך בארימען, אז זי האט פאר קיינעם קיין מורא נישט. קיין ווארענען האט נישט געהאלפן.

איינמאל איז זי אבער אריינגעפאלן. מ'האט זי אפגעשטעלט אינמיטן וועג און מ'האט ביי איר געפונען 2 גילדענע זייגערס, א פלאש בראנפן און אזא מין פעלצן יאקל, וואס די דייטשע פליערס פלעגן טראגן. דאס האט אונדז אלע שטארק געטראפן. מיר זענען געווען זיכער, אז א ליאדע טאג וועט מען קומען ביי אונדז מאכן א קאנטראלע, צי געפינען זיך נישט ביי אונדז נאך „גניבות". איטלעכער, ווער ס'האט עפעס געהאט, האט געכאפט און עס באהאלטן. אסך זאכן האבן מיר פארברענט, וואס געוויינטלעך פלעגן מיר זיי פארקויפן פאר ברויט. מיר זענען אלע געווען

זיכער, אַז אַן אַ קאָנטראָלע וועט עס דאָסמאָל נישט אָפּגיין.
די אומגליקלעכע פרוי בערגער איז אוועק צום שעף לוקענוואַלד און אים אָנגעבאָטן אַ טייערן רינג, אַבי ער זאָל ראַטעווען איר טאָכטער, נאָר ער האָט נישט געוואָלט הערן פון גאָרנישט.
בערטאַ איז געבליבן אין תפיסה וואַרטן אויף איר גורל.

אַ גניבה, ס'זאָל נישט אויסגערעדט זיין

די, וואָס האָבן געאַרבעט אין די האַלעס, פלעגט מען באַזוכן, צי זיין גנבענען נישט.
איינמאָל, פונקט ווען די העכערע מאַכט איז געקומען „אונטערזוכן", האָרף זיך טרעפן, אַז מען זאָל ביים אַלטן עלעריין געפינען דריי שטיקלעך זייף.
מיר זענען אַלע פאַרציטערט געוואָרן. 9 אַזיינער ביינאַכט האָט מען אונדז געהייסן אַלע זיך אויסשטעלן אונטן אין הויף. לוקנוואַלד האָט אָנגעהויבן דונערן אויף קולי־קולות:
— „וואָס זאָלן וויר מיט דעם אַלטן עלעריין מאַכן?"
די סאָלדאַטן האָט ער אוועקגעשיקט און גלאָט אַרויסרופן דעם דר. איצקאָוויטש. דערנאָך האָט ער זיך צו אים געווענדט בזה הלשון, און אַזוי, אַז אַלע זאָלן הערן:
— „פאַרגעסן זי ניכט, זי האָבען אים 25 שלעגע געגעבן". דאָס האָט ער אַ פּאָר מאָל איבערגעחזרט.
אַזוי זענען מיר דאָסמאָל אויך אָפּגעקומען מיט שרעק. דעם אַלטן עלעריין האָב איך געזאָגט:
— „געדענקט, איר זאָלט מער נישט גנבענען."
האָט ער מיר געענטפערט: „דריי טעג וועל איך נישט גנבענען און דעם פערטן טאָג וועל איך ווידער גנבענען."
איינמאָל, אין אַ פינצטערן אָוונט, אַרום 7 אַזייגער, האָט מיך דער שעף ווידעראַמאָל גלאָט רופן. ער איז זיך געזעסן אין זיין אַרבעט־צימער. מיט אים איז אויך געווען זיין סעקרעטאַר. רופט ער מיך אַריין אין אַ צווייטן צימער און זאָגט מיר, אַז ס'איז ביי אים געבליבן, אַז היינטיקע נאַכט מוז איך ביי אים פאַרבלייבן... און איך זאָל אים פאַרשטיין...
אויף אַ מינוט בין איך געוואָרן אַזוי צעמישט, אַז כ'האָב אים נישט

נעוווסט, וואס צו ענטפערן. נאר כ'האב באלד געהאט פאר אים אן ענטפער:

— אויב מיר איז באַשערט דערשאסן צו ווערן, זאל מען מיך דער־שיסן, ווייל איך בין א יידיש קינד, און נישט פאר ראסן־שאנד..."

— "דאן איזט ניכטס צו מאכן" — האט ער א מאך געטאן. און אזויווי ער האט גוט פארשטאנען, אז מיט גוטן וועט ער גארנישט נישט אויספירן, האט ער מיר געלאזט וויסן אז אויב איך בין מיט אים נישט צופרידן, זאל איך פארלאזן דעם ארבעטס־פלאץ. דאס האט ער געזאגט, ווייל ער האט געוווסט, אז כ'האב נישט ווהין צו גיין.

— "גוט — האב איך מסכים געווען — איך גיי אוועק אין שטאט אריין."

ווען איך וויל גיין, האט ער געפרעגט. האב איך געענטפערט, אז שוין, איצט. כאטש כ'האב נישט געהאט ווהין צו גיין.

האט ער געהייסן דעם שרייבער מיר ארויסגעבן א דאקומענט אויף 24 שעה, און איך בין אוועק. כ'בין געווען אזוי פארביטערט, אז כ'האב באשלאסן, תיכף זיך לאזן אין שטאט אריין. אין א שעה ארום וועל איך זיין אין שטאט. כ'וועל איבערנעכטיקן אויפן וואקזאל, ביי פעסיע זי־סלינא, און מארגן אינדערפרי וועל איך גיין זוכן ארבעט ביי די דייטשן. אפשר וועט זיך עמיצער איבער מיר דערבארעמען. דא בלייבן קען איך נישט מער.

מיט אזוינע געדאנקען בין איך אריין אין צימער און געגעבן א זאג קורץ און שארף, אז איך גיי אין שטאט אריין נעכטיקן. נאר אזוי ווי אלע האבן געוווסט, אז דער שעף האלט פון מיר, איז ביי זיי געבליבן, אז נישט אנדערש, נאר מע וויל זיי אלעמען דערשיסן, און מיר אליין גיט דער שעף א געלעגנהייט זיך צו ראטעווען.

האבן זיי אנגעהויבן צו פלאטערן און מיך צו בעטן, כ'זאל זיי אויס־זאגן דעם אמת און איך זאל כאטש נאך עמיצן מיטנעמען מיט זיך...

דער וויטיק מיינער איז געווען נאך גרעסער דערפאר, ווייל כ'האב זיי נישט געטארט דערציילן, פארוואס איך גיי אין דער אמתן אוועק אין שטאט אריין. כ'האב נישט געטארט צונויפמישן מיין נאמען מיטן שעפס, ווייל עטלעכע סאלדאטן פלעגן זיין אריינגייערס ביי עטלעכע מיידלעך אונדזערע, און מער וואלט מיר נישט געפעלט, נאר אז סע זאל אנקומען צו זיי און דערנאך צוריק צום שעף. איך וואלט דעמאלט געווען א פאר־טיקע.

כ'האב זיך געהאלטן אין איין בעטן ביי די פרויען, אז זיי זאלן מיר

גלייבן, אז ס׳איז נישטא איצט קיין שום סכנה און אז איך מוז אוועק אין שטאט אריין נאר צוליב פערזענלעכע זאכן. מארגן וועלן זיי מיך בעסער פארשטיין און וועלן זען, אז איך בין געווען גערעכט.

כ׳האב זיך גיך אנגעטאן און בין ארויס. דריי פרויען האבן מיך ארויסבאלייט: די אלטע זיסלין, אדלבערג און זארד. זיי האבן זיך געשטויסן, פארוואס איך אנטלויף און זיי האבן מיר אנגעווונטשן, אז מיין טאטע און מיין מאמע זאלן זיך פאר מיר מיען און זאלן מיך באשערעמען פון בייז.

די נאכט, ווען איך בין אוועק אין שטאט אריין, איז געווען א שטאקפינצטערע, ערגעץ נאענט צו פורים. דער וועג פונעם קרעפאסט אין שטאט אריין האט זיך געצויגן דורך פעלדער. כ׳בין געגאנגען איינע אליין איבער די וויסטע וועגן און כ׳האב געציטערט ווי א בלאט אין ווינט. כ׳האב מורא געהאט זיך אפצושטעלן און זיך אפרוען, נאר איך בין געגאנגען אין איין אטעם און געקוקט אויפן הימל, צי באווייזט זיך נישט קיין שטערן. קיין שטערן האט זיך אבער ניט באוויזן...

פלוצים איז פארבייגעפארן א טאקסי, מיך אפגעשפריצט פון קאפ ביז פיס און מיך שיר־ניט איבערגעפארן.

אנגעקומען אין שטאט אריין, האב איך פארשטעלט דעם מגן־דוד און בין ארויף אויפן טראטואר. אין דער פינצטערניש האט מיך קיינער נישט דערקענט — און אזוי בין איך אין איין שרעק אנגעקומען צו מיינע באקענטע. אז זיי האבן מיך דערזען אנקומען אין אזא שפעטער שעה, ווען יידן טארן זיך שוין אויף דער גאס נישט ווייזן, האבן זיי זיך זייער דערשראקן: זיי האבן געמיינט נישט־אנדערש אין קרעפאסט לעבט שוין מער קיינער נישט.

כ׳האב זיי באַרואיקט און זיי אויסגעזאגט דעם אמת, פארוואס איך בין געקומען. צומארגנס בין איך אינאיינעם מיט פעסיע זיסלינא אוועק זוכן ארבעט. אפריער זענען מיר צוגעגאנגען אהין, ווו כ׳האב שוין איינמאל געארבעט, מיט 6 חדשים פריער.

די סאלדאטן זענען שוין געווען אנדערע, אבער נאך לאנגע בעטענישן און דינגענישן האבן זיי צוגעזאגט מיך ארייננעמען אין קיך אריין, שיילן קארטאפליעס.

זיי האבן טעלעפאנירט צום שעף פונעם קרעפאסט, אבער, צו מיין גרויסן חידוש האט מען זיי געענטפערט, אז מע לאזט מיך נישט אפ, איך מוז צוריקקומען אין קרעפאסט ארבעטן. וואס קען דאס זיין? א דערשראקענע און א פארביטערטע בין איך צוריק אין קרעפאסט. כ׳האב מיט

זיך מיטגענומען דאָס מיידל פּעסיע זיסלין, כדי פאַרשאַפן אַ שטיקל פרייד דער מאַמען אירער אין קרעפּאַסט.

אַז איך בין אַריין אין קרעפּאַסט, איז פּונקט געווען מיטאָג־צייט. אַלע זענען געווען אין די צימערן. מ'האָט זיך מיט מיר זייער דערפרייט און מ'האָט מיר דערציילט, אַז דער עלטסטער פון דער „ווערק־שטובע", קיעווסקי, האָט זיך באַקלאָגט פאַרן שעף, אַז ער נויטיקט זיך אין מיין אַרבעט און אַז כ'האָב נישט געהאַט קיין רעכט אַוועקצוגיין אין שטאָט אַריין.

אָט־דער קיעווסקי איז געווען אַ סאַדיסט, אַ דייטש. אַז ער פלעגט אַמאָל ווערן אין כעס אויף אַ יידן, פלעגט ער אים בריקן מיט די פיס אין בויך אַריין און אים קלאַפּן מיטן קאָפּ אין וואַנט, ביז יענער פלעגט זיך באַגיסן מיט בלוט. ערשט איצט, אַז ער האָט געזען, ווי בלוט גיסט זיך, האָט זיך דער רוצח באַרואיקט.

איין מאָל איז ער אין כעס געוואָרן אויף בערטע בערגער; האָט ער איר דערלאַנגט מיטן שטיוול אַזאַ בריק אין בויך אַריין, אַז מיר האָבן אַלע געמיינט, די קישקעס וועלן איר באַלד אַרויס. פון דעם בריק אין בויך איז זי אַ גאַנצע וואָך קראַנק געווען, אָבער צו דער אַרבעט האָט זי גע־מוזט גיין.

און צו אָט־דעם סאַדיסט האָב איך איצינד געדאַרפט גיין זיך מעלדן נאָך מיטאָג.

אַז איבערגעשראָקענע אויף טויט בין איך אַריין צו אים אין צימער. ער האָט מיך תיכף גענומען מאַטערן: ווער ס'האָט מיר דערלויבט אַוועק־צוגיין און פאַרוואָס איך וויל אַוועקגיין און פרעגעס אויף פרעגעס. נו, גיי דערצייל אים דעם אמת... האָב איך נאָר געטענהט איין זאַך: דאָ הונגער איך און אין שטאָט וועל איך זיך קענען אָנעסן זאַט; און אויב איך האָב אַ געלעגנהייט צו בייטן די אַרבעט, איז פאַרוואָס זאָל איך עס נישט טון?

דער סאַדיסט האָט מסתמא פאַרשטאַנען, אַז קיין סודות וועט ער פון מיר נישט אַרויסבאַקומען. האָט ער אויף מיר דאָסמאָל געלייגט כבוד, נאָר ער האָט מיר דערלאַנגט אַזאַ לעקציע: אויב איך וועל נאָכאַמאָל אַוועק־גיין, וועט ער מיך אַזוי צעממיתן, אַז כ'וועל מיר נישט קענען די ביינער צונויפקלייבן. זאָל איך דערפאַר זיך נישט זוכן קיין צרות, נאָר אַרבעטן ווי ביז אַהער.

נאָך אַזאַ פּסק האָב איך שוין געמוזט זאָגן, אַז איך בין גערן ווײַ־טער צו אַרבעטן. איבעריקנס, האָב איך פאַרענדיקט, זענען מיר דאָך

נישט די באַלעבאַטים איבער זיך אַליין...
אין אַכט טעג אַרום האָט מיך דער שעף געלאָזט רופן און ער האָט מיר פאַרזיכערט, אַז איך דאַרף מיך נישט שרעקן פאַר גאָרנישט און איך מעג רואיק ווייטער בלייבן אַרבעטן. אַגב האָט ער מיר מגלה־סוד געווען, אַז דאָס אויטאָ, וואָס האָט מיך דאַ אַנומלט אָפּגעשפּריצט אויפן וועג אין שטאָט אַריין, איז געווען זיין אויטאָ — ער האָט געוואָלט זען, צי בין איך טאַקע אַוועק אין שטאָט אַריין אין אַזאַ פינצטערער, שרעקלעכער נאַכט. ער איז מיר פאַמעלעך, זאָגט ער, נאָכגעפאָרן, מיט דער איבערצייגונג, אַז נישט אַלע יידן זענען שוואַכלינגען...
כ׳האָב אים שוין נישט געענטפערט גאָרנישט, ווייל כ׳האָב געוווסט, אַז מע שיקט אים אַוועק אַרבעטן נעענטער צום פראָנט, קיין פּסקאָוו (פּלעסקאַו), פאַר לענינגראַד, און אַז איך דאַרף שוין פאַר אים קיין מורא נישט האָבן.

נאָך דריי קרבנות

לוקנוואַלד האָט אונדז תמיד געעצהט, אַז מיר זאָלן זיך האַלטן וואָס ווייטער פון די פּלעניקעס, ווייל ס׳איז אַ סכנה. מיר האָבן צו זיי אַפילו נישט געטאָרט רעדן.
די פּלעניקעס פלעגן זיין פאַרשפאַרט הינטער גראַטעס. מע פלעגט אָבער צוגיין נאָענט צו די פענצטער און מיט זיי רעדן, אַפילו ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין. מערסטנס האָט געצויגן צו די פּלעניקעס די קינ־דער, וואָס זענען געווען אַליין. מ׳האָט אויף זיי קיין פאַריבל נישט גע־קענט האָבן. דערין האָט אָבער געשטעקט אַ גרויסע סכנה. לוקנוואַלד פלעגט אָפּט זיך בעטן מע זאָל אַוועק פון די פענצטער, ס׳האָט אָבער נישט געהאָלפן. נישט נאָר די מיידלעך, וואָס האָבן דאָ קיין טאַטע־מאַמע נישט געהאַט, פלעגן איבערליגן ביי די פענצטער גאַנצע שעהן, נאָר אַפילו גרויסע אויך. ניט־איין־מאָל האָט מיך אויך געצויגן אַראָפּגיין פון מיין געלעגער אין קעלער אַריין און זיך צוהערן צו זייערע האַרציקע רוסישע לידער, אָבער איך פלעג מיך באַהערשן און בין קיינמאָל הינטער זייערע פענצטער נישט געשטאַנען.
דריי מיידלעך, דריי טייערע אומשולדיקע קינדער, שרה פּרעזמאַ, שרה זיוו (וואָס אירע עלטערן האָבן געהאַט אַן אייזן־געשעפט), און סאָ־ניאַ לעווינאַ, פלעגן גאָר אָפּט שטיין ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין און רעדן מיט די געפאַנגענע מיט די רוסישע. ביז זיי האָבן זיך איינמאָל צונויפגערעדט מיט 3 געפאַנגענע, אַז מע זאָל אינאיינעם אַנטלויפן.

אין אַ שיינעם אינדערפרי האָט מען געטראָפן די גראַטעס צעבויגן און 3 געפאַנגענע האָבן געפעלט, אינאיינעם מיט די 3 מיידלעך. מיר האָבן זיך מסוכן געשראָקן, נישט אַזוי פאַר אונדז — טאָמער כאַפּט מען זיי נישט, — ווי פאַר זיי — טאָמער כאַפּט מען זיי...

אונדז האָט מען געהייסן זיך אויסשטעלן אין הויף, און מיר האָבן געציטערט אימת־מות, מע זאָל נישט נעמען יעדע פינפטע פון אונדז און דערשיסן.

לוקנוואַלד איז שוין דעמאָלט נישט געווען. ער איז שוין געווען ביי פּסקאָוו. אונדזער נייער שעף, פאַפּע האָט ער געהייסן, איז געווען נאָך אַ גרעסערער רוצח פון לוקנוואַלד. ער איז געווען אַ רוצח און אַ פערד דערצו. ער פלעגט נעמען אין דער יד אַריין, אָבער געטאָן האָט ער פאַר אונדז גאָרנישט. ער האָט געטענהט, אַז מע דאַרף אונדז באַשטראָפן, אַזויווי ביי אונדז שטייט געשריבן: אַ צאָן פאַר אַ צאָן און אַן אויג פאַר אַן אויג. ער פלעגט זעלטן־ווען מיט עמיצן אויסרעדן אַ וואָרט, נאָר ער פלעגט אַרומגיין, די האַנט פאַרלייגט אַזויווי נאַפּאָלעאָן, און געבן באַפעלן.

—ס'האָט גענומען אַ וואָך ביז מ'האָט די 6 אַנטלאָפענע צוריק געכאַפּט. מ'האָט די 3 מיידלעך געבראַכט צום שעף, צו פאַפּען.

נו, מיר האָבן געטאָן אונדזערס, מיר האָבן אים אונטערגעשמירט און ער האָט צוגעזאָגט, אַז ער וועט די מיידלעך אָוועקשיקן קיין ריגע אַרבעטן אין ה. ב. א., ווו די ריגער יידן האָבן געאַרבעט; אָבער אַזויווי אַלע דייטשן זענען מערדער און ליגנער דערצו, אַזוי איז אויך פאַפּע נישט געווען קיין יוצא מן הכלל: מ'האָט די 3 מיידלעך דערשאָסן אין אַ פרימאָרגן אינאיינעם מיט נאָך 30 יידישע געפאַנגענע. אַזוי האָט מען אונדז איבערגעגעבן פון אַ זיכערן קוואַל.

די 3 מיידלעך זענען אומגעקומען נאָר דערפאַר, ווייל זיי האָבן נעבעך נישט געהאַט קיין עלטערן, וואָס סע זאָל זיי וואַרענען און היטן און נישט לאָזן גיין צו די פּלעניקעס. זיי וואָלטן זיכער געווען אַלץ איבערגעלעבט, ווייל זיי זענען אינגאַנצן געווען 15־16־יעריקע קינדער.

איינע פון זיי, סאָניאַ לעווינאַ, איז איינמאָל אין געטאָ קראַנק געווען אויף טיפוס, און איך האָב זיך מיט איר אַסך אָפּגעגעבן. דעם פינצטערן סטער.

אַט דער סאָניעס פלעג איך אָפט וואַשן דעם קאָפּ און פון איר קלייבן די טיפוס־לייז. פאַרוואָס ס'האָט מיר נישט געשאַט, איז מיר נאָך ביז היינט אַ חידוש, אַז זי איז געזונט געוואָרן, האָט מיר איר מאַמע דער־

לאנגט א ברויט פאר מיין טרחה.

אז סאניע איז אנטלאפן, איז אלעמען געווען א גרויס חידוש, ווייל זי איז בטבע געווען א שטילע.

נאך דער מעשה מיט די 3 קרבנות האט מען די געפאנגענע אוועקגעפירט אויף אן אנדער ארט. דערמיט האט זיך אויך געענדיקט די פריינטשאפט אונדזערע מיט זיי. מאדנע, זיי זענען געווען געפאנגענע רוסן, אבער קיין פריינט זענען זיי אונדז נישט געווען: זיי פלעגן זיך חידושן, פארוואס מע שיסט שוין נישט אויס דאס רעשט ביסל יידן אויך.

איינע א פרוי לוואוו איז (אינאיינעם מיט איר 12־יעריק טעכטערל) אנטלאפן פונעם געטא, ווייל זי האט געהערט, אז דעם 20־סטן נאוועמבער וועלן דארט זיין שחיטות. זי האט זיך באהאלטן ביי א פויער, נאר מ'האט זי געכאפט און מ'האט זי פארשפארט אין תפיסה. זי האט אבער נישט געווארט אויף איר משפט, נאר זי האט זיך אליין אויפגעהאנגען.

1941 איז אויך אנטלאפן פונעם געטא א הער שיף מיט זיין טאכטער. ער איז אנטלאפן קיין ברעסלאו, לעבן ווילנע. אז מ'האט דארט אויך אויסגעהרגעט די יידן, איז ער אנטלאפן אין אן אנדער דארף, און די טאכטער איז אין 1943 צוריקגעקומען. זי האט אונדז דערציילט, אז אין ברעסלאו האבן זיך אסך געראטעוועט. זי איז געווען א דרייסטע, פלעגט זי זיך פארשטעלן פאר א קריסטן און פלעגט צוריקגיין קיין ברעסלאו מיט שפייז פאר די דארטיקע יידן. מיר האבן איר מיטגעגעבן וויפל זי האט נאר געקענט טראגן. ליובא בארבאקאווא האט איר געגעבן א מאנטל.

איינמאל האט מען זי געזען אין שטאט מיט א דייטש.

א דריט מאל איז זי געקומען אינאיינעם מיט איר פאטער. דער פאטער האט נישט געוואלט וויסן פון גארנישט, נאר מע זאל זי ארייננעמען ארבעטן. ער האט אויסגעפירט: זי איז אריין ארבעטן אין נומער 200. דער פאטער איז אויך געבליבן. ער האט געארבעט אין נומער 322.

איינמאל, אין א הייסן טאג, האט מען איר געהייסן אויסרייסן די ווילדע גראזן פון די גאסן אין קרעפאסט. איז זי זיך געשטאנען אויף די קני און געטאן איר ארבעט. איז פארבייגעגאנגען א דייטש און האט זי דערקענט. מ'האט זי אוועקגעפירט אין תפיסה.

— „איצט בין איך א פארפאלענע" — האט זי געהאלטן אין איין איבערחזרן.

איידער זי איז אנטלאפן פונעם געטא, איז די מאמע אירע געשטארבן פון טיפוס, דערנאך האט מען א יינגערע שוועסטער אירע דערשאסן דעם 9־טן נאוועמבער.

אין תפיסה זענען געזעסן אַ 10־12 יידן, אַנינע, וואָס מ׳האָט גענומען אויפֿן טראָטואַר, אָדער אַזוינע, וואָס מ׳האָט געכאַפּט אָן אַ דאָקומענט. פֿון דער תפיסה איז מען שוין מער נישט אַרויס. גריסן פֿלעגן מיר יאָ פֿון זיי באַקומען.

פּאַפּן האָט מען אוועקגעשיקט. מיר האָבן געדאַנקט גאָט, נאָר מיר האָבן מורא געהאַט, סע זאָל נישט קומען קיין ערגערער פֿון אים. מ׳האָט אונדז געשיקט אַ שעף פֿון ריגע פֿון דער ה. ב. א.

אַ „גוטער" פּאַטש

מיין מאַמעס יאָרצייט איז אונטערגעקומען. נאָר אַזויווי כ׳האָב נישט געוווּסט, ווו אַ ר קבר איז, האָט מיך שטאַרק געצויגן צו גיין כאָטש צום טאַטן אויפֿן קבר. כ׳האָב געהאַט אַ פֿאַרגעפֿיל, אַז אויב איך וועל איצט נישט זען מיין טאַטנס קבר, וועל איך אים שוין מער קיינמאָל נישט זען.

דער נייער שעף איז אַריין אין „ווערק־שטובע", האָב איך אים געפֿרעגט, צי מעג איך אים עפּעס בעטן (דאָס איז געווען אין אַ מיטוואָך). אַז ער האָט געזאָגט, אַז יאָ, האָב איך אים געפֿרעגט, צי איז אים נישט מעגלעך מיך צו לאָזן זונטיק גיין אין געטאָ אַריין, און אַ סאָלדאַט זאָל מיך באַלייטן. ער האָט זיך צעהירזשעט און איז אַוועק. איך בין געבליבן שטיין אַ פֿאַרביטערטע.

אָבער אין עטלעכע מינוט אַרום איז ער צוריקגעקומען און געהייסן זיך דערמאָנען פֿרייטיק ווען ער אפֿשר זען עפּעס טון פֿאַר מיר; ער איז דאָך פֿון ריגע און ער האָט דאָ ווייניק באַקענטע. דאָס איז געווען דעם 14־טן אויגוסט. אויף קבר־אָבות האָב איך געוואָלט גיין דעם 18־טן.

אָבער אויף צו מאָרגנס איז געשען אַ פּריקרע זאַך: דער שעף האָט על־פּי צופֿאַל דערזען, ווי אַ יידיש יינגל, ראַז, פֿון דער גריוווע, טראָגט אַ פּולן זאַק מיט געגנבֿעטע מיליטערישע שיך און וויל זיי ערגעץ באַהאַלטן, כדי דערנאָך זיי אויסבייטן אויף פּראָדוקטן.

דער שעף האָט דאָס יינגל פֿאַרהאַלטן און געלאָזט רופֿן דעם „אָבער־יודע", יאַשאַ מגיד. מגיד האָט געזען, אַז מ׳איז דאָ אַריין אין אַ בלאָטע און געוואָלט די זאַך כאָטש אַ קאַפּעלע פֿאַרגלעטן, האָט ער דערלאַנגט דעם יינגל אַ פּאַטש און אים געהייסן זיך אַנטשולדיקן פֿאַרן שעף. דאָס יינגל האָט געוווּסט, אַז דער פּאַטש איז אויף צו באַווייזן דעם שעף, אַז די יידן ווייסן נישט גאָרנישט פֿון דער גניבה...

דער שעף איז אָבער געווען אַ ראַפֿינירטער באַנדיט, האָט ער געזאָגט,

אז ער וועט די זאך איבערגעבן דער ס. ס. און דאס יינגל, דעם גנב, וועט מען אויפהענגען.

מיר האבן אבער נישט געשוויגן. מיר האבן צונויפגעקליבן געלט, גע־קויפט א פיינעם גילדערנעם זייגער און דעם שעף פאררוקט דעם האלדז. דער שליח־מצווה אין אזוינע זאכן איז תמיד געווען יאשא מגיד. ס'איז איצטיקס מאל אויך אפגעלאפן גלאטיק און מ'האט ווייטער אויך נישט געלעבט און נישט געקענט לעבן בלויז מיטן ביסן, וואס דער דייטש האט צוגעטיילט...

נאכ'ן צונעמען דעם גאלדענעם זייגער איז דער שעף געווען דער איי־גענער הונט, וואס פריער און מ'האט מיר געעצהט נישט דרייען אים א היטל מיט מיינע קבר־אבות־דאגות: ערשטנס בין איך נישט די איינציקע, וואס וויל גיין זיך אויסוויינען ס'הארץ אויפן קבר פון א נאענטן מענטש, — צווייטנס זאל איך געדענקען, אז ס'איז נישט דער אלטער שעף.

איך גיי פארט אויף קבר־אבות

שבת אין דער פרי איז אריין דער שעף און, פארבייגייענדיק, מיך געפרעגט, פארוואס כ'האב אים נעכטן נישט דערמאנט וועגן מיין בקשה. האב איך אים געענטפערט, אז אזוינע ס'איז ערשט געשען אזא מיאוסע זאך ווי די גניבה, וואס דאס האט אים אוודאי פארשאפט גענוג הארץ־ווייטיק, וויל איך אים איצט נישט דערקוטשען מיט מיינע בקשות.

נו, דאס גוטע איז איצט א מילטער־זאך, נאר ער האט גערעדט, זאגט ער, מיט אנדערע עטלעכע עלטסטע און ער האט קוים געפועלט, אז איך זאל מעגן גיין. דא האט ער אבער געוואלט זען, צי מיר האבן נישט צו טון מיט די סאלדאטן, האט ער מיר א זאג געגעבן, אז איך זאל מיר נעמען א סאלדאט און גיין. כ'האב אים אויפן ארט געענטפערט, אז מיט אונדז רעדט נישט קיינער, ווייל מיר זענען יידן אליין זיך אויסקלייבן א באַ־לייטער קען איך, הייסט עס, נישט. האט ער נישט געענטפערט גארנישט און איז אוועק א פארביסענער.

שבת פלעגן מיר ארבעטן ביז 2 אזייגער. איז אין יענעם שבת, אויפן וועג אהיים, מיר אקעגנגעלאפן דער דר. איצקאוויטש מיט דער בשורה, אז דער שעף האט געזאגט, אז מארגן אין דער פרי מעג איך מיטן קוטשער ברונדל פארן אין געטא אריין.

מיר האבן זיך אלע זייער דערפרייט, און אזוינע מיר האבן געזען,

אַז דער שעה איז אַ ביסל וויכער געוואָרן, זענען שוין מיט מיר צומאַרגנס מיטגעפאָרן נאָך עטלעכע פרויען.

אַפריער זענען מיר געפאָרן צו מיין טאַטנס קבר, וואָס איז שוין געווען פאַרוואַקסן מיט ווילדגראָז, דערנאָך זענען מיר צוגעפאָרן צום גריוועך בית־עולם. דאָרט האָט זיך איטלעכע פון אונדז אָפּגעזוכט אַ קבר. איך האָב מיר דאָרט אָפּגעזוכט מיין מומע שרה שניידערס קבר. מיר האָבן זיך אויסגעוויינט די הערצער און ס׳איז אונדז גרינגער געוואָרן. יענעם טאָג האָבן מיר געפאַסט.

מיט מיר איז דעמאָלט מיטגעפאָרן פרוי ראַיע אַלים (געבוירן ראָז), פרוי גאַראַן (זי האָט געהאַט אויפן בית־עולם אַ מיידעלע, וואָס איז איר אין געטאָ געשטאָרבן פון דיפטעריט) און מרים בראָווא, אַ 17־יעריק מיידל, וואָס איז געפאָרן זיך אויסוויינען אויפן קבר פון איר באָבען, וואָס איז געשטאָרבן אין געטאָ. אירע טאַטע־מאַמע האָט זי אויך אָנגעוווירן אין געטאָ.

כ׳האָב איצט געזען, אַז מע קען אַפילו אין די ביטערסטע צייטן עפּעס אויספירן, אויב מ׳האָט נאָר גענוג מוט און מע שרעקט זיך נישט צופיל פאַר די רוצחים.

איך דערזע דעם טויט פאַר די אויגן

מ׳האָט אונדז געשטעלט פּאַקן קענן טיפוס די דייטשן האָבן מורא געהאַט, מיר זאָלן צווישן זיי נישט פאַרשפּרייטן קיין קרענק. איך האָב דערביי צוגעהאָלפן דעם דייטשן סאַניטעטער און דעם דר. איצקאָוויטש. ס׳האָט געדויערט אַ גאַנצן טאָג ביז שפּעט און איך האָב גראָד דעמאָלט געדאַרפט גיין אין שטאָט אַריין. האָב איך זיך געלאָזט אין וועג אַריין, נאָר אַזוי ווי כ׳בין געווען זייער מיד פון אַרבעטן אַ גאַנצן טאָג און דערצו האָבן מיך די פינצטערע מחשבותן נישט אָפּגעלאָזט, האָב איך גאָרנישט באַמערקט, ווי אַ לאַסט־אויטאָ טראָגט זיך אויף מיר מיט דער גאַנצער גבורה און ס׳איז שוין כמעט נישט מעגלעך זיך אויסצוהיטן. כ׳האָב אויף אַ רגע דערפילט, אַז דאָס איז מיין טויט...

— „מאַמע!״ — האָב איך מיט אַלע כוחות אַ געשריי געטאָן.

אַז כ׳האָב געעפנט די אויגן, האָב איך דערזען, אַז דער סאָלדאַט האָט מוז־זיין קנאַפּ פאַר מיר גיך אַ פאַרקערעוועוע געטאָן — און איך בין מיט גרויסע נסים געבליבן לעבן.

די סאָלדאַטן, וואָס זענען גראָד דעמאָלט אַרויס פונעם קרעפּאַסט, האָבן געזען די סצענע, האָבן זיי פאַרגעסן וועך איך בין און מיר גראַטור לירט, וואָס איך בין לעבן געבליבן.

מיט מיר איז אויך געווען די אַלטע פרוי זיסלין. אַז זי האָט דרעזען, אַז ס׳איז מיר נישט געשען גאָרנישט, האָט זי אַ זאָג געטאָן, אַז נישט־אַנדערש, נאָר די מאַמע מיינע האָט מיך אויך איצט אָפּגעראַטעוועט.

כ׳האָב זיך שטאַרק דערשראָקן, נאָר אומקערן זיך האָב איך נישט געוואָלט. מיר האָבן זיך דורך די פעלדער געלאָזט אין שטאָט אַריין. דאָ אויף די פעלדער האָב איך מיך ערשט גוט פאַנאַנדערגעוויינט, נאָכן גרויסן דערשרעק, וואָס כ׳האָב געהאַט.

אַ מעשה מיט אַ חלום

אין שטאָט בין איך אַוועק צו מיינער אַ באַקענטער פרויס אַ טאָכטער, וואָס זי, די טאָכטער, האָט געהאַט, לויט מ׳האָט מיר געזאָגט, אַ בריוועלע פון מיינעטוועגן.

דאָס בריוועלע איז געווען פון אַ קריסטן, מאַניא פּאַקראַמאָוויטש. זי שרייבט מיר, אַז ס׳האָט זיך איר געחלומט אַ חלום, ווי זי גייט אַריין צו אונדז אין הויז. דער טאַטע ליגט אַ קראַנקער און זי וויל אים צולייגן אַ נאַס טיכל צום קאָפּ; מיין ברודער אהרן איז אָבער געווען אין כעס און זי נישט געלאָזט: דערווייל האָט דער טאַטע איר געוויזן, אַז ס׳איז אים שוין בעסער.

אינדערפרי האָט זי דעם חלום דערציילט אירע עלטערן, האָט איר מוטער געזאָגט, אַז מע דאַרף זען צי לעבט נאָך עמיצער פון אונדזער משפּחה, און אויב יאָ, דאַרף מען העלפן.

האָט זי זיך נאָכגעפרעגט און זי האָט אויסגעפונען, אַז איך לעב; בעט זי מיך דערפאַר, אַז קומעדיקן מיטוואָך (ס׳איז גראָד געווען ערב יום־כּפור) זאָל איך קומען אין יענער און יענער בעקעריי אַרום 3 אַזייגער; זי׳ט אויף מיר דאָרט וואַרטן.

גוט, ערב יום־כּיפּור בין איך אַוועק אין שטאָט אַריין, פּאַרדעקט די געלע לאַטע, און אַז קיינער האָט נישט געזען, האָב איך זיך אַריינגענבעט אין דער געוויסער קאָנדיטאָריי, וו מאַניא מיט איר מאַן האָבן שוין אויף מיר געוואַרט. מיט אַ געוויינעריי און מיט אַ געקושעריי האָבן זיי מיר דערלאַנגט אַ זעקל חלה און מיך געבעטן, איך זאָל יעדן מיטוואָך אין דער איינענער צייט קומען זיי זען; און אויב איך האָב וו זיך צו באַהאַלטן, וועלן זיי מיר איטלעכן טאָג ברענגען עסן.

מאַניאַס באַן איז געווען אַ קאָמוניסט. ביי די סאָוועטן איז ער געווען אַ „נאַטשאַלניק סטאַנציע". מ'האָט ביי אים געפונען אַ ייִדיש ייִנגל, אַן אויסבאַהאַלטענס (מיין ברודערס אַ פּלימעניק, פון זיין ווייבס צד, דעם רייכן פּאַטאַשס פון דווינסק און אייניקל), איז ער דערפאַר געזעסן 8 חדשים אין תפיסה. ס'האָט אים אַפּגעקאָסט אַסך געלט און ער איז אַרויס, אינגאַנצן גרוי.

כ'בין אַוועק צו מיינע באַקאַנטע, זיך פאַרפאַסט, און אַוועק אין קרעפּאַסט.

צומאָרגנס, סאַמע יום־הקדוש, איז אויף אונדז אויסגעפאַלן זייער אַ שווערע אַרבעט: לאַדעווען באַמבעס. כ'האָב זיך אויך געמאַלדן צו דער אַרבעט, פרייוויליק, כאָטש כ'האָב געהאַט אַ ווונד אונטערן אָרעם און געמעגט בלייבן אין דער היים; כ'האָב אָבער נישט געקענט צוקוקן, ווי מ'אַרבעט אַזוי שווער, אי־דאָס אין אַ תענית.

ביי דער אַרבעט האָט מען מיר געזאָגט, אַז עפּעס אַ קריסט זוכט מיך. כ'האָב זיך אַרומגעקוקט און דערזען אַ באַקענטן רוס אונדזערן, שאַליגין, מיין פאָטערס ע"ה אַ גוטער פריינט. ער האָט מיר אַוועקגעגעבן זיין אַנבייסן, מיט מיר גערעדט אַ ווייל און מיר איינגערוימט אַ סוד, אַז די רוסן זענען נישט ווייט און וועלן שוין באַלד דאָ זיין. כ'האָב אים געבעטן, ער זאָל מיך ראַטעווען, און מיין שוועסטער פון קאַנאַדע וועט אים דערפאַר באַצאָלן.

גוט, האָט ער געזאָגט, — און ער האָט מיר געהייסן קומען זונטיק אַרום 6 אַזייגער צו אַ געוויסן בריקל, ווייט הינטער דער אַלטער שטאָט, וועט ער מיך מיטנעמען און ערגעץ באַהאַלטן.

אַזוי איז אַוועק דער שבת און כ'האָב אָנגעהויבן אַרויסצוקוקן אויפן זונטיק.

„מאַלינעס"

מ'האָט אָנגעהויבן צו שמועסן, אַז אין ריגע מאַכט מען פאַר אונדז אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער און אַז מע וועט אונדז אינגיכן אַהין אַריבערפירן. מיר האָבן געוווּסט, אַז אַז קרבנות וועט עס נישט אָפּגיין.

אַסך האָבן אָנגעהויבן טראַכטן וועגן אַנטלויפן — וועגן ס'וועט שוין טאַקע האַלטן ביים אַוועקפירן און מע וועט אָנהויבן זיפּן: די געזונטע באַזונדער און די אַלטע באַזונדער. מ'האָט אָנגעהויבן טראַכטן וועגן מאַכן זיך „מאַלינעס" אין קעלערס פון צעבראָכענע הייזער און ווו ס'וועט זיך

נאר לאזן. ווער נאר ס'האט געהאט אזא באהעלטעניש, האט עס אנגעהויבן צוצוגרייטן, אוועקלייגן דארט בגניבה א ביסל ברויט, מערן און וואס מ'האט נאר געקענט אפשפארן.

די „מאלינעס" האט מען געהאלטן בסוד איינער פארן אנדערן און מ'האט גענומען ווארטן: וואס וועט איצטער זיין? מ'האט ווייל געוווסט, אז לאנג קען מען ניטש אויסהאלטן אין אזוינע קאלטע, צעשמעטערטע קעלערס, אן טירן, אן פענצטער און דער־עיקר אן עסן. — אבער אזוי־ווי מ'האט שטארק נישט געוואלט אריינפאלן אין די רוצחישע הענט אריין, האט מען זיך אנגעכאפט אין א שטרוי... זאל נאר זיין א מעגלעכקייט צו אנטלויפן — וועט מען לויפן און זיך באהאלטן.

מיט אזוינע געדאנקען איז מען אויפגעשטאנען און מיט אזוינע זיך געלייגט און זיך געשראקן פארן מארגנדיקן טאג.

איך האב קיין „מאלינע" נישט געהאט. כ'בין ארומגעגאנגען א פארביטערטע, זיך צוגעהערט, ווי מע שושקעט זיך וועגן אנטלויפן און כ'האב געטראכט ביי זיך, ווי גוט ס'איז, אז מ'האט אין אזוינע מאמענטן מיט וועמען זיך אן עצה צו האלטן. איך בין שוין דעמאלט געווען דאס צווייטע יאר איינע אליין און כ'פלעג נאר טון דאס, וואס מיין אויסגעמאטערט הארץ האט מיר דיקטירט.

אבער איינמאל, אין א זונטיק, קומט־צו צו מיין בעט דר. באריס סעמיאנאוויטש וואפסי, אינאיינעם מיט זיין פרוי, וואס זי איז געשלאפן מיט מיר אינאיינעם, און ער נעמט מיך ארום און זאגט מיר שטילערהייט, אז זיי האבן א „מאלינע", און אז זיי ווילן, איך זאל גיין מיט זיי זי אנקוקן.

מיר זענען אוועק אהין. די „מאלינע" איז געווען אויף דער קרעסלאווער גאס, אין זארכס פארברענטן הויז. זיי האבן מיר געוויזן, וואו־מערט מע גייט אריין. און טאמער וועט אויסקומען, אז מע וועט נישט קענען אינאיינעם אנטלויפן, זאל איך למען־השם אהערקומען. זיי האבן שוין דא אוועקגעלייגט א ביסל מערן און בוריקעס, און ס'וועט קלעקן אויף א שטיקל צייט.

מיר איז א ביסל פרייליכער געווארן אויפן הארצן, אז כ'האב געזען, ווי סע געפינען זיך נאך מענטשן, וואס האבן מיך אין זינען; אבער דאס דאס הארץ טאקע האט מיר געזאגט אז קומען אין דער „מאלינע" זיך באהאלטן — דאס וועל איך נישט.

דערווייל איז געווארן זונטיק, און כ'האב זיך געוואלט לאזן גיין צו שאליגינען וואס כ'האב מיט אים אפגעשמועסט, זיך צו טרעפן הינטער דער שטאט. אבער א האלבע שעה פאר מיין אוועקגיין איז אנגעקומען א בא־

פעל, אז אלע מוזן זיך אויסשטעלן אין גיין ארבייטן א גאנצע נאכט, ווייל ס'זענען אנגעקומען אסך וואגאנען מיט מיליטער־זאכן פונעם פראנט, מערער ווי תמיד.

ביי מיר איז דאס געווען דער בעסטער סימן, אז מיר איז נישט באַשערט זיך צו ראטעווען. כ'האב באשלאסן שוין נישט אוועקצוגיין. ווייל אויב איך וואלט אוועקגעגאנגען און סע קומט באלד א קאנטראלע, וואלט מען פאר מיר געפאדערט 5 קרבנות. און דאס האב איך דאך זיכער נישט געוואלט. אויב אבער איך גיי אוועק און סע גייען אריבער עטלעכע טעג אן א קאנטראלע, קען עס אמאל אפגיין אן א שטראף. מע דארף, הייסט עס, ווארטן, ביז כ'וועל באקומען א דערלויבעניש צו גיין אין שטאט אריין. ווייל אויב כ'וועל — שוין מיט א דערלויבעניש — נישט צוריקקומען, וועט דאך דעריין קיינער נישט שולדיק זיין, נאר איך אליין...

כ'האב אפגעארבעט א גאנצע נאכט און אין דער פרי בין איך ווידער געגאנגען צו דער ארבעט. כ'האב א גאנצן טאג געטראכט פון שאליגינען, וואס האט אוודאי נעכטן געווארט אויף מיר און איך בין נישט געקומען.

די האלעס ברענען

מיט עטליכע טעג שפעטער בין איך אוועק מיט דער פרוי ראיא אלים צו איר שוועגערין ראז, וואס האט געארבעט אין דער פעטראגראדער סטאנציע. אז מיר זענען געקומען צו איר, פלעגט זי אונדז געבן אפצועסן און פלעגט אונדז נאך עפעס מיטגעבן אויך. צו איר פלעגן מיר געוויינטלעך גיין אן א דערלויבעניש.

אויפן וועג צוריק דערהערן מיר פלוצים א שאס, און טאקע באלד נאך איינעם. מיר זענען פארבייגעגאנגען דאס ארט, וו מ'האט געשאסן, אבער פאר שרעק האבן מיר זיך אפילו נישט רעכט אומגעקוקט. כ'האב נאר געזען, ווי עמיצער הייבט־אויף א ביקס און צילעוועט זיך אין א מענטשן, אבער מיר זענען זיך געגאנגען ווייטער.

פלוצים דערזעען מיר, ווי סאלדאטן לויפן אונדז אקעגן. אבער זיי זענען, אויף אונדזער מזל, געווען אזוי צעטראגן, אז זיי האבן אונדז נישט דערזען.

מיר זענען דערשראקענע אריין אין הויף, וו מיר האבן געארבעט, און מיר האבן איבערגעגעבן דעם דר. איצקאוויטש און אונדזער „אבעריודע" יאשא מניה, אז אין די האלעס איז זיכער עפעס געשען. מיר האבן שוין אין איין וועגס דערציילט, ווי ביטער מיר האבן געקענט אריינפאלן, ווייל

מיר האבן דאך נישט געהאט קיין דערלויבענישן פון דער ארבעט־שטעלע אויף אוועקצוגיין.

ווי מיר שטייען אזוי און רעדן, זענען אריין א כאפטע סאלדאטן אין הויף אריין, מיט קולות:

— „ארויס פון דאנען! די האלעס ברענען! ראטעווען גייט!"

דאס האט דערלאנגט ווי א דאנער. די האלעס האבן פאר אונדז באַטייט זייער אסך. ווארן אויב די ארבעט־שטעלעס אונדזערע, די האלעס, ברענען, היינט ווו'זשע וועלן מיר ארבעטן?

מיר האבן זיך אלע אנגעטאן און ווי איין מענטש אוועק ראטעווען די מיליטער־זאכן.

אויך איצט האב איך געמעגט נישט גיין העלפן, ווייל כ'האב געהאט 6 הונגער־געשווירן אונטערן רעכטן ארעם, אבער אז אלע זענען אוועק, האב איך פשוט מורא געהאט צו בלייבן אליין אין הויז.

אז מיר זענען צוגעקומען צו די האלעס און דערזען, ווי זיי ברענען, האבן מיר זיך אינגאנצן פארלוירן פאר פחד. ס'האט אונדז ווינציק־וואס נעארט, וואס דייטשע סחורה ברענט, נאר פאר אונדז האט זיך געשטעלט די פראגע: צי וועט מען אונדז געבן אן אנדערע ארבעט. דערפאר זענען מיר געווען גרייט צו ראטעווען מיט אלע כוחות. אבער אז מיר האבן דערהערט דעם שטאט־קאמענדאנטס א רעווע: „אלע יודען פאן 14 ביז 60 אינס פייער!" — האט אונדז ארומגענומען א שוידער, ווייל מיר האבן געזען, אז מע וויל אונדז דא נישט־אנדערש פארברענען.

נו, אין פייער אריין בפועל־ממש איז מען נישט געגאנגען, נאר די מענער זענען נעשטאנען הארט לעבן פייער, געראטעוועט ברענענדיקע זאכן און זיי געווארפן צו אונדז פרויען. די זאכן האבן אונדז אפגעבריט די הענט און די פנימער, נאר מיר האבן זיי געווארפן ווייטער און ווייטער.

איך, מיט די פורונקלען אונטערן ארעם, בין נישט אפגעשטאנען. כ'האב פארגעסן, אז סע טוט וויי, נאר אינאיינעם מיט אלעמען געהאלפן „ראטעווען אונדזער לעבן".

מיר האבן געהארעוועט א גאנצע נאכט און טאקע אסך אפגעראטעוועט, נאר מיליאנען מאנטלען און אנדערע מלבושים זענען אוועק מיטן רויך.

א שיינע, ריינע כפרה — האבן מיר זיך געטראכט, אבער וווּ וועלן מיר מארגן ארבעטן?

מיר זענען פארטאג אוועק אהיים און זיך ווידער געמוזט גרייטן צו דער אלטער, נודנער ארבעט: סארטירן און ציילן מילטער־זאכן.

אז כ׳האב מיך אויסגעטאן צום וואשן, האב איך דערזען, אז פון מיינע 6 פורונקלען איז געווארן איין גרויסע וווּנד. קיין מעדיצינען האב איך נישט געהאט, האב איך זי בלויז אפגעוואשן מיט וואסער, פארבונדן, און ווידער אוועק צו דער ארבעט, א מידע, א פארביטערטע.

דער שעף האט אנגעהויבן זוכן די סיבה פונעם פייער. אביסל האבן מיר זיך דערפאר געשראקן, ווייל א סאלדאט האט געמסרט, אז איינע א מיידל, גינא מוראווינא, וואס האט געארבעט אין דער האלע, ווו דאס פייער האט זיך אנגעהויבן, פלעגט רויכערן.

זי איז געשטאנען פאר א גרויסער סכנה, באגלייך מיט אונדז. נאר מיר האבן דעם שעף ווייטעראמאל אונטערגעשמירט, האט ער דעם סאל־דאט אוועקגעשיקט אויף „אורלויב״ און די מסירה צו נישט געמאכט.

דער אמת איז געווען, אז דאס פייער איז מסתמא געווען די ארבעט פון אנטי־דייטשע סאבאטאזשניקעס.

מע פירט אוועק דאָס רעשטל יידן פון דווינסק

איצט, נאכדעם ווי מיר האבן צוויי יאר צייט אזוי געטריי געארבעט, פארריכט און אויסגעסארטירט אין די מיליאנען מאנטלען, דעקן און שיך — איצט איז נעקומען, ווי א דייטשער שכר, די ליקווידאציע פון אונדזער ביסל יידן אין דווינסק און אין קרעפאסט. מיר האבן פלוצים דערפילט, אז עפעס וועט דא באלד מיט אונדז פירקומען. מע פלעגט גיין פון צייט צו צייט אין שטאט אריין א קוק געבן אויף די „מאלינעס״ און מ׳האט זיך ערנצט געגרייט צו אנטלויפן.

דעם 25־טן אקטאבער 1943, האבן מיר שוין געוווּסט, אז היינט־מארגן וועט זיין אונדזער יום־הדין.

איך בין אוועק אין שטאט אריין, כאטש כ׳האב נישט געהאט וווהין צו גיין. כ׳בין אריין אין הויף אויף ריגער גאס 42, ווו איך מיט מיינע עלטערן האבן אמאל געוווינט. איך האב זיך צוגעגנבעט צו א פענצטער אריינגעקוקט. אין הויז וווינט שוין, זע איך, עמיצער אנדערש. בילדער פון דער נאענטער, היימישער פארגאנגענהייט שטעלן זיך מיר פאר די אויגן... דא ביים פענצטער פלעגט די מאמע שטיין און דאווענען... דא, ביי דעם־א טיש, פלעגט די משפחה עסן מיטאג...

עט, כ׳האב אמאל געהאט א היים. און איצט: ווער בין איך? ווו בין איך? וועמען האב איך? און ווו וועל איך מארגן זיין? — פון אזוינע געדאנקען איז מיר שיר־נישט ס׳הארץ צעפלאצט געווארן.

ס'האָט אָנגעהויבן צו ווערן נאַכט, און וווהין צו גיין האָב איך נישט געהאַט — בין איך אַוועק צוריק אין קרעפּאַסט. אויפן וועג האָב איך באַגעגנט אַ ייִדן, שאַלמאַן. ער איז גראָד געגאַנגען פון אַ גלח, וואָס האָט אים צוגעזאָגט נעמען צו זיך, אָבער ערשט אין עטלעכע טעג אַרום. ער האָט מיר געעצהט אויך מיט אים מיטגיין צום גלח. איך האָב אָבער פון אַזאַ מין זיך ראַטעווען נישט געהאַלטן. כ'האָב געוווסט, אַז סוף־כל־סוף גיבן אונדז אַלע אָפּ די גזלנים אין די הענט אַריין.

איך בין אַריין אין קרעפּאַסט, זיך אַוועקגעלייגט אויפן האַרטן געלע־גער און זיך פאַרלאָזט אויף גאָטס באַראָט...

אין אַ טאָג־צוויי אַרום איז אָבער אַ ביסל גרינגער געוואָרן אויפן האַרצן, ווייל אַסך פון יענע, וואָס זענען געהאַט אַנטלאָפן אין שטאָט אַריין, זענען צוריקגעקומען. דערצו האָט אויך דער שעף געזאָגט, אַז מע מעג שלאָפן רואיק — ס'וועט נישט געשען גאָרנישט. דר. וואַפּסי איז אויך געקומען אויף אַ נאַכט צו זיינע אייגענע: צו זיין פרוי און זון.

איך פלעג מיר ליגן אויף מיין האַרט געלעגער און זיך צוקוקן מיט פאַרשמאַכטע אויגן, ווי מע סודעט זיך און מיר האָט זיך געגומען אויס־ווייזן, אַז דאָסמאָל איז עפּעס פאַר מיר קיין אויסוועג נישט פאַראַן...

מיט אַזוינע געדאַנקען פלעג איך אַנטשלאָפן ווערן.

מע פירט אונדז אַרויס פונעם קרעפּאַסט

פּלוצים — אַ שאָס. מיר האָבן זיך אַלע אויפגעכאַפּט. ס'איז גע־ווען 2 אַזייגער ביינאַכט. דאָס איז געווען די נאַכט אויפן 25־טן אָקטאָ־בער 1943. אַ פּחד האָט אונדז אַרומגענומען. מיר האָבן דערפילט: די וואַקכאַנאַליע הייבט זיך אָן.

כ'האָב ניך אָנגעטאָן איינס און צוויי און אויף זיך אַרויפגעשלעפּט אַ פּאָר סאַלדאַטסקע שיך וואָס כ'האָב שוין לאַנג געהאַט אָנגעגרייט, כּדי מער דאַרף מען אַנטלויפן. איצט האָב איך געהאַט דערביי נאָך אַן אויס־רעכענונג: אויב די לעטן וועלן מיך שלאָגן איבער די פיס, וועל איך אין די סאַלדאַטסקע שיך נישט אַזוי פילן דעם ווייטיק. כ'האָב געכאַפּט אויף זיך דער מאַמעס אַ בלוזקע, וואָס כ'האָב געהיט ווי אַן אויג אין קאָפּ און אַ שטיקל פון מיין טאַטנס תכריכים און איך בין אַראָפּ די טרעפּ, גרייט צום טויט מיט איין איינציקן געדאַנק: אַזוי זענען אַלע מיינע טייערע געגאַנגען צום טויט.

מיט מיר אינאיינעם זענען אראפ פרוי אדלבערג מיט איר טאכטער נאטא, פרוי ראזנבערג מיט איר טאכטער אידא, דר. וואפסי מיט דער פרוי און מיטן זון, פרוי זארד מיט איר טאכטער און פרוי זיסלין. מיר האבן זיך אלע געשטעלט אין איין ריי און געווארט אויף א באפעל. מ'האט גע־זאגט, אז ס'איז שוין דא 15 קרבנות — צווישן זיי דר. גאלדמאן מיט זיין שוועסטער.

איך האב נאך באוויזן זיך צו געזעגענען מיטן דר. גאלדמאן און מיט זיין שוועסטער. זיין האבן זיך מיט מיר צעקושט — שוין מיט סם אין מויל און מיט צעשניטענע אדערן. כ'האב געזען, ווי זיי גייען באלד אויס. ביי אונדז האבן אזוינע סצענעס אויסגעזען זייער 'נאטירלעך', און ווי ס'זאל גאר אנדערש נישט קענען זיין. אבער אט־די „נאטירלעכקייט" איז בשום־אופן נישט מעגלעך צו באשרייבן.

שורא אפעסקין האט נישט געוואלט ווארטן אויפן טויט און האט זיך אויפגעהאנגען.

און אט שטיי איך שוין ווידער אין די רייען און איך זע, ווי בענצע שאפיר גייט־אראפ פון די טרעפ מיט א נאגאן אין די הענט און דערשיסט זיין פרוי, זיין זון און א מיידל, א פרעמדס, פון 17 יאר. דאס מיידל האט זיך אליין ביי אים געבעטן, ער זאל זי דערשיסן — אבי זי זאל נישט ארײנפאלן צו די גזלנים אין די הענט אריין.

און אט גייט־אראפ דר. ראזנבלום מיט דער פרוי און מיט דער טאכ־טער מארא. זיי גייען קוים, ווייל זיי האבן זיך שוין געמאכט מארפיום־איניעקציעס.

און נאך און נאך גייען אראפ פון די טרעפ און שטעלן זיך פארסמטע אין די רייען.

איינע א פרוי לאנדאו (געבוירן קוריאנסקי) האט זיך אויסבאהאלטן, האבן זי די לעטן געכאפט און זי א צעהרגעטע צוריק אוועקגעשטעלט אין דער ריי.

איך שטיי מיט פארשמאכטע אויגן און עפעס קען איך נישט נעמען נישט דעם מארפיום, נישט די טאבלעטן ווערא־נאל. איך בין רואיק, נאר איך קען מיין רואיקייט נישט פארשטיין. איך וועל דעם סם נישט נע־מען, — האב איך צו זיך אליין געזאגט — נאר איך וועל גיין מיט אפענע אויגן אין גרוב אריין, אזוי ווי מיינע טייערסטע און ליבסטע זענען געגאנ־גען: איך בין נישט בעסער פון זיין.

מ'האט אונדז איבערגעציילט און מיר האבן אנגעהויבן ארויסגוגיין פונעם קרעפאסט. לעטישע מערדער באוואפנטע האבן אונדז געהיט. דא

אין קרעפּאַסט האָבן מיר „פאַרבראַכט" צוויי יאָר צייט און מיר האָבן נאָך געהאַפט אַרויס פונדאַנען לעבעדיקע. אָבער מסתמא וויל גאָט אַנדערש.

מיר זענען פאַרבייגעגאַנגען די „ווערק־שטובע". לעבן האָבן שוין גע־אַרבעט אויף אונדזערע ערטער. זייערע פּנימער האָבן געשטראַלט פון שמחה, וואָס מע פירט אונדז שוין אַוועק. איצט ווערן זיי פּטור פון די „זשידעס". איצט וועלן זיי קענען פראַנק און פריי טראָגן אונדזערע מלבושים און אונדזער צירונג און קיינער וועט זיי נישט טשעפּען.

איינער אַ בחור, יודל מוניץ (אַמאָל געוווינט אויף די פּלעצער), איז אַרויס פון די רייען און גענומען אַנטלויפן. נאָר די לעטישע פּאָליציי האָט אים נאָכגעיאָגט, געכאַפּט און אים באַלד דערשאָסן אין הויף. זיינע דריי שוועסטער, פרידאַ, שפרה און רחלע, זענען ווייטער געגאַנגען אין דער ריי, פאַרקלעמטערהייט.

אַרויסגעפירט פונעם קרעפּאַסט האָט מען אונדז דעם 25־טן אָקטאָבער, אין אַ פינצטערן, רעגנדיקן פרימאָרגן. מ'האָט אונדז געפירט דורך דער דאַמבע צו דער טורמע, וווּ מיינע ברידער אַבראַשע און משה, ווי מיין מאַן, וווּ מיין שוועגערן און אירע קינדער זענען אומגעקומען. אין די געדאַנקען האָבן מיר זיך געזעגנט מיט דער וועלט, און בשעת די טורמע האָט זיך דערנענטערט, איז אונדז געווען אַ נפקא־מינה, צי מע וועט אונדז נאָך אַריינפירן אין דער טורמע, אָדער מע וועט אונדז טאַקע באַלד פירן צו די גריבער...

פאַרטיפט אין אַזוינע מיני געדאַנקען, האָבן מיר גאָרנישט באַמערקט, ווי די ערשטע רייען אונדזערע זענען אַריין אין געסל, וואָס פירט צו דער טאַוואַרנער סטאַנציע, וווּ מע לאָדעוועט אויס סחורה. וואָס זאָל דאָס באַטייטן? וואָס וואַרט דאָ נאָך אויף אונדז?

מע יאָגט אונדז אַריין, ווי די בהמות, צו 40 אין אַ וואַגאָן. איך בין צופעליק אינאיינעם מיט מיינע באַקאַנטע. די וואַגאָנען זענען קוויטיק. מיר טוליען זיך איינע צו די אַנדערע.

— „וווּהין פירט מען אונדז?" — האָב איך זיך געווענדט צו אַ לעט, אַ גזלן.

ער האָט מיר געענטפערט מיט אַ סאַדיסטישן שמייכל אַז פירן פירט מען אונדז, נאָר ווי ווייט — דאָס ווייסט ער נישט... כ'האָב נאָך גע־וואָלט עפּעס ביי אים אַרויסציען, האָב איך אים געזאָגט, אַז די פּאָנו־לאַנקע איז נישט ווייט: ווינציק דערשאָסענע ליגן דאָרט? — האָט ער מיר געענטפערט, אַז ס'קען זיין, אַז אויף דער פּאָגולאַנקע איז בעסער צו ליגן, ווי ערגעץ אַנדערש. מער האָב איך מיט אים נישט גערעדט, נישט געוואָלט און נישט געקענט רעדן.

דר. וואַפסי טיילט ציאַנקאַלי

מ׳האָט אויסגערופן דעם נאָמען פונעם דר. וואַפסי און מ׳האָט אים געלאָזט וויסן, אַז ער אַליין בלייבט דאָ ווייטער אַרבעטן, זיינע קענטעניש דאַרף מען, הייסט עס, האָבן. נאָר זיין משפּחה מוז גיין אַהיז, וווּהין מע יאָגט.

באַשרייבן די סצענע, וויאַזוי דר. וואַפסי האָט זיך גענומען געזעגע־נען מיט זיין פרוי און מיט זיין זון, דאָס איז פאַר קיין שום שרייבערס כּוחות נישט. ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני אויף דער ערד און גענומען צעטיילן דעם סם, וואָס ער האָט געהאַט אָנגעגרייט פאַר זיך און פאַר זיין משפּחה. ער האָט געטיילט, ווי מע טיילט טייערן טאָרט. מ׳האָט זיך געשטופּט נעמען אַ חלק, ווייל ער האָט נישט געהאַט גענוג פאַר אַלעמען. ער האָט איטלעך שטיקעלע ציאַנקאַלי צעשניטן אויף פינף חלקים. מיר איך אויך צוגעפאַלן אַ חלק אַ מתנה.

דר. וואַפסי האָט זיך מיט אונדז אַלעמען צעקושט און אונדז אָנגע־זאָגט, אַז מיר זאָלן דעם סם נעמען נישט פריער ווי פאַרן סאַמע גרוב... מיר דאַרפן נאָר אַוועקלייגן דעם ציאַנקאַלי אויף דער צונג, וועלן מיר נישט דאַרפן אַריינפאַלן קיין לעבעדיקע די גזלנים אין די הענט אַריין.

מ׳האָט אים געגעבן אַ שלעפּ אַוועק און מער האָבן מיר אים שוין נישט געזען. זיין פרוי מיטן זון זענען געבליבן מיט אונדז, אַזויווי פאַר־משפּטע צום טויט.

איצט איז שוין ביי אונדז קיין ספק נישט געווען, אַז מע פירט אונדז דעם לעצטן וועג. דעם דר. וואַפסי, דעם ספּעציאַליסט אויף הויט־ און ווענערישע קראַנקייטן, וועלן די מערדער דערווייל נאָך אויסניצן, דערנאָך וועלן זיי אים אויך אין אַ שיינעם טאָג „ליקווידירן".

אַ פּאַרסמטער הענגט זיך אויף אין וואַגאָן

מיט אונדז איז וואַגאָן האָט זיך געפונען אַ בחור, פייגין, דעם באַ־רימטן שאַכמאַטיסט פייגינס אַ ברודער. ער איז געווען אַ פּאַרסמטער, נאָר ער האָט נישט געקענט אויסגיין. איז ער געלעגן און זיך געמאַטערט מיטן טויט.

איך געדענק אויך ביי די נעמען צוויי שוועסטער מעדניקאָוועס, לאה און ציליע, וואָס האָבן גענומען נישט גענוג סם אויף צו קענען שטאַרבן, און זיי האָבן זיך מוראדיק געמאַטערט. האָב איך ביי די לעטישע גזלנים,

ביים קאנוואי, אויסגעבעטלט א ביסל וואסער און זיי דערלאנגט — האבן זיי דאס ביסל סם אויסגעבראכן.

פייגין האט פּלוצים ערגעץ דערטאפּט א ביסל שפּירט, אויסגעטרונקען, און גענומען זוכן א שטריק, זיך אויפצוהענגען. ווי ער זוכט אזוי, דער־זעט ער, ווי צוויי יידן, איינער האט געהייסן ריצפּע, בינדן־צו א שטריק צום דאך פון וואגאן, פאר זיך און פאר נאך איינעם: דאס האט פייגין אויסגענוצט און געכאפּט און זיך אויפגעהאנגען. אין דעם מאמענט האט מען אבער געדארפט עפענען די טיר פונעם וואגאן. איז כדי די לעטן זאלן נישט זען, אז מיר נעמען זיך דא דאס לעבן, האט מען אים אראפּגענומען פונעם שטריק בשעת ער האט נאך געלעבט. נאר דערפאר וואס מ'האט אים איבערגעשלאגן דעם טויט, איז פייגין אין א ווייל ארום משוגע געווארן; די אויגן האבן זיך אים איבערגעדרייט.ער האט אנגעהויבן משנה־מאדנע צו ברומען, גענומען קריכן אויף אונדז און אונדז שלאגן. מ'האט געזען, אז ער גייט־אויס שטארבן און אז דאס ווילדעוועט ער נאר דערפאר, ווייל מע לאזט אים נישט שוין־אמאל שטארבן...

קוקנדיק אויף זיין געביטן פּנים, אויף די בלינדע אויגן און אויף זיינע ווילדע העוויות — האבן מיר אלע געשריגן פון היסטעריקע. אט איז ער שוין לעבן מיר און וויל מיך אנכאפּן. מ'אנטלויפט פון אים, נאר ער ווארפט זיך אויף אלעמען ווי א וואלף. אזוי לאנג, ביז די לעטן האבן דערהערט, אז ביי אונדז אין וואגאן טומלט זיך עפּעס; זענען זיי אריין און האבן אים דערהרגעט.

און אזוי האט זיך פארענדיקט דער „אינצידענט"...

יא, אבער די צוויי יידן האבן זייער פּלאן נישט אויפגעגעבן. באלד נאך פייגינס „אידילישן" טויט האבן זיי גענומען זיך אויפהענגען, גלייך ווי דא זאל נישט האבן געשען גארנישט. נאר איך מיט א מיידעלע, נאטא אדלבערג, האבן אנגעהויבן בעטן זיך ביי זיי, אז זיי זאלן עס נישט טון, ווייל מע קען עס מער נישט צוזען.

גראד אין דעם מאמענט האט מען אונדז אנגעהויבן פירן קיין פּאנור־לאנקע צו, וואס די ערד איז דארט דורכגעווייקט מיטן בלוט פון צענדליקער טויזנטער יידישע קרבנות פון לעטלאנד, האלאנד און נאך לענדער. אונדזע־רע געדאנקען און אונדזערע בליקן זענען געווען געווענדט אהין צום וואלד, וואס ער איז אמאל געווען א קוראָרט, וו מ'האט געזען אז א שיעור יידן און יידישע קינדערלעך — און וואס איצט איז ער א גרויסער קבר, וואס קען צומאל די קרבנות נישט פארדעקן... די לעטן, וואס גייען דארט פארביי, און אנדערע גוטע פריינט אונזערע, האבן הנאה פון דער שיינער

פּאַנאָראַמע, ווו ביינער סטאַרטשען אַרויס פון דער ערד און ווו מע זעט אַפּילו אַמאָל אַ מענטשלעך אבר זיך וואַלגערן.

גרויס איז אָבער געווען אונדזער חידוש, אַז אונדזער טראַנספּאָרט איז אָנגעקומען קיין פּאָגולאַנקע און זיך דאָרט נישט אָפּגעשטעלט, נאָר געפאָרן ווייטער. איז ביי אונדז געבליבן, אַז מסתמא איז שוין פּאָנו־לאַנקע „פול", און מע פירט אונדז אין אַ צווייטן וואַלד, ווו ס'איז דאָ מער פּלאַץ פאַר אונדזערטוועגן...

אַזוי זענען מיר אָפּגעפאָרן אַ גאַנצע נאַכט — מיט דר. וואַפּסיס מתנה אין די הענט. די סטאַנציעס זענען מיר געווען באַקאַנט; זיי האָבן געפירט קיין ריגע. וואָס'זשע קען דאָס זיין? האָבן מיר זיך איינס דאָס אַנדערע געפרעגט. פאַרוואָס פירט מען אונדז דערשיסן אַזש אַזוי ווייט? וואָס'זשע, מע קען אונדז, 205 יידן, נישט פאַרטיק מאַכן ערגעץ דאָ אונ־טערוועגנס? איז ביי אונדז געבליבן, אַז אויב אַזוי, פירט מען אונדז ווייזט־אויס נ י ש ט דערשיסן.

מיר האָבן מיט ווייטיק געקוקט אויפן טויטן פייגין. ווען אָט־דער 23־24־יעריקער בחור וואָלט געווען וויסן אַז מע פירט אונדז נישט שיסן, וואָלט ער דאָך נאָך איצט געלעבט... היינט די קרבנות אין קרעפּאָסט?

די צוויי יידן, וואָס האָבן זיך נעכטן באַנאַכט געהאַט געגרייט צום הענגען, האָבן מיך געהאַלטן אין איין מאַטערן, צי ס'איז אמת, אַז מע פירט אונדז קיין ריגע. יאָ — האָב איך געענטפערט. איך האָב אַמאָל געוווינט אין ריגע און כ'פלעג זייער אָפט פאָרן אויף דער ליניע ריגע — דווינסק; נו, האָב איך געקענט אַלע סטאַנציעס.

די לעטן אַמוזירן זיך...

אַזוי־אַ, אין האָפן און אין צאַפּלעניש, האָבן מיר גאַרנישט באַמערקט, ווי ס'איז ווידער געוואָרן נאַכט און אַז מיר זענען שוין מער ווי צוויי מעת־לעת נישט קיין געגעסענע און נישט קיין געטרונקענע. דאָס איז אָבער נאָך געווען האַלבע לייד. ביטער איז געווען, אַז עמיצער פון אונדז האָט געדאַרפט „זיך דערליידיקן" און נישט געהאַט ווו.

די לעטן, אונזער באַלייטער, פלעגן פון צייט צו צייט אָפּשטעלן די באַן און הייסן אַרויסגיין. מיט די נאַגאַנעס אין די הענט פלעגן זיי שטיין און קוקן, ווי די פרויען טוען זייער באַדערפעניש, און זיי פלעגן חוזק מאַכן.

מיר זענען געפאָרן און געפאָרן און כ'האָב זיך פלוצים אָנגעהויבן שרעקן, מע זאָל אונדז נישט אָפּנאַרן. די צווייטע נאַכט האָט זיך געצויגן

און געצויגן. אויב עפּעס זאָל געשען, בין איך גרייט צו נעמען סם. איך האָב נישט וואָס מורא צו האָבן — איך האָב דאָך סם איבערגענוג. אַחוץ ציאַנקאַלי, וואָס דר. וואַפּסי האָט מיר געגעבן, האָב איך נאָך געהאַט די 20 טאַבלעטן וועראָנאַל און דעם מאָרפיום, וואָס אַבראַשע צווייגאָרן האָט מיר אַלץ געגעבן נאָך אין 1942.

איך בין געווען אַזוי צוגעגרייט צום סם־געדאַנק, אַז איך בין אַזש געווען בייז, פאַרוואָס מ׳עפנט שוין נישט אַמאָל די טירן און מע הייסט אונדז נישט זיך אויסטאָן. כ׳האָב אין געדאַנק שוין געזען, ווי איך פאַל אַ פאַרחלשטע אין גרוב אַריין מיטן ציאַנקאַלי אויף דער צונג.

אונדזער „קבלת פּנים"

מיט אַזוינע געדאַנקען האָט זיך אָנגעהויבן דער דריטער טאָג. מ׳האָט צוגעפירט צו דער ריגער סטאַנציע שטשיראַטאַווא. אונדזערע וואַגאָנען זענען דאָ נישט געווען די אייציקע. מ׳האָט אונדז אַוועקגעפירט אַ ביסל ווייטער צו אַ וואַלד. ס׳איז נאָך געווען פינצטער, אפשר 5 אַזייגער פאַר־טאָג. דאָס איז פּונקט געווען די צייט, ווען די מערדער פלעגן געוויינטלעך אויספירן די עקזעקוציעס זייערע. איצט האָבן מיר שוין אויף געוויס גע־ווּסט, אַז דאָס איז אונדזער סוף.

פון דער ווייטנס האָבן מיר דערזען, ווי לעטן פירן טאַטשקעס מיט וויים זאַמד. מיר האָבן זיך איבערגעקוקט: דאָס איז דאָך פאַר אונ־דזערטוועגן, אונדז צו באַשיטן נאָכן דערשיסן.

די באַן האָט זיך אָפּגעשטעלט. מיר האָבן דערזען ס. ס.־לייט אַנגע־טאָן ווי צו אַ פּאַראַד און אַז אַ שיעור לעטן, מיט די ביקסן אַנגעשטעלטע אויף אונדז. פון אַזאַ קבלת־פּנים זענען מיר געבליבן ווי פאַרשטיינערט. מ׳האָט געעפנט די טירן און אַ ס. ס.־מאַן האָט זיך אַריינגעשטעלט אין אונדזער וואַגאָן און געגעבן אַ באַפעל, מע זאָל אַרויס.

— „און ווו זענען אייערע פּאַקעטן?" — האָט ער אַ פרעג געטאָן.

כ׳האָב אים געענטפערט, אַז צום טויט דאַרף מען קיין פּאַקעטן נישט האָבן. האָט ער מיך עפּעס מאָדנע אָנגעקוקט און מיר געזאָגט, אַז מע פירט אונדז נישט צום טויט, נאָר צום לעבן.

— „גוט, לאָמיר האָפן, אַז צום לעבן" — האָב איך מסכים געווען און מיר זענען אַרויס פונעם וואַגאָן.

אַז מ׳האָט אַ קוק געטאָן אויף די פּנימער פון די מענטשן, האָט מען געזען, וואָס פאַרא חורבן ס׳האָט אויף זיי אָנגעאַרבעט דער געדאַנק אַליין,

אז מע גייט צום טויט. מיט עטלעכע טעג פריער האבן מיר פארט א ביסל אנדערש אויסגעזען. מסתמא האבן אזוי אויסגעזען אין דאס אייגענע גע־פילט מיין מאמע, מיין מאן און מיין ברודער, אויף זייער וועג צום טויט, און אפשר מיין שוועסטער שפרה אויך, וואס כ׳האב פון איר ביז היינט נישט געהערט גארנישט.

מיר גייען אין ריגער געטא אריין

מ׳האט אונדז אויסגעשטעלט אין רייען און מ׳האט אונדז געזאגט, אז מע פירט אונדז אין ריגער געטא, וווּ נאך יידן ווארטן אויף אונדז, און אז מיר׳ן באלד באקומען ברויט מיט קאווע.

— „אונד קוכן אויך?" — האב איך אומיסטן א פרעג געגעבן.

דער גזלן וואס כ׳האב מיך שפעטער דערוווּסט, אז ער הייסט ראשמאן, האט מיר געענטפערט:

— „לײדער. קוכן האבן וויר אליין אויך ניכט."

פרוי דר. וואפסי פון איין זייט און פרוי אדלבערג פון דער צווייטער האבן אויף מיר פאריבל געהאט און מיך געבעטן, איך זאל מער נישט רעדן. ס׳קען נאך שאטן.

ווי מיר ווארטן אזוי, דערזעען מיר פון דער ווייטנס אויטאס, און אויף די אויטאס — מענער מיט געלע אפצייכנס. דאס זענען געווען דייטשע יידן. מיר זענען געווארן א קאפעלע פעסימיסטיש, ווייל דייטשע יידן האבן מיר נישט געטרויט. פארוואס? ווייל אונדז איז באקאנט גע־ווען א מעשה, וויאזוי דייטשע יידן האבן פארמסרט, אז די לעטישע יידן האבן געוועהר, און מ׳האט געזוכט און געפונען און דאס האט אפגעקאסט 180 יונגע יידישע לעבנס.

די דייטשע יידן האבן אונדז איבערגעחזרט דאס, וואס מיר האבן שוין געוווּסט: אז מע פירט אונדז אין געטא אריין. דארט ווארט מען אויף אונדז. ווער סע וויל, מעג פארן מיט זיי. נאר מע קען גיין צופוס אויך. ס׳איז אינגאנצן 5 קילעמעטער. מיר האבן באשלאסן גיין צופוס, ווייל אויב חלילה צום טויט, איז דאך נישטא וואס זיך צו איילן. און טאקע באלד האבן אונדזערע רייען זיך געלאזט אין וועג אריין, פארשמאכטע און פארפינצטערטע.

איך בין געווען אזוי פארשמאכט נאך א ביסל וואסער, אז כ׳האב געפילט, אז דאס הארץ פאלט מיר ממש באלד אויין פון דארשט. כ׳האב

געבעטן א לעט, ער זאל מיך צולאזן צו א קוואל, אדער צו א ברונעם — נאר ער האט נישט געוואלט אפילו הערן דערפון. האב איך אים געזאגט, אז מיך ארט נישט — ער מעג מיך שיסן, און איך בין ארויס פון די רייען און אריין אין אן אפענעם הויף, געעפנט א פלומפ און געגאסן אויף זיך וואסער אויפן קאפ, אויפן פנים, אויפן האַרץ, זיך גוט אנגעטרונקען און געלאפן צוריק צו די רייען, כדי זאגן די אנדערע, זיי זאלן מיר נאכטון און נישטווארטן אויף קיין כבוד; ווייל דער לעט וועט דא נישט שיסן, אזוי נאענט צום געטא...

איך באגעגן זיך
מיט מיין ברודער אהרן

כ'בין אריין אין געטא א נאסע, ווי א האז, מיט צעלאזענע האר און א פארשמאכטע. פאר יעדן פון אונדז איז דא געווען אנגעגרייט א שטיקל ברויט מיט קאווע. צו מיין גרויסן חידוש האב איך דא געפונען באקאנטע פון אמאל. זיי האבן מיך תיכף דערקענט. זיי האבן מיר אפילו אנגעזאגט, אז באלד קומט מיין ברודער אהרן פון דער ארבעט. איך האב קוים געקענט איינשטיין פון אומגעדולט. א קלייניקייט: דריי יאר זיך נישט געזען מיט מיין ברודער, איי־דאס אזוינע דריי יאר.

די באקאנטע מיינע זענען געשטאנען און געווארט, געוואלט זען, וויאזוי וועט פארקומען די באגעגעניש מיינע מיט מיין ברודער. פלוצים דערפיל איך, ווי צוויי ווארעמע הענט כאפן מיך ארום און ווילן מיך נישט אפלאזן.

כ'האב מיין ברודער נישט דערקענט. ער איז געווארן א סקעלעט. ער האט אויסגעזען ווי אן אלטער ייד און ער איז געווען אזוי פארפיגצטערט, אז דאס האַרץ איז אין מיר צעריסן געווארן. ער האט מיר אויף איין פום דערציילט, וואס פארא צרות ער האט איבערגעהאט. יא, ער האפט, אז די שוועסטער אונדזערע לעבט, ווייל זי איז אנטלאפן קיין סאוועטן־רוסלאנד.

דערווייל האט מען אונדז אנגעהויבן צו ציילן און צו פארשרייבן. איז צו מיר צוגעקומען דר. ראזנבלום מיט זיין פרוי און טאכטער, און מיך געבעטן, איך זאל זיי פארשרייבן ווי מיינע עלטערן. כ'האב זיך אן עצה געהאלטן מיט מיין ברודער און ס'איז געבליבן, איך זאל מיך פארשרייבן ווי א געבוירענע ראזנבלום.

פלוצים הער איך, ווי מע רופט־אוים: „ווער האט געמיינט, אז מע פירט שיסן?"

איך האָב מיך געמוזט מעלדן, מיט גרויס האַרצקלאַפּעניש. כ'האָב זיך איצט דערוווּסט אַ „קלייניקייט": כ'האָב זיך נאַרוואַס געהאַט אַ שפּיל געטאָן מיטן טויט — כ'האָב געהאַט די העזה צו רעדן מיטן געהילף פונעם קאָמענדאַנט קראַוזע אַליין, מיט ראַשמאַנען. אָט־דער ראַשמאַן, אַז סע פלעגט זיך אים פאַרגלוסטן, פלעגט ער דערשיסן פאַרן אָנבייסן 10 יידן און ערשט דערנאָך גיין עסן. נאָר מיינע טאַטע־מאַמע האָבן מיך מוז־זיין אויך דאָ אויסגעהיט.

מיין ברודער האָט מיר געגעבן עטלעכע איסטרוקציעס, וויאַזוי זיך אויפצופירן אין קאָנצענטראַציע־לאַגער קייזערוואַלד, וווּהין מע פירט אונדז איצט: איך זאָל זיין גיך אין די באַוועגונגען, וועל איך קענען אויסמיידן אַ קלאַפּ איבערן קאָפּ.

מ'האָט אונדז אָנגעלאָדן אויף אויטאָס. אַז כ'האָב זיך געזעגנט מיט מיין ברודער האָט ער מיר אַרויסגעריסן דעם סם פון די הענט און אים אַוועקגעוואָרפן.

— „וועסט עס מער נישט באַדאַרפן."

און אַזוי בין איך אַוועק צו אַ נייער „היים". וואָס אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער איז אַזוינס, האָב איך נאָך אין דער אמתן נישט געוווּסט.

מ'האָט אונדז דורכגעפירט איבער אַסך ריגער גאַסן. אַסך פון די גאַסן האָב איך דערקענט. דאָ פלעג איך אַמאָל הנאה האָבן פונעם לעבן. ערמאַנונגען האָבן זיך געוויקלט אין מיין זיכרון . . .

סוף־כל־סוף זענען מיר אָנגעקומען, אין דער פינצטער, קיין קייזערוואַלד.

קאָנצענטראַציע־לאַגער קייזערוואַלד (ריגע)

דאָ אין קייזערוואַלד זענען אַמאָל געווען גוטע פּאַנסיאָנען און יידן פלעגן קומען אַהער פאַרברענגען די זומערן. איך האָב אויך דאָ פאַרבראַכט 3 וואָכן אין אויגוסט 1940.

איצט שטייען דאָ נישט ווייט אין אַ וואַלד גרויסע באַראַקן, וואָס איטלעכער פון זיי נעמט אַריין צווישן זעקס און זיבן הונדערט מענטשן. די באַראַקן זענען אַרומגערינגלט מיט שטעך־דראָט, און אין אַלע פיר עקן פונעם לאַגער, אין הויכע ביידלעך, שטייען לעטן און היטן, אַז קיינער זאָל נישט אַנטלויפן. מיר האָבן זיך שפּעטער דערוווּסט, אַז דער שטעכדראָט איז עלעקטריזירט און אַז מע שטאַרבט תיכף, ווי־נאָר מע רירט זיך צו אים צו.

די לאגער־יידן האבן אונדז דערציילט, אז ווען א ייד פרווווט אנטלויפן און פארפלאנטערט זיך אין די דראטן און גייט־אוים, זיצן זיך די לעטן אין די טורעמלעך און זענען זייער צופרידן. מע כאפט נישט און מע פארדרייט נישט דעם עלעקטרישן שטראם, נאר מע לאזט דעם יידן זיך צאפלען און אויסגיין.

אין אט־דעם „פיינעם" לאגער זענען מיר עס איצט אנגעקומען. מיר האבן קיין סך נישט געדארפט ווארטן, צו זען, וואס פארא גיהנום דאס איז. תיכף ביים אנקומען האבן מיר אין דער פינצטער דערזען, ווי נאַקעטע מענטשן קניען און מע ממיתט זיי.

מ'האט אונדז געהייסן גיך אראפשפרינגען פון די אויטאס און צו 5 אין א ריי אריינמארשירן אין א באראק אריין. דארט האבן אויף אונדז געווארט אפגעפרעסענע ברואים מיט מערדערישע פנימער, אין געשטרייפטע הויזן, מיט בלויע זשאקעטן און מיט בלויע בערעטן אויף די קעפ.

זיי האבן אונדז אנגעהויבן אויסצופארשן ווער מיר זענען, ווי מיר הייסן און צי מיר האבן ביי זיך געלד און סתם ווערטפולע זאכן. מיר זאלן אלץ אפגעבן מיט גוטן, ווייל אויב ניט וועט מען אונדז דערשיסן. כ'האב ביי זיך נישט געהאט גארנישט.

כ'האב זיך פארשריבן פאר א טאכטער פונעם דר. ראזנבלום. מיר זענען געשטאנען אינאיינעם, אזויווי א משפחה.

די מענער האט מען אפגעטיילט באזונדער, און אונדז פרויען האט מען אריינגעפירט און גאנץ נאקעטע אין א וויסטן, קאלטן באראק, ווו מ'האט אונדז „אפגעשוירן" די האר און אונדז בכיוון געמאכט „פארכעס": מ'האט געריסן און געשוירן דא א שטיקל און דארט א שטיקל, כדי מיר זאלן אויסזען ווי קאליקעס. אז מיר האבן זיך איינע די אנדערע אנגעקוקט, האבן מיר געמוזט לאכן, נאר ס'איז געווען א לאכן מיט יאשטשערקעס. פונעם לאכן האט זיך אויסגעלאזט א געוויין. נאכדעם ווי מ'האט אונדז אזוי שיין אפגעשוירן, האט מען אונדז באשפריצט מיט א קאלטן דוש און מ'האט אונדז אריינגעשטופט אין א צווייטן באראק. דארט, אין צווייטן באראק, האבן געארבעט יידישע דייטשע מיידלעך. איטלעכע פון אונדז האט באקומען א צעריסן, אלט קליידל און א העמד און מ'האט אונדז ארויסגעטריבן נאסערהייט אין קאלטן הויף אריין, אין דער פינצטער. די הויכע האבן באקומען קורצע קליידלעך ביז צום פופיק, און די קלענער — קליידער ביז צו דער ערד.

מ'האט אונדז נישט געזאגט, וווהין מיר זאלן גיין, אבער בלייבן אין הויף האבן מיר אויך נישט געקענט; בין איך אריין אין א באראק, אין

בלאק נומער צוויי, אקעגן באד.

דא איז די בלאק־עלטסטע געווען אן אלטע יידיש־דייטשע פרוי, האכהיימער.

א שרעקלעך בילד האט זיך פאר מיר אנטפלעקט: א גרויסער, ברוד־דיקער, שטינקנדיקער באראק, פול מיט קרבנות, צו 4־5־6 אין א שמא־לער נארע, און נאר מע קראצט זיך. די „קריכנדיקע" עסן־אויף לעבע־דיקערהייט. אט שטייט אן אלטיטשקע לעבן א ליכט און באקלויבט א העמד. די לייז ווארפט זי אויף א קופקעלע אויפן דיל. און אט שלאגן זיך צוויי, ווייל איינע זאגט אז די אנדערע האט ביי איר צוגעגנבעט די ראציע ברויט.

מיט אזוינע סצענעס און בילדער איז דער באראק פול געווען.

כ'האב ביי איינער געפרעגט, ווי לאנג זיי זענען שוין דא. האט זי געענטפערט, אז שוין 3 חדשים. האב איך זיך נישט געקענט אפחידושן: 3 חדשים אויסגעהאלטן אין אזא אומקרייט?

דערווייל איז געווארן שפעט און מ'האט גערארפט פארלעשן ס'ליכט. וואו'זשע לייגט מען זיך? אונדזער קאמפאניע האט באשלאסן, זיך לייגן גיכער אויפן קאלטן דיל, איידער אין א נארע. ס'איז ביי אונדז געבליבן טון וואס ס'וועט זיך לאזן, אבי זיך נישט לייגן מיט די פארלייזיקטע, צעביסענע קרבנות, וואס טייל זענען קראנק געווען אויף קרעץ און נאך דערצו געהאט הונגער־וווּנדן אויף די סקעלעטישע לייבער.

כ'האב זיך אוועקגעלייגט מיט נאך עטלעכע פרויען אויפן הוילן הארטן, קאלטן דיל און נאך א לאנג מאטערניש זענען מיר פון מידקייט פארט איינגעשלאפן. מיר האבן גארנישט געפילט, ווי די ווינטן, וואס יאגן פונעם דיל, נעמען אונדז ארום.

פון אזא נאכט איז מיר דאס פנים אזוי געשוואלן געווארן, אז אין דער פרי האבן זיך מיינע אויגן נישט ארויסגעזען.

דער ערשטער אפעל

אויפגעוועקט האט מיך א גלאק, 4 אזייגער פארטאג. מ'האט גע־דארפט זיך שטעלן צום אפעל. אנטון זיך האב איך נישט גערארפט, ווייל כ„האב זיך נישט אויסגעטאן, נאר איטלעכס ביינדעלע האט מיך געבראכן און געשריגן: געוואלד!

איינס און צוויי, אזוויי מיין ברודער אהרן האט מיר אנגעזאגט, בין איך ארויס אין פינצטערן הויף צום אפעל. אויפן ארבל האב איך געהאט

א נומער: 9295. דאס איז געווען דעם 30־טן אקטאבער 1943, פיר אזייגער פארטאג, הייסט עס.

כ'האב גארנישט געזען פאר זיך, נאר אויסגעמאטערטע, נישט־גע־וואשענע פנימער. מ'איז געשטאנען דערשראקענע, נאר אויסגעצויגענע ווי די סאלדאטן. לויט די נעמען זענען מיר די מענטשן געווען פרעמד, נאר נאענט — מיט זייערע ליידן.

כ'האב זיך אוועקגעשטעלט אין אונדזער „פינפטל" און געווארט: וואס באטייט איצט דער אפעל? מיר זענען געשטאנען געשוואלענע, געצי־טערט פאר קעלט און זיך איינע די אנדערע געטרייסט. פלוצים דערהערן מיר קולות פון דער ווייטנס: „אויסריכטן, איינריכטן, גראדע שטעהען א. א. וו." ס'איז מוראדיקע קולות, נאר מע מוז שטיין גלייך און זיך נישט געבן קיין ריר, ווייל אז נישט, כאפט מען א זעץ און מע לערנט זיך גיך אוים, ווי צו שטיין שטיל.

פלוצים דערפילן מיר, אז עמיצער גייט . . . ס'באווייזט זיך א שיי־נע, בלאנדע מערדערינע, א דייטשקע. קאבא האט זי געהייסן. זי גייט זיך זייער עלעגאנט אנגעטאן און זי נעמט אונדז איבערציילן און קוקט דערביי, צי שטייט אפשר עמיצער נישט־גלייך. איר העלפט־ארוים אין דער ארבעט דער „הויפט־שארפירער". טאמער שטייט מען נישט־גלייך, באקומט מען מיט א קאכלעפל אזא האק איבערן קאפ, אז מע קען מער אויף די פים נישט שטיין. אי־דאס האט קיינער נישט געטארט ארוים־ווייזן קיין שום מיטגעפיל אין אזא פאל, נאר גארנישט זען און גארנישט הערן.

מ'האט אונדז איבערגעציילט און ס'האט געשטימט. די מערדער זע־נען אוועק און מיר האבן זיך אויסגעשטעלט אין רייען ארויסצוגיין פון דער שטאט, צו דער ארבעט. אונדזער „פינפטל", כאטש מיר זענען גע־ווען נייע, האט מען אויך געשיקט צו דער ארבעט.

מ'האט אונדז געהייסן ארויף אויף אויטאס און מ'האט אונדז אוועק־געפירט קיין ריגע, 15 קילאמעטער פונעם לאגער. אין צעריסענע קליידער און מיט אויסגעפליקטע קעפ זענען מיר אריין אין דער שטאטישער פא־ליציי. דא האבן מיר געמוזט וואשן די דילן און די אפטריטן.

בשעת ער ארבעט און בשעת עסן — אביסל קאלטע בלאטיקע זופ — זענען מיר געווען באוואכט פון ס. ס.־לייט און מ'האט אונדז איטלעכע מינוט געציילט, אזוי ווי די פערד אויף א מארק.

נאך אזא טאג ארבעט זענען מיר אהיימגעקומען און זיך נישט גע־פילט די ביינער. אויף צו מארגנס האט מען אונדז ווידער געפירט צו

דער אַרבעט, נאָר שוין ערגעץ אַנדערש. דאָ האָט אונדז אַ מייַנסטער באַקוקט און באַטאַפּט, אַזוי ווי פערד, און זיך אויסגעקליבן 12 פרויען.

דער אַרבעטס-פּלאַץ האָט געהייסן „באָו ראַט ווילקע" און האָט באַשעפטיקט אַרום 80 מענטשן. איך בין דאָ ווידער געווען אינאיינעם מיט באַסיע קלינג, פרוי אַדלבערג און איר טאָכטער, פרוי דר. וואַפּסי, פרוי ראָזנבערג און איר טאָכטער.

דאָ איז די אַרבעט געווען נאָך אַ שווערערע: מ'האָט געבויט אייַזנבאַן-ליניעס. מיר, פרויען, זענען געווען איינגעשפּאַנט ווי די פערד, געשלעפּט וואַגנס מיט זאַמד, געגראָבן שאַנעצן און געצווייגט רעלסן. דאָס טראָגן די רעלסן פלעגט אונדז ממש אַרויסציִען די גערערים, אַזוי שווער זענען זיי פאַר אונדז געווען. דערצו האָבן מיר געלייגט די רעלסן ווינטער אין די פרעסט און אַפילו אין זאָקן אויף די פאַרפרוירענע פיס.

ביסלעכווייַז האָבן מיר אַזוי אויסגעבויט אַ נישקשהדיקע ליניע און אַ וואַגאָן האָט זיך טאָקע תיכף גענומען אויף אים דרייען אַהין און צוריק. אוי, האָט זיך טיילמאָל געוואָלט אַ דריי טאָן מיט דער „סטרעלקע" (רודער) נישט ווי ס'באַדאַרף צו זיין, אַז דער וואַגאָן זאָל אַראָפּ פון די רעלסן און דער וואַגאָן-פירער זאָל געהרגעט ווערן. נאָר וואָס וואָלט דאָס אונדז געווען געבראַכט? בלויז פרישע קרבנות. כל-זמן אָבער דער מענטש לעבט, וויל ער דאָך לעבן און ער וויל אַפילו גלויבן אין אַ נס . . .

נו, די צייט איז נישט געשטאַנען אויף אַן אָרט — אונדזערע אויסגעפליקטע פאַרבעס אויף די קעפּ האָבן אָנגעהויבן ביסלעכווייַז צו פאַרוואַקסן, כ'בין שוין געשלאָפן אין אַ נאָרע, אַזוי ווי אַלע, און כ'האָב זיך שוין בכלל צוגעוווינט צום „נאָרמאַלן" אַרומיקן חזירישן לעבן.

דערווייל איז צו אונדז דערגאַנגען אַ ידיעה, אַז דעם 2-טן נאָוועמבער האָט מען „ליקווידירט" דאָס רעשט ביסל ייִדן, וואָס זענען נאָך געווען אין געטאָ. כ'האָב זיך זייער געשראָקן איבער מיין ברודער אהרן, ווייל כ'האָב נישט געוווּסט, וווּ ער איז. פּלוצים באַקום איך אָבער פון אים אַ צעטעלע, אַז ער איז אין אַ „קאַסערנירונג" (אַרבעט-שטעלע) אין שטראַסנהאָף. ער איז דאָרט אַ זייגערמאַכער און אַ גאָלד-אַרבעטער און ער בעט מיך, אַז טאָמער מע וועט נעמען אַהין אויף אַרבעט, זאָל איך אויך זען אָנצוקומען אַהין, ווייל מיט ברויט איז אים בעסער ווי מיר. אויב אַזוי, האָב איך מיך אָנגעהויבן צו פאַראינטערעסירן, צי מע נעמט נישט קיין אַרבעטער קיין שטראַסנהאָף.

אַ צווייט מאָל האָט ער מיר געשריבן, אַז ער האָט מיר אַרויסגעשיקט מיט אַ ייִדן 500 מאַרק. דער יונגערמאַן, קירש האָט ער געהייסן, איז

אמת געקומען, נאר ער האט מיר איבערגעגעבן נישט מער ווי א פּאפּציקער. כ'האב אים אפילו נישט אויסגערעדט, ווייל וואס וואלט עס געהאָלפן?

אין קייזערוואלדער לאגער האט זיך אויך געפונען מיין מאנס א ברו־דער, הערצע זאלצמאן. ער פלעגט תמיד זען צו ארבעטן מיט מיר אינ־איינעם, כדי מיר צו קענען העלפן מיט א שטיקל ברויט. מיר איז נישט געווען ניחא ביי אים צו נעמען דאס ברויט, ווייל ער איז דאך א מאן און א מאן ליידט דאך שווערער הונגער. אבער נישט־איינמאל, אז מיר זענען געזעסן מיטאג־צייט און געשלונגען דאס בלאָטיקע, זאמדיקע וואַ־סער, וואס מ'האט גערופן זופּ, האט ער מיר בגניבה אונטערגערוקט א שטיקל פון זיין ברויט. און ער האט איינמאל נישט געקענט צוזען ווי איך מאטער זיך אָן א לעפל, האט ער מיר אויף מארגן פון ערגעץ פאר־זארגט א בלעכענעם לעפל — און איך פלעג שוין איצט קענען גיכער אויפעסן די זאמדיקע שטיקלעך קרויט־בלעטער, וואס אין זופּ־וואסער.

מע פאַרריכט מיר די שיך

אויף אונדזער מזל האט זיך דעמאלט געשטעלט א ווינטער מיט פרעסט, וואס האבן ממש געשניטן ווי מיט מעסערס. די שיך זענען מיר געווען צעריסן און די פינגער פלעגן מיר שטעכן ווי מיט שפּילקעס. כ'האב געפילט, אז איך קום־אום, נאר ווו די שיך צו פאַרריכטן איז פארט נישט געווען. כ'האב זיך איינמאל פשוט צעוויינט און געבעטן די מענער יאשע מאגיד, באמא זעליגמאן און גרישא גאראן. זיי זענען דא געווען אינאיי־נעם מיט זייערע משפחות — אז זיי זאלן מיר ערגעץ פאַרריכטן די שיך.

איז איינמאל שפּעט אין אָוונט, ווען אלע זענען שוין געשלאָפן, בין איך ארויס אין הויף און אריבערגעווארפן די שיך איבערן דראט. דארט האט זיי דער הער מאגיד אויפגעהויבן. דערווייל האב איך געטראָגן א פּאר שיך פון א טיפוס־קראַנקן.

אין א וואך ארום האב איך די שיך צוריקבאַקומען — אויך איבער די דראטן אריבער און ס'איז מיר אביסל גרינגער געווארן.

מע פאַרלאָזט מיך נישט

עטלעכע באקענטע פרויען האבן מיר אין קייזערוואלד זייער אסך געהאָלפן. אינעם באראק 3, למשל, האט געוווינט די פרוי ריווא זארך פון דווינסק מיט איר 13־יעריק טעכטערל מאַיעטשקע. אט־דאס קינד איז געווען אזוי אפגעשוואכט, אז זי האט אַפילו נישט געקענט שטיין אויף די פיס.

וויפל איך פלעג ציטערן איבערן קינד, פלעגט די פרוי זאָרג אוודאי נאָכמער ציטערן. מער ווי דאָס איינציקע קינד האָט זי דאָך נישט גע־האַט. כאָטש־אַזוי, אַז זי פלעגט ווי עפּעס דורך אַ נס אַריינבאַקומען אין פאַרשאַלטענעם לאַגער אַריין אַ שטיקל ברויט, צי אַ פּאָר קאַרטאָפעלעך, גרויס ווי באָב, פלעגט זי מיר אויך צוטיילן אַ טייל דערפון. זי פלעגט אָדער אַליין אַריבערקומען דערמיט צו מיר אין באַראַק 2, נאָכן אַוונט־אַפּעל, אָדער זי פלעגט עס אַריבערשיקן מיט איר אויסגעצערט מיידעלע.

נישט איינמאָל פלעג איך ליגן אויף דער נאַרע און נישט קענען איינ־שלאָפן פון הונגער — און פלוצים דערפילן, ווי עמיצער כאַפּט מיך אָן ביים פוס און דערלאַנג מיר עטלעכע אָפּגעקאָכטע קאַרטאָפל פּאַרפּרוירענע. דאָס איז געווען אָדער מאַיעטשקאַ, אָדער די מאַמע אירע, וואָס זי איז אַליין אויך נישט געווען קיין גיבורטע. איצט האָב איך שוין געקענט אָפּ־עסן און אַנטשלאָפן ווערן ווי אַ מענטש . . .

איינמאָל האָט מיר מאַיאַ געבראַכט פון ערגעץ עטלעכע אַלטע, אַרויס־געוואָרפענע קאַרטאָפל, באַדעקטע מיט אייז. כ'האָב זיך מיט זיי דער־קוויקט. נאָר אַז כ'האָב זיי אויפגעגעסן, האָב איך דערפילט אַזאַ קעלט און אַזאַ שניידעניש אין בויך, אַז כ'האָב געמיינט: ס'איז אַ פאַרטיקער טי־פוס. נאָר ס'האָט מיר נישט געשאַט גאָרנישט.

שפּייז פלעג איך זוכן פשוט אין מיסט, ווי געוויינטלעך אין אַ קאַ־צעט. אָדער איך פלעג זיך אַריינגנבענען אין אַ לעטישער קיך און בעטלען אַ קאַרטאָפל. ביים אָוועקגיין פלעג איך אַמאָל דערזען ביי דער טיר אַן עמער מיט קאַרטאָפל־שאָלעכץ און מיט נאָך אָפּפאַל . . . דאָס איז געווען צוגעגרייט פאַר די חזירים. נאָר איך פלעג נעמען שטופּן אין די קעשע־נעס אָדער אין אַ פּאַפּיר אַריין און איך פלעג זיך שוין קוויקן מיטן גע־דאַנק, וויפל מענטשן איך וועל דערמיט זאַט מאַכן.

גנבענען אָפּפאַל איז נישט געווען קיין קליינער פאַרברעך: אַ שקלאַף האָט געמוזט זיין אינאיינעם מיט די איבעריקע שקלאַפן און נישט גע־טאָרט זיך אַרויסלאָזן אויף קיין שפּייז־זוכענישן. נאָך צוויי מאָל אַ טאָג האָבן מיר געמעגט אַרויסגיין פון די באַראַקן אויף 5 מינוט. אין די 5 מינוט טאַקע פלעג איך עס גיין זוכן שפּייז.

איינמאָל שטיי איך אַזוי אין אַ פראָסט און גראָב אַ שאַנעץ פאַר אַן באַן־ליניע. האָט מיך אַ דייטש דערזען ווי איך שטיי און וויין פון קעלט און ער האָט מיך געפרעגט, צי וואָלט איך וועלן אַרבעטן אין אַ באַראַק פון עלעקטרישע זאַכן. איך האָב מיך מיטן אָנבאַט זייער דערפרייט, פאַר־שטייט זיך. און אויף מאָרגן האָט ער מיך און נאָך עטלעכע פרויען און

א פּאָר מענער צוגענומען צו זיך אין באַראַק אויף אַרבעט.
אין באַראַק איז געשטאַנען אַן אײַזערנער אויוון. איי, גוט! — טראַכט איך מיר. כ׳על שוין מער נישט דאַרפֿן איבערגעפרוירן ווערן. צוויי רוסן האָב אויך דאָרט געאַרבעט. וועןְ־ניט־ווען פֿלעגן זיי אונדז געבן אַ שטיקל פֿון זייער ברויט. די אַרבעט איז געווען אַ שווערע און אַן אַחריותפֿולע, נאָר כ׳האָב אַלץ אָנגענומען פֿאַר ליב, אַבי מע זאָל מיך נישט צונעמען פֿון דאַנען.

אַן אומדערקלערלעכער מאָמענט

נאָר אין דער אייגענער צייט האָב איך געלעבט מיטן געדאַנק, אַז טאָמער מע וועט אַרויסרופֿן אויף אַרבעט קיין שטראַסנהאָף, וווּ מײַן ברודער אַרבעט, וועל איך מיך תּיכּף מעלדן. נו, אין אַ שיינעם אָוונט נאָכן אַפּעל האָט מען אויסגערופֿן, אַז ווער ס׳וויל גיין אַרבעטן קיין שטראַסנהאָף, דער זאָל זיך תּיכּף מעלדן. אַלע מײַנע באַקענטע האָבן זיך געגעבן אַ קוק־אום צו מיר, ווײַל מ׳האָט דאָך געוווּסט פֿאַרוואָס מיך ציט קיין שטראַסנהאָף, נאָר איך בין עפּעס ווי פּאַראַליזירט געוואָרן און נישט געקענט פֿון זיך קיין וואָרט אַרויסברענגען. וואָס מיט מיר איז דעמאָלט געשען, איז מיר נאָך ביז הײַנט אַ רעטעניש, ווײַל ערשט אַז מ׳האָט אויסגערופֿן, אַז די צאָל איז שוין פֿאַרפֿולט, איז צו מיר דאָס לשון צוריקגעקומען, נישט פֿריער. כ׳האָב זיך אַליין געפֿרעגט, וואָס דאָס האָט געקענט באַטײַטן: אַ צייכן, איך זאָל זיך נישט מעלדן, ווײַל דאָ שטעקט עפּעס אַ סכּנה? פֿאַרוואָס קומט מיר, אַ זינדיקער נשמה, אַזאַ צייכן? — סײַ־ווי מײַנע באַקענטע האָבן אַוודאי געמיינט, אַז מסתּמא ציט מיך שוין מער נישט צו מײַן ברודער . . .
אַזוינע פֿאַלן האָבן זיך מיט מיר, אגב, געטראָפֿן מער ווי איין מאָל. אין זייער אַן אַנטשיידנדיקן מאָמענט איז מיר עפּעס דאָס לשון ווי אָפּגענומען געוואָרן. און אַזוי בין איך ווײַטער געבליבן אין פֿינצטערן קאַצעט און זיך ווײַטער געהיט פֿאַר אַ קלאַפּ. איבעריקנס האָב איך שוין מער נישט אויסגעזען ווי קיין ווילדע. די האָר זענען מיר צוריק אָנגעוואַקסן. דערצו האָט מיר נאָך אַ ווינער מיידל געשענקט אַ קליידל — איז ווער איז געווען מײַן גלײַכן? . . .

פעסיע זאַלצמאַן

די שריפה אין קייזערוואַלדער לאַגער

איינמאָל, אין אַ קאַלטער ווינטער־נאַכט אין 1944, דערהערן מיר פּלוצים אַ קלונג, אַ פייער־אַלאַרם. אין דער אייגענער רגע זענען מיר אַלע אַראָפּ פון די ברעטלעך און געוואַלט וויסן, וואָס ס'איז געשען. מיר האָבן תיכף דערזען, אַז אַרום אונדז ברענט אַלצדינג און מיר האָבן דערהערט, ווי די קולות פון די ס. ס.־מענער און פון די סאַדיסטישע אויפזעערינס באַפאַלן אונדז און סטראַשן אונדז גאַנץ אָפנטלעך, אַז זיי וועלן אונדז אַלע פאַרברענען.

וואָס פאַרא ניי שפּיצל האָט מען דאָ צוגעגרייט פאַר אונדז? — האָבן מיר זיך איינס דאָס אַנדערע געפרעגט אין גרויס שרעק. וואָס פאַרא נייעם באַפעל האָט באַקומען זאָוער, דער קאָמענדאַנט פון קייזערוואַלד? כ'האָב זיך פּלוצים דערפילט זייער עלנט אַזוי פאַרלוירן האָבן מיר זיך אַלע פון גרויס שרעק. נאָר באַלד האָב איך דערהערט אַ היימיש קול. דאָס איז געווען מיין באַקענטע, באַסיע קלינג. זי האָט מיר אַפילו געהאָלפן געפינען מיינעם אַ זאַק, וואָס מ'האָט אין דער גרויסער פּאַניק ערגעץ פאַרשלעפּט.

וואָס טוט מען איצט? — האָבן מיר זיך איינע די אַנדערע געפרעגט — אַרויס אין דרויסן און דערשאָסן ווערן אָדער זיך לאָזן דאָ פאַרברענען לעבעדיקערהייט?

דערווייל איז איינע אַריין מיט דער נייס, אַז דאָס ברענט דער מאַגאַזין מיט די זאַכן, וואָס מ'האָט ביי אונדז צוגעראַבירט. מ'עט, הייסט עס, קיינעם נישט חושד זיין, נאָר אונדז אַליין.

מילא, פאַרפאַלן. מיר זענען אַריינגעפאַלן אין אַ שרעקלעכן יאוש. איטלעכע איינע פון אונדז האָט זיך געגרייט אַוועקצוגעבן דאָס לעבן פאַר אַ קרבן, אויב מע וועט זוכן די שולדיקע אין דער שריפה.

אַביסל שפּעטער זענען מיר געוואָר געוואָרן, אַז אַ פּאָליאַק, וואָס האָט אונדז געהיט, איז אַנטלאָפן, מסתמא דער וואָס האָט אונטערגעצונדן. ער האָט וואָרומערט צעבראָכן די דראָטן און געמאַכט פּליטה. דערנאָך האָט מען די מענער געשטופּט אין פייער און געהייסן ראַטעווען. די, וואָס זענען ביים ראַטעווען צעברענט געוואָרן, האָט מען אַוועקגעפירט אין רעוויר. נאָר זיי זענען שוין נישט צוריקגעקומען.

מיר האָבן די גאַנצע צייט געוואַרט, מע זאָל אונדז אויך רופן, נאָר מ'האָט אונדז נישט גערופן. אָבער אויף צו מאָרגנס האָבן מיר אַלע אָן אויסנאַם געמוזט צונויפקלייבן די פאַרברענטע זאַכן און זיי אַוועקשלעפּן

אין אַן אַנדער אָרט. אַט־דאָס אַריבערזווינגען און סאָרטירן די פאַרברענטע סחורה האָט ביי אונדז גענומען כמעט אַ וואָך. נאָך דער וואָך האָט מען אונדז ווידער גענומען צו דער אַרבעט אַרויס פון דער שטאָט און איך בין אַוועק אין מיין פריערדיקן באַראַק אַריין. אין פאַרגלייך מיטן קייזער־וואַלד גיהנם איז די אַרבעט אין באַראַק געווען אַ גן־עדן.

מיר טראָגן־אַריבער
אַ באַרג מיט זאַמד

איינמאָל האָט מען אונדז אין אַ זונטיק נישט אַרויסגעלאָזט פונעם לאַגער. מ'האָט אונדז געהייסן זיך אויסשטעלן אין הויף. האָבן מיר זיך אויסגעשטעלט און געוואַרט אויף אַן אומגליק.

נו, מ'האָט אונדז געהייסן, אַז די פרויען זאָלן אין די מאַנטלען אָדער אין די קליידער אַריבערטראָגן אַ גרויסן באַרג מיט זאַמד פון איין אָרט אויפן אַנדערן. דאָס איז געווען סתם־אַזוי, כדי אונדז צו מאַטערן און צו האָבן קרבנות — ווייל די פּאָליעס זענען שוין געווען צו טייער פאַר אונדז. די מענער האָבן געמוזט אויף טאַטשקעס אַריבערטראָגן אַן אַנדערן באַרג, אַ גרעסערן. ס'איז געווען אַן „אידעאַל" געטאָ־בילד: אין אַ נאַסן ווינ־טער־טאָג, וואָס פון אויבן גייט נאָך דערצו אַ נאַסער שניי, לויפן־אַרום נאַקעטע מענטשן, מתים, און טראָגן אויף זיך זאַמד, און די גזלנים שטייען און האַקן מיט די נאַגייקעס, ווי אַ צוגאַב, אויף רעכטס און אויף לינקס. נישט איינער האָט אויף זיך אין דער רגע געבעטן דעם טויט, ווייל ס'איז שוין געווען נישט אַריבערצוטראָגן.

אַט לויפט־פאַרביי, אַ נאַקעטע, מרים בראַוואַ, אַ בילד־שיין מיידל פון דווינסק. די טרערן וואַרגן זי און זי וואַרפט אַ וואָרט, אַז זי גייט זיך מעלדן קראַנק. מיר לויפן איר נאָך מיט אונדזערע בינטלעך זאַמד און מיר בעטן זיך ביי איר, אַז זי זאָל עס נישט טון, ווייל די קראַנקע פאַר־שווינדן דאָך . . .

איך האָב אַלעמען צוגעגעבן מוט, נאָר אַליין האָב איך געפילט, אַז מיינע פיס וועלן עס פשוט נישט אויסהאַלטן און אַז די אָדערן וועלן מיר באַלד פּלאַצן פונעם לויפן משוגענערווייז אַהין און צוריק אינעם שניי און פונעם לאַווירן אַזוי, אַז איך זאָל נישט כאַפּן קיין זעץ.

איך און איטע ראָזנבערג האָבן גענומען אַ שמאַטע און געטראָגן דעריין דעם זאַמד, כדי נישט דאַרפן אויסטון די קליידער. אָבער אַ מערדערן האָט באַמערקט, אַז מיר האָבן גענומען מיט אַ זשמעניע ווינציקער — האָבן מיר ביידע באַקומען מיט דער נאַגייקע איבער די קעפּ, אַז מיר האָבן געזען

פונקען פאַר די אויגן. מיר האָבן קוים איבערגעלעבט יענעם אומבאַשרייב־לעכן טאָג אַרבעט. אַסך זענען אָבער אומגעקומען, לרוב מענער, ווייל זייער פּיין איז געווען נאָך גרעסער פון אונדזערן.

אין אָוונט האָט מען אויסגערופן, אַז ווער סע וויל פאָרן קיין עסט־לאַנד אַרבעטן, זאָל זיך מעלדן. מרים בראַוואַ און נאָך אַזוינע ליכטיקע קינדער ווי זי, האָבן זיך געמאָלדן, אַבי אַוועק פונעם גיהנום — כאָטש זיי האָבן קיינער נישט געוווּסט, וואָס סע וואַרט אויף זיי דאָרט אין עסט־לאַנד. איך האָב מיך נישט געמאָלדן. כ'האָב געהאַט באַשלאָסן ביי זיך, מער זיך נישט רירן פון אָרט, סיידנס מע וועט הייסן.

אויף צו מאָרגנס בין איך אַוועק אַרבעטן אויף מיין אַלטן פּלאַץ. כ'האָב אָבער נישט געקענט אַרבעטן, אַזוי האָבן מיר די ביינער געבראָכן. כ'האָב דערציילט, פאַרוואָס איך קען נישט היינט אַרבעטן, האָט מען מיר קיין שלעכטס נישט געטאָן. ווי גוט איז מיר, וואָס איך אַרבעט דאָ, האָב איך מיר געטראַכט. איך האָב דאָ נישט נאָר געהאַט אַ שטיקל ברויט צו עסן, נאָר איך פלעג מיר דאָ אָפט אין אַ בלעכן טעלערל אָנוואַרעמען אַביסל וואַסער און זיך דאָס פּנים אָפּוואַשן און זיך אַפילו די האָר אויסוואַשן — וואָס אין לאַגער האָט מען נאָר געקענט חלומען דערוועגן.

נאָכן הינטישן לעבן אין קייזערוואַלד און נאָך דער אַרבעט אויף מיין „אייגענעם" אַרבעטס־פּלאַץ בין איך צוריקגעגאַנגען אין לאַגער אַריין אין אַ זונטיק, דעם ערשטן פעברואַר 1944.

מע שיקט מיך אַרבעטן אין א. ע. ג. (קאַבלען־פאַבריק)

אין יענעם טאָג האָט מען נאָר געאַרבעט ביז 12 אַזייגער באַטאָג. אויפן אַפּעל־פּלאַץ האָט מען אָנגעהויבן צו קלייבן פרויען פאַר די א. ע. ג.־פאַבריקן, וווּ ס'האָבן שוין דעמאָלט געאַרבעט אַן 800 פרויען צווישן 4,000 לעטישע גזלנים. די דירות זענען, אמת, דאָרט געווען בעסער און מ'האָט געקענט באַקומען היים וואַסער, נאָר מיטן עסן איז געווען צרות, ווייל אחוץ לאַגער־עסן האָט מען דאָ אין דער זייט זיך נישט געקענט צוזוכן גאָרנישט. איבעריקנס האָבן מיר זיך געשראָקן גיין אַליין, דאָרט ווו לע־טישע פּאָליציי באַליידט אין פאַבריק אַריין און צוריק און דאָרט ווו מע ליגט נאָך דער אַרבעט אויך הינטער אַ שלאָס.

אַז אַ פרוי פלעגט אַמאָל קראַנק ווערן אין דער פאַבריק און צוריק־קומען אין קאַצעט אַריין, פלעגן מיר, אין קאַצעט, זיך אַזש חידושן, ווי שלעכט זי זעט אויס . . . ווייל דאָ האָט מען זיך נאָך געקענט אַמאָל

צוזוכן א שטיקל ברויט ביי דער ארבעט ארויס פון דער שטאט, אדער אמאל פלעגט עמיצער באהאלטענערהייט אריינברענגען א לעבל ברויט פאר זיינע נאענטע אדער סתם צו פארטיילן.

איך בין געשטאנען אין גרויס שרעק, ווייל דאס הארץ האט מיר ווי געזאגט, אז היינט גיי איך. אין דער אייגענער רגע האט מען מיך א ריס געטאן ביי מיין ארבל, פארשריבן מיין נומער, 9295, און מ׳האט מיך אוועקגעטריבן צו די איבעריקע פארשריבענע.

מ׳האט אונדז נאך אמאל איבערגעציילט און מ׳האט אונדז אנגעזאגט,

— אז מארגן אין דער פרי גייען מיר ארבעטן אין דער א. ע. ג.־פאבריק. כ׳האב געוווסט, אז דארט אין דער פאבריק האב איך באקענטע, כ׳האב אבער אויך געוווסט, אז דארט הונגערט מען מוראדיק און אז פון דארט וועל איך נישט האבן קיין שום פארבינדונג מיט מיין ברודער אהרן און אוודאי וועל איך פון דארט נישט קענען גיין צו אים. וואס׳זשע טוט מען?

כ׳האב מיך געווענדט צו א גזלן, טאקע צום לאגער־פירער און אים געבעטן, ער זאל מיך בעסער לאזן גיין קיין שטראסנהאף — ווייל כ׳האב דארט א ברודער. האט ער מיר א זאג געגעבן:

— „נו, גוט, גיי׳זשע נישט מארגן. אבער אין אוונט וועסטו באקומען 25 שמיץ און אז אנדערע וועט גיין אויף דיין ארט.״

איך האב זיך זייער געשראקן פאר שמיץ, ווייל ערשטנס וואלט דאס מיך ארויפגעשטעלט אויף דער רשימה פון די באשטראפטע, און אז מע דארף האבן קרבנות, נעמט מען געווייינטלעך פון דער דאזיקער רשימה, און צווייטנס וואלט איך אזוינע 25 שמיץ מיט א שטעקן נישט אויסגעהאלטן. האב איך מיר נישט געזוכט קיין צרות און בין געגאנגען אהין, וווהין ס׳איז מיר מסתמא געווען באשערט צו גיין.

כ׳האב זיך געזעגנט מיט מיינע באקענטע, און אויף צו מארגנס, ווען אלע זענען אוועק צו דער ארבעט, האט מען אונדז, 26 פרויען, געפירט אין באד, זיך רייניקן צו דער א. ע. ג.־ארבעט.

מיט מיר איז אויך געווען דר. ראזנבלומס טאכטער, מאלא, און אזויווי איר מוטער האט געוואלט זיין מיט דער טאכטער אינאיינעם, זענען מיר אוועק אין דער „שרייב־שטובע״ בעטן, אז מע זאל זי לאזן גיין אויף מיין ארט. דער שרייבער, א דייטש, האט אויסגעהערט דער מוטערס בקשה און האט איר דערלאנגט אזא זעץ אין הארצן אריין, אז זי איז געפאלן הינטערוויילעכץ. בשעתן פאלן האט זי מיר דערלאנגט מיטן קאפ אין נאז, אז כ׳האב זיך באגאסן מיט בלוט און כ׳האב שיר־נישט געחלשט.

כ׳האָב אָבער נישט געוואָלט אַרויסווייזן מיין שוואַכקייט — האָב איך מיך נאָר גוט פאַנאַנדערגעוויינט. מ׳האָט מיך מיט קוֹלי־קוֹלוֹת אַריינגע־טריבן אין באָד אַריין, וווּ מ׳האָט ביי מיר צוגענומען דאָס קליידל און מ׳האָט מיר אַרויסגעגעבן אַ געשטרייפט אַרעסטאַנטן־קלייד מיט אַ יאַקל. דאָס קלייד איז געווען לאַנג און ברייט און דאָס יאַקל — קורץ, און מיט וואָס זיך צו פאַרבונדן איז נישט געווען.

מ׳האָט אונדז נאַסע און פאַרביטערטע אַרויפגעוואָרפן אויף אַן אָפּען־נעם אויטאָ, אויפן הוילן דיל, און מ׳האָט אונדז אין אַ שרעקלעכן פראָסט אוועקגעפירט קיין ריגע אין דער א.ע.ג. דאָס איז געווען דעם 2־טן פעברואַר 1944. דער פראָסט האָט געשטאָכן אין די פיס, ווי מיט נאָד־לען. צוגעטוליעטע איינע צו דער אַנדערער, ווי די הינדעלעך, זענען מיר דורכגעפאָרן דורך דער שטאָט צו אונדזער נייער „היים״, וווּ סע וואַרטן אויף אונדז נאָך אַזוינע אויסגעמאַטערטע ווי מיר.

נאָך אַ שעה פאָרן האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט פאַר אַ בנין, וווּהין מ׳האָט אונדז אַריינגעפירט און אונדז ווידעראַמאָל קאָנטראָלירט, צי מיר האָבן נישט קיין קלעפּיקע קרענק. מ׳האָט אונדז אויסגעשמירט די קעפּ מיט אַ דעסינפעקציע־מיטל און מ׳האָט אונדז אַריינגעטריבן אין די באַ־ראַקן, וווּ די פריערע ווינען. ס׳איז גראָד געווען מיטאָג־צייט. כ׳האָב פאַר זיך דערזען אַסך באַקאַנטע, וואָס זענען שוין דאָ פון פריער. די פּנימער זענען בלייך, אָבער ריין. און, אוי, האָב איך זיך דערפרייט, אַז איך בין אַריין אין „וואַש־רוים״ און דערזען היים וואַסער! כ׳האָב גאָר נישט געקענט זיך אָפּרייסן דערפון. נאָר מ׳האָט אונדז, נייע, באַלד גערופן צום אַפּעל, וווּ אַ דייטשע אויפזעערין האָט אונדז צעשיקט אויף מאָרגן אין די פאַרשיידענע סעקציעס פון דער פאַבריק.

איך הייב־אָן אַרבעטן ביי קאַבלען (עלעקטרישע דראָטן)

מיר איז צוגעפאַלן די שווערסטע אַרבעט: ביי קאַבלען. דאָ האָט מען געאַרבעט אין דריי שיכטן: איין וואָך פון 6 אינדערפרי ביז 2 באַ־טאָג, אַ צווייטע וואָך פון 2 ביז 10 באַנאַכט און אַ דריטע וואָך — פון 10 באַנאַכט ביז 6 אינדערפרי. מיר איז גראָד אויסגעקומען אָנצוהייבן אַרבעטן אינדערפרי.

די פאַבריק איז געווען אַ גרויסע. פאַר דער מלחמה האָט זי געהייסן וועף. דעמאָלט האָבן דאָרט קיין ייִדן נישט געאַרבעט. אויף מיין מזל איז מיר צוגעטיילט געוואָרן זייער אַ שווערע אַרבעט: שלעפּן דעם קאַבל.

כ'האב באַלד דערזען, אַז אַזאַ שלעפּן דעם נאָסן קאַבל פון וואַסער אַרויס וועט מיר אַרויסשלעפּן די קישקעס פון לייב. בין איך צוגעגאַנגען צו אַ לעטישן מייַנסטער, מאַקאָווסקי, און כ'האב אים געזאָגט, אַז כ'בין אַ יידיש קינד פון לעטלאַנד און אַז איך קען פּשוט אַזוי שווער נישט אַר־בעטן. האָט ער מיך אויסגעהערט און מיך צוגעפירט צו אַ טיש, וווּ ס'איז געזעסן אַ שיין יידיש מיידעלע, צירעלע ליפּאָווסקאַ, פון ווילנע, פון דער באַרימטער אַרטיסטן־משפּחה ליפּאָווסקי אין ווילנע. ער האָט זי געבעטן, זי זאָל מיך אויסלערנען פאַרריכטן מיט דער מאַשין די צעריסענע קאַבלען, וואָס קומען צוריק פונעם פראָנט.

כ'האב אים זייער שיין געדאַנקט — און טאַקע דעם אייגענעם טאָג האָב איך שוין פאַרריכט אַ קאַבל. כ'בין געווען אין זיבעטן הימל, וואָס איך טויג זיך צו אַלעמען אויס, נאָר נישט צו קיין שווערער פיזישער אַרבעט. אין אַ וואָך אַרום האָב איך שוין געהאַט אַן אייגענע מאַשין און איך פלעג שוין זיצן און אַרבעטן גאַנצע שיכטן און צו קיינעם נישט אַרויסרעדן קיין וואָרט. כ'בין געווען גערן, וואָס קיינער טשעפּעט מיך נישט און איך קען זיצן אין דער וואַרעם און אַרבעטן און קלערן בשעת־מעשה וועגן מיינע טייערע אומגעקומענע און וועגן מיין אַמאָליק גליקלעך לעבן.

אַהיימגעקומען פון דער אַרבעט, פלעגן מיר זיך אַרומוואַשן און גאָר־נישט געוואָלט אַרויס פון אונטערן דוש, ווייל דער הונגער האָט פון אונדז געריסן שטיקער און מענטשן זענען געפאַלן ווי די פליגלען. איינמאָל האָט מען אונדז געגעבן שטיקלעך פעטס אין דער זופּ. ס'האָט זיך זייער שטאַרק געהערט און כ'האב עס נישט געקענט אין מויל אַריין נעמען. אַנ־דערע האָבן עס יאָ געגעסן. דערנאָך האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז ס'איז געווען פעטס פון קרבנות יידישע.

אַזוי האָב איך אָפּגעאַרבעט 3 חדשים, ביז ס'איז אַרויס אַ נייַ געזעץ, אַז יידן טאָרן נישט האָבן קיין לעטישע מייַנסטערס. איז האָט מען דע־מאָלט מיך און נאָך 2 פרויען (דאָרע שטיין פון ליבאַו און עלענאַ איסאַ־קאָוונאַ ראָזנבערג פון דווינסק) געמאַכט פאַר איבערזעצערנס ווייל צווישן אַלע יידישע פרויען (פון ליטע, פון דייטשלאַנד און פון פּוילן) האָבן דאָך נאָר מיר לעטישע, געקענט לעטיש — האָבן מיר געדאַרפט אַ גאַנצע טאָג זיין אויף די פיס, איבערגעבן די לעטישע מייַנסטערס די אַרבעט, לערנען די נייַע אַרבעטערנס און אָפּגעבן איטלעכע וואָך אַ באַריכט, וויפל קאַבלען מ'האָט געמאַכט.

מיר האָבן פון דער אַרבעט גאָרנישט געהאַט, אָבער מיר זענען געווען

צופרידן, וואָס מיר דאַרפן זיך נישט יאָגן מיט דער אַרבעט און וואָס די לעטן האָבן נישט געקענט אַנווייזן, ווער ס'איז קראַנק — מיר פלעגן זיך שוין אַליין אַן עצה געבן און זיך העלפן איינע די אַנדערע.

אין די זונטיקן פלעגן מיר זיך צונויפקומען אין 2-טן בלאָק און זינגען בלעריי געטאָ־לידער: „עס האָט אונדז דאָס לעבן גערופן"; „זאָג נישט קיינמאָל, אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג"; „די זעלבע גאַסן און טראַמ־ווייען"; „עס ברענט, ברידערלעך, עס ברענט"; „געטאָ, דיך פאַרגעסן וועל איך קיינמאָל נישט"; „קייזערוואַלד, ווי ווערט מען פון דיר פטור"; (דאָס האָבן מיר נאָך געזונגען אין קייזערוואַלד) און „אין אַ ליטוויש דאָרף, נישט ווייט" א. א. אָט־דאָס לעצטע ליד איז וועגן אַ יידיש יינגעלע, יאַסעלע, וואָס די מאַמע לאָזט עס איבער צווישן גויים, אפשר־טאָמער וועט ער בלייבן לעבן. יאַסעלע וויל אָבער באַין אופן נישט בלייבן. נאָר די מאַמע שלעפּערט אים אַיין ביי זיך אויף די הענט, ווי אַמאָל אין דער היים, און זי לאָזט אים איבער אַ שלאָפנדיקן. ס'איז כדאַי צו ציטירן באַטש דעם אָנהייב פון אָט־דעם ליד וועגן יאַסעלען, וועגן די טויזנטער יאַסעלעך, וואָס מ'האָט זיי איבערגעלאָזט אין דער טויט־בהלה אויף גאָטס באַראָט און אויף זיין השגחה:

אין אַ ליטוויש דאָרף, נישט ווייט,
שטייט אַ שטיבל ביי דער זייט.
דורך אַ פענצטער נישט קיין גרויס
קוקן קינדערלעך אַרויס.

יינגעלעך מיט בלאָנדע קעפּ,
מיידעלעך מיט פלאַקסן־צעפּ.
און צווזאַמען דאָרט מיט זיי
קוקן אויגן שוואַרצע צוויי.

אויגן שוואַרצע פול מיט חן,
און אַ נעזעלע אַ קליין;
ליפּעלעך צום קושן נאָר,
שטאַרק געלאָקטע שוואַרצע האָר...

מיר האָבן געהאַט צווישן זיך עטלעכע באמת טאַלענטירטע זינגערנס: אַ מיידעלע ריוועלע באַסמאַן, פלעגט זייער שיין האַלב־זינגען און האַלב־

דעקלאמירן א ליד „כ'וויל צייטן אנדערע". דאכט זיך, אז זי האט עס אליין געשריבן. זי האט אויך געהאט א דעקלאמאציע „רעדעלער" — וועגן א. ע. ג. און די שקלאפן. נאך א פיינע זינגערן איז געווען צירעלע ליפאווסקא, פון ווילנע. לאה וואפניק פלעגט זינגען „אלי, אלי". ביי די ווערטער „אין פייער און פלאם האט מען אונדז געברענט" האט מען גע־קענט זען, אז זי האט די ווערטער טאקע אליין איבערגעלעבט אויף איר אייגענע לייב.

אין דער נאכט־שיכט פלעגן מיר אמאל אריינלייגן א געגנבעטע קאר־טאפל אין דער מאשין אריין, אויף אפצובראטן, אויפן ארט פון א קאבל. אמת, די קארטאפל האט זיך דערנאך געהערט נאך גומי, נאר וועמען האט עס געארט? מיר האבן זיך מיט איר געקוויקט.

אזוי איז זיך די צייט געגאנגען אז אן איבערשלאג. נאך איינמאל האט מיר אן אויער ווי געטאן, אז כ'האב עס מער נישט געקענט ארי־בערטראגן. האט מען מיך געשיקט קיין קייזערוואלד צו א דאקטער. דער דאקטער האט מיר באקוקט דעם אויער און כ'האב מיך געגרייט גיין צוריק אין פאבריק אריין. האט מיך דורכן פענצטער דערזען יאשא מאגיד, וואס ער איז דעמאלט געלעגן אין רעוויר מיט א צעבראכענעם פוס, האט ער מיר ארויסגעשיקט מיט א יינגעלע, מנשהקע, 20 מארק, אז איך זאל מיר קענען אין פאבריק ביי א לעטקע קויפן א ברויט (דעם פוס האט יאשא מאגיד צעבראכן אויף אזא אופן: בשעתן פייניקן האט ער געוואלט אויסמיידן א קלאפ, איז ער ארויסגעשפרונגען דורך א פענצטער און זיך דעם פוס צעבראכן). א מיידל, מערי שאפירא, האט מיר א ווארף געטאן א האנטעך מיט א פאר צעריסענע שווארצע זאקן — און איך בין ארויף אויפן אויטא. שוין זייענדיק אויפן אויטא, האט מיר נאך א פרוי צוגע־ווארפן א ברויט און מיר נאכגעשריגן, אז אין ברויט איז דא א בריוועלע, פאר וועמען דאס ברויט איז און נאך עטלעכע בריוועלעך פאר באקענטע פרויען אין דער א׳ ע. ג.

מע שלאגט אונדז — אין א נאווינע...

אז ס. ס.־מאן, הירש האט ער געהייסן, האט אבער דערזען דורכן פענצטער, ווי מיר פרויען פירן צוריק פעקלעך, איז ער ארויס מיט א רציחה, פארהאלטן דעם אויטא, אונדז געהייסן זיך אויסטון און אונדז גע־נומען באזוכן. איך האב בגניבה ארויסגעווארפן דאס געלט, דעם האנטעך און די זאקן, און אז מ'האט מיך באזוכט און ביי מיר נישט געפונען גאר־

נישט, האט דער רוצח גענומען פרעגן, וועמעס די ארויסגעווארפענע זאכן זענען און ער האט אונדז גענומען שלאגן אז רחמנות מיט א גומענער נאגאיקע, ער האט נישט געקוקט, וואהין ער טרעפט.

געווען מיט אונדז אן 8־יעריק מיידעלע, וואס איז געקומען זיך זען מיט איר פאטער — האב איך זי געוואלט פארשטעלן, אז די נאגאיקע זאל זי נישט טרעפן. האט עס אבער דער רוצח באמערקט און ס'איז אים מסתמא נישט געפעלן — האט ער מיך אזוי צעהרגעט, אז כ'האב געפילט: אט פאל איך פון די פיס. מיין גליק, א דווינסקער מיידל, עלע גוטערמאן, האט מיך א ריס־אוועק געטאן, אז דער מערדער זאל נישט זען, ווי שוואך איך בין.

נאך די קלעפ האט מען אונדז אוועקגעפירט אין דער פאבריק און ערשט דארט האבן מיר געמוזט א פאר שעה שטיין אין הויף, איידער מ'האט אונדז געלאזט אריינגיין צו דער ארבעט.

גראד האב איך יענע וואך געארבעט טאג־שיכט, ס'הייסט פון 2 ביז 10 אין אוונט. כ'בין א צעממיטטע אוועק צו דער ארבעט, נאר ארבעטן האב איך נישט געקענט. דער מייסטער, א לעט האט מיך געפרעגט, וואס ס'איז געשען, האב איך אים דערציילט די גאנצע מעשה און כ'האב אים נאך געזאגט, אז דאס איז נאכנישט אינגאנצן; מסתמא וועט מען אין ברויט געפינען די בריוועלעך, און קיין צרות וועלן אונדז שוין דעמאלט נישט פעלן. האט ער מיך בארואיקט און מיר געזאגט בסוד, אז סע קען זיין, אז די צייט זאל זיך אינגאנצן באלד בייטן — די דייטשן כאפן מפלות פון אלע זייטן און די רוסן זענען שוין אין דווינסק.

מע רופט אונדז צום קאמענדאנט פון קייזערוואלד

אין עטלעכע טעג ארום רופט מען 5 פרויען צום לאגער־קאמענדאנט, און איך בין איינע פון זיי. מיר האבן זיך אוודאי זייער דערשראקן און איך האב זיך געזעגנט מיט אלע מיינע באקענטע, ווייל כ'האב געוווסט, אז זאוער, דער קאמענדאנט, לאזט שוין ארוים קיין לעבעדיקע, אויב ער כאפט עמיצן ביי א חטא. מיטן געדאנק, אז איך פאר צו דער תליה, בין איך ארויף אויפן אויטא, וואס האט מיך געפירט קיין קייזערוואלד.

מיר זענען אריין צום קאמענדאנט אזויווי פארמשפטטע, כאטש מיר האבן אין דער אמתן נישט געוווסט, צוליב וואס מע רופט אונדז. צווישן אונדז זענען געווען אזוינע, וואס זענען נישט געווען מיט אונדז אין לאגער אין יענעם אומגליקלעכן טאג.

מ'האט אונדז רעגיסטרירט און מ'האט אונדז געפרעגט, צי מיר האבן קרובים אין דער קאסערנירונג „לענטא". דארט, אין יענער קאסערנירונג, האבן מיר געוווסט, ארבעטן א 300 יידן און ס'איז זיי אסך בעסער פון אונדז. זיי האבן נישט געטראגן קיין געשטרייפטע קליידער, מ'האט ביי זיי די מאנטלען נישט צוגענומען און בכלל איז דארט דער רעזשים געווען א גרינגערער. מיר איז געווען א גרויס חידוש, וואס מע רופט אונדז אהין. איך האב דארט געהאט 2 קוזינעס: ריוואטשקע און אלא העלער־מאן און א קרובה חנה האלפערן. וואס'זשע, איז מעגלעך, אז זיי זארגן זיך פאר מיר? סיי־ווי בין איך געווען צופרידן, וואס איך וועל שוין פטור פון דער פאבריק. ווארן דאס ארייינלייגן קארטאפל אין די קאבל־מאשינען, אויף אפצובראטן, האט געשמעקט מיט סכנה. ס'איז שוין געהאט געווארן א טאג־טעגלעכע זאך. ווען מע זאל מיך געווען כאפן, וואלט איך מיך געמעגט געזעגענען מיטן לעבן.

מיר האבן איבערגענעבטיקט. אבער אינדערפרי האט מען אונדז געלאזט וויסן, אז דאלמאן, דער דירעקטאר פון דער א. ע. ג־פאבריק, א דייטשער ציווילער, א סאדיסט, האט טעלעפאנירט, אז מיר זענען גוטע ארבעטערס און אז ער קען זיך אן אונדז נישט באגיין; מע זאל אונדז צוריקשיקן.

איך האב נישט־ווילנדיק א זאג געטאן דעם קאמענדאנט: „יודן — אונד גוטע ארבייטער?"...

סיי־ווי, מ'האט אונדז, במחילה, צוריקגעפירט. די 4 פרויען זענען נאך דערצו געווען אויף מיר אין כעס, ווייל זיי האבן געטענהט, אז נאר צוליב מיר פירט מען אונדז צוריק.

צוריקגעקומען, זענען מיר געוויר געווארן, אז די פרויען אין אונדזער אפטייל האבן געמאכט א סקאנדאל און דערציילט דעם מייגסטער, וואהין מ'האט אונדז ארויסגערופן. און אזוי־ווי דער מייגסטער האט געקענט די מיאוסע מעשה מיט אונדזערע קלעפ, איז ער אוועק צום דירעקטאר מיט א געוואלד, פארוואס מע נעמט ביי אים צו די בעסטע ארבעטער. דערפאר האט אונדז דער דירעקטאר צוריקגערופן.

אין די באראקן האט מען זיך מיט מיר זייער דערפרייט, ווייל מ'איז געהאט געווען זיכער, אז איך גיי צו דער תליה. נו, מיר האבן זיך ווידער גענומען צו דער ארבעט און ווידער לייגן קארטאפל אין די מאשינען.

„קאפּוּט האָד!“

איינמאָל איז אָנגעקומען אַ באַפעל, אַז מע זאָל אָפּקלייבן אַ דריי־צי־פיר הונדערט פרויען פאַר אַ פאַבריק ערגעץ אין דייטשלאַנד. האָבן די לעטישע מיינסטערס געמאַכט אַ רשימה פון די פרויען, וואָס זיי האָבן נישט געדאַרפט, און די רוצחים פון קייזערוואַלד זענען געקומען די פרויען פאַרנעמען. צווישן זיי האָט זיך אויך געפונען דער רוצח הירש.

מ'האָט די פרויען באַזוכט, צי זיי האָבן נישט ביי זיך קיין זאַכן, קיין פינגערלעך וכדומה, און מ'האָט זיי נישקשהדיק געפייניקט בשעת־מעשה. אַז מ'האָט זיי שוין געהאַט אַרויסגעפירט פונעם הויף אויף אַוועקצופירן, האָט זיך הירש אומגעקערט אין הויף אַריין און גענומען נישטערן ווי אַ משוגענער הונט און זוכן קרבנות. מיר האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין די באַראַקן, ער זאָל אונדז נישט זען. איך בין גראָד געווען אין דריטן באַראַק: אַהין טאַקע איז הירש פּלוצים אַריין מיט אַ געלאָדענעם רעוואָל־ווער און מיט אַ געשריי: „שטעהען בלייבן! איך שיסע!“

מיר האָבען נישט אָנגעהויבן צו וויסן, צו וועמען ער שרייט עס. נאָר באַלד האָב איך דערזען נישט ווייט פון מיר אַ ווילנער 16־17־יעריק מייד־דעלע, דוסיאַ, פונעם פערטן באַראַק, בלייך ווי די וואַנט, און איבער איר שטייט הירש, אַ צעיושעטער. איר חטא איז מסתמא געווען דאָס, וואָס זי האָט זיך די צעגאָסענע געשטרייפטע קליידער געמאַכט אַביסל קירצער.

דער רוצח האָט איר געהייסן זיך אויסטון אינגאַנצן נאַקעט. און אַז זי איז שוין פאַר אים געשטאַנען חוה־נאַקעט, און זי האָט אים פון בושה נישט געקענט קוקן גלייך אין די אויגן אַריין, האָט ער איר געהאַלטן אין איין האַקן מיטן רעוואָלווער אין דער גאָמבע אַריין: „קאַפּוּט האָד! קאַפּוּט האָד!“ — זי האָט אַפילו קיין קרעכץ נישט געטאָן, נישט געטאָרט טון.

ער האָט איר אַזוי לאַנג געהאַקט מיטן רעוואָלווער אין דער גאָמבע אַריין, ביז דאָס בלוט האָט זיך איר געלאָזט פון אַלע ציין. ערשט איצט האָט זיך אין דייטשן מוסטער־מענטש די יוכע איינגעשטילט אַביסל. ער האָט אויסגעשטרעקט אַ ריינעם, מאַניקירטן פינגער און צעשמירט דעם מיידלס בלוט איבער איר גאַנצן לייב. דאָס איז געווען זיין חתימה. דער־נאָך האָט ער אַראָפּגענומען פון דער וואַנט אַ יאַקל, זיך געמיטלעך אָפּ־געוווישט די הענט און עס מיט זיך מיטגענומען, אפשר כדי די סלידן צו פאַרמעקן, טאָמער ווי אַ זאַך מאַכט זיך.

דאָס יאַקל איז געווען מיינס, מיטן נומער 9295. כ'האָב זיך זייער געשראָקן, כ'זאָל נישט האָבן קיין צרות דערפון. ס'איז אָבער אָפּגעלאָפן גלאַטיק.

העפטלינג נומער 94771

מע שיקט צום טויט 200 פרויען

איינמאל האבן מיר נאך א נאכט ארבעט זיך ארומגעדרייט אין הויף באטאג און אריבערגעקוקט דורך די שפאלטן פונעם פארקאן צו די מענטשן אויף די פרײַ, וואס ווייסן נישט פון אונדזער שקלאפעריי און פון אונדזערע פלאגן. די אייגענע זון איז אויף אונדזער זייט געווען א פארכמארעטע און אויף דער זייט פון די דייטשן און פון די לעטן האט זי געװארעמט און געלאשטשעט. טאקע ווי אין געטא־לידל שטייט: פאר איינעם סקווערן און בולווארן, פאר אונדז אזא קווארטאל...

פארנאכט צו, ווי מיר קוקן אזוי דורך די שפאלטן און טראכטן זיך אונדזערע מחשבותן, דערזעען מיר פלוצים ווי אונדזער אויפזעערקע לויפט מיט א בוך אין דער האנט צום דירעקטאר, דערנאך — צוריק און דערנאך נאכאמאל צום דירעקטאר. אזויווי מיר האבן זיך תמיד געריכט נאר אויף צרות, האבן מיר פארשטאנען, אז דא איז עפעס נישט גלאטיק.

צו דער ארבעט איז נאך געווען צייט צו גיין. כ'האב אבער געבעטן די קאלאנען־פירערן, פרוי עלא וואפסי, זי זאל מיך מיטנעמען — און אזויארום בין איך אריין מיט א שעה פריער אין דער פאבריק אריין, ווען ס'האט נאך געארבעט די שיכט פון 2 ביז 10.

כ'בין צוגעגאנגען צו דער שיכט־פירערן, דארע שטיין, און איר דערציילט, אז דא קומט מסתמא עפעס פאר. מיר זענען תיכף צוגעגאנגען צום אנפירער פון אונדזער אפטייל, אן אונטער־אפיציר, וואס האט זיך גראד דעמאלט דארט ארומגעדרייט.

— „וואס טוט זיך דא?" — האבן מיר אים געפרעגט און מיר האבן זיך באלד געכאפט, אז מיך שפילן זיך דא מיט אונדזערע לעבנס, ווארן ווי קומען מיר צו פרעגן, וואס מע גרייט זיך צו טון מיט אונדז? אבער מיר זענען געווען זייער רעזיגנירט און מיר האבן אין אזוינע מאמענטן זיך נישט געשראקן פאר קיין אומגליק, וואס קען אונדז פערזענלעך טרעפן.

דער אונטער־אפיציר האט אונדז אויסגעהערט און אונדז צוגעזאגט, אז ער'ט טעלעפאנירן צום דירעקטאר. אין א וויל ארום האט ער אונדז געזאגט, אז די פאבריק מוז מארגן אוועקגעבן 200 פרויען אויף ארבעט ערגעץ אויף אן אנדער פלאץ. מיר האבן פארשטאנען, אז דער אנדערער פלאץ איז דארט, פונוואנען מע קומט שוין מער נישט צוריק, און ס'איז אונדז תיכף קלאר געווארן, פארוואס שוין עטלעכע טעג, אז מע זאגט־אפ פרויען פון דער ארבעט. האבן מיר אים געגעבן א רשימה פון די

אפגעזאגטע פרויען, אויף וויפל מיר האבן געדענקט די נעמען זייערע, און האבן אים געבעטן רחמים, ער זאל זען ראטעווען פון זיי וויפל נאר ס׳וועט אים מעגלעך זיין.

איך האב נישט געהאט קיין אייגענע און קיין באקאנטע צווישן די אפגעזאגטע פרויען, אויף וויפל מיר האבן געדענקט די נעמען זייערע, און דערנאך, אז מיין שיכט האט געארבעט, געבאקן עטלעכע קארטאפל און א טראפעלע אונטערגעדרימלט, האט קיינער נישט געוווסט, אז מארגן וועט געשען עפעס מוראדיקס.

דער אונטער־אפיציר האט אונדז צוגעזאגט, אז ער׳ט־טון אלץ וואס ער קען נאר און ראטעווען נישט נאר די, וואס אויף אונדזער רשימה, נאר וויפל סע וועט זיך אים נאר איינגעבן, אבי אונדז צופרידנשטעלן.

דאס פריילן שטיין איז אוועק מיט איר קאלאנע אהיים און איך בין געבליבן אין פאבריק מיט די פרויען און מיט א צווייטער קאלאנען־פירערן, גרעטא לעווען, א האלבע יידישקע פון דייטשלאנד. מיר האבן שוין געזען אין געדאנק וואס מארגן וועט זיך דא אפטון. אז מ׳האט מיך געפרעגט, פארוואס איך בין אזוי פאראומערט, האב איך מיך ארויסגעדרייט פון א קלארן ענטפער, נאר כ׳האב געזאגט, אז כ׳האב א פארגעפיל, אז מארגן וועט עפעס געשען. אבער די ווילנער פרויען, וואס זענען תמיד געווען גאנץ האפערדיקע, האבן מיך אויסגעלאכט: „פרוי זאלצמאן איז שוין ווי־דער פעסימיסטיש געשטימט״ — און זיי האבן ווייטער געבאקן זייערע קארטאפליעס.

די נאכט האט זיך אלץ אוועקגערוקט ווייטער, כאטש כ׳האב געוואלט, זי זאל זיך נישט ענדיקן... פלוצים איז געווארן אן אלארם. מ׳האט אונדז ארויסגעיאגט אין הויף אריין. כ׳האב געבעטן גאט, ער זאל באַ־ווייזן א נס, ער זאל אונדז צעשמעטערן, סע זאל פון אונדז קיין זכר ניט בלייבן, אבי די רוצחים זאלן נישט האבן קיין שליטה איבער אונדז. אין א שעה ארום האט מען אונדז ווידער ארייגעיאגט אין פאבריק אריין און אזוי איז אריבער די נאכט אין פחד און אין פיין. אבער 6 אזייגער, אז ס׳איז געווארן טאג, איז אונדז פינצטער געווארן אין די אויגן: קיינער איז נישט געקומען פארבייטן אונדזער שיכט.

די פרויען זענען תיכף צו מיר צוגעשטאנען, כ׳זאל זאגן, וואס איך ווייס. כ׳האב זיי דערציילט, אז כ׳האב נעכטן געזען די אויפזעערן לויפן צום דירעקטאר, מיט א רשימה אין דער האנט, אהין און צוריק און אז עפעס געפעלט מיר נישט דער עסק.

איצט האבן זיי שוין אויך פארשטאנען, פונוואנען מיין אומעט האט

זיך גענומען. אונטן, אין הויף, טוט זיך איצט מסתמא עפּעס און מ'עט אונדז אויך באַלד קומען נעמען. מיט וואָס זענען מיר דען בעסער פון יענע? מ'איז געשטאַנען שטומע און מ'האָט געוואַרט.

אין אַ האַלבער שעה אַרום דערהערן מיר פּלוצים, ווי אונדזערע פרויען גייען. מיר הערן דאָס באַקאַנטע קלאַפּן פון די הילצערנע שיך! אונדזער פרייד איז נישט צום באַשרייבן. איינער פון די ערשטע געדאַנקען איז געווען, צי גייען דאָ אויך אונדזערע קרובים און באַקענטע און מיר האָבן אינסטינקטיוו גענומען זוכן איטלעכע אירע אייגענע.

אָט גייט פרוי שיק (געבוירן מאַרקאָוויטש) מיט איר טאָכטער טאַמאַרא, וואָס פרוי ראָזנבערג האָט זי געראַטעוועט. אָט איז פרוי אַדלבערג מיט איר טאָכטער און די איבעריקע, וואָס מיר האָבן פאַר זיי איינגעלייגט אַ גוט וואָרט ביים אונטער־אַפּיציר. פון דער ווייטנס הער איך קולות: „פּעסיע, מיר לעבן!" — נאָר אַז זיי קומען־צו נעענטער, זאָגן זיי מיר, אַז וואָס אויפן הויף האָט פּאַסירט, קענען זיי מיר נישט דערציילן...

אָט גייט טאַקע צו צו מיר דער אונטער־אַפּיציר אַליין, אַ בלייכער, און ער פאַרזיכערט מיך, אַז ער האָט געטאָן אַלץ, וואָס ער האָט געקענט און אַז מיר מעגן איצט אַלע אַהיימגיין — ער'ט אונדז באַלייטן.

מיר האָבן זיך אויסגעשטעלט אין רייען און גענומען אַרויסמאַרשירן. פּלוצים דערהער איך אַ געשריי: „פרוי זאַלצמאַן! ראַטעוועט ציפּען!" — איך בין געוואָרן אַזוי צעטומלט, אַז כ'האָב אויפן מאָמענט פאַרגעסן, ווער ציפּע איז. כ'האָב אויך פאַרגעסן, אַז איך טאָר אויפן טראָטואַר נישט אַרויף, וו דער אונטער־אַפּיציר איז געגאַנגען, און כ'האָב אים גענומען נאָכלויפן און בעטן מיט טרערן אין די אויגן, אַז ער זאָל נאָך די איינע ציפּע ראַטעווען. אַז מיר זענען אַרויס אין הויף, האָב איך אים געוויזן, וועלכע ס'איז ציפּע: „אָט שטייט זי דאָרט און זי וויינט".

אַז איינע אַ מערדערן האָט געזען, אַז איך רעד מיטן אונטער־אַפּיציר, האָט זי געמיינט, אַז מיר האָבן עפּעס פּעזענלעכס צווישן זיך און זי האָט מיר געגעבן צו פאַרשטיין מיט שטום־לשון, אַז זי'ט מיך אויך באַלד אַריבערשיקן צו יענע דאָרטן־אַ. נאָר דער אונטער־אַפּיציר האָט איר געזאָגט, אַז מיך זאָל זי נישט טשעפּען. ער האָט אָבער געזען, אַז ציפּען וועט זי נישט אַרויסגעבן. וואָס'זשע האָט ער געטאָן? ער האָט זיך געמאַכט, אַז ער דאַרף נאָך האָבן צו דער אַרבעט אַ 5‑6 פרויען.

ער איז צוגעגאַנגען צו דער דייטשקע און זי אַ פרעג געגעבן:

— „דאַרף איך פאַן דיזעם האָופן נאָך יעמאַנדן צור אַרבייט נעהמען?" און אַז זי האָט אים דערלויבט צו נעמען, איז ער צוגעגאַנגען, גענומען

עטלעכע פרויען, מיט ציפּען אינאײנעם, וואָס איז געשטאַנען אַ צע־טומלטע און געהאַלטן אין איין ציטערן — און זי צוגעפירט צו מיר.
מ׳האָט אונדז גענומען רעגיסטרירן. אַז ס׳איז געקומען מיין ריי, האָב איך ציפּעס נאָמען, ציפּע יערוכימאָוויטש פון דווינסק, געלאָזט פאַר־שרייבן פריער פון מיינעם — און מ׳האָט אונדז אַריינגעטריבן אין די באַראַקן אַריין.
און די 200 פרויען, ווי איז אונדז, האָט מען אַוועקגעפירט אויף אויטאָס גלייך צום טויט אין מויל אַריין. איך זע נאָך פאַר זיך איצט די אויגן זייערע, וואָס קענען אַזש נישט וויינען פון צופיל פּיין, און ס׳האַרץ ווערט אין מיר צעריסן פון ווייטיק.
אין באַראַק זענען צו מיר די עטלעכע פרויען צוגעפאַלן מיט אַ געוויין און מיר געדאַנקט, וואָס כ׳האָב זיי געראַטעוועט. נאָר כ׳האָב זיי געזאָגט, און ציפּען אויך, אַז זיי זענען נאָר דערווייל געבליבן לעבן, — אי־דאָס דורך אַ בלויזן צופאַל און נישט דורך מיר. פאַרוואָס קומט מיר אַ דאַנק? כ׳וואָלט נאָר וועלן דערלעבן און אַלץ דערציילן אויף דער פריי און אין פריידן.
ביי דער אַרבעט האָבן מיר אַלע געדאַנקט, וואָס די שטיין און איך האָבן געראַטעוועט זייערע נאָענטע, נאָר מיר זענען געלעגן די 200 קרבנות אין זינען און קיין דאַנק איז מיר נישט געקראָכן אין קאָפּ אַריין.

מע שערט אונדז אָפּ די האָר

דעם 6־טן יולי 1944 אין דער פרי האָט מען אונדז נישט געלאָזט גיין צו דער אַרבעט, ווייל ס׳איז אַרויס אַ באַפעל, אַז אַלע פרויען מוזן זיך אָפּשערן די האָר. מ׳האָט אונדז טאַקע תיכף שיכטנווייז גענומען צום אָפּשערן. מ׳האָט אונדז געשוירן אַזוי ווי מע שערט סאָלדאַטן צום מיליטער און אָט־אַזוי, מיט די הוילע קעפּ, אַפילו אָן טיכלעך, האָט מען אונדז גע־שיקט צו דער אַרבעט. די לעטן זענען זיך געשטאַנען אויף די טראָטואַרן, אונדז נאָכגעקוקט און געלאַכט. מיר האָבן טאַקע אויסגעזען ווי די משוגעים נעבעך אין די משוגעים־הייזער, אָבער אַ מכה האָבן די לעטן גע־זען אַ טרער ביי אונדז. מיר האָבן זיך אַפילו נישט אומגעקוקט צו זיי.
וואָס ס׳איז אָבער פאָרגעקומען אין באַראַק, צווישן זיך אַליין, דאָס איז עפּעס אַנדערש... אָבער אַפילו דאָ האָט מען זיך נישט אינגאַנצן אָפּגעלאָזט. די יונגע מיידלעך (צירעלע ליפּאָווסקאַ, פּירא פּאָפּערנאַ, וואָפּ־ניק, ראָזע פּאָפּערנאַ און נאָך) האָבן גענומען דינינקן טעלעפאָן־דראָט פון

פארשיידענע קאלירן, זיך געמאכט לעקעלעך אויפן קאפּ און געוויזן די לעטן, אז ס'ארט זיי ניבעטע גארנישט... ביז דער מייסטער האט געהייסן, מע זאל עס אויפהערן: ער קען עס נישט זען. איבעריקנס קען ער נישט פארשטיין, ווי מיר קענען נאך מאכן שפאס צו די צרות.

אז מ'האט א קוק געגעבן אויף די אפגעגאלטע קעפ, איז דער ערשטער איינדרוק געווען: יינגלעך. פון די בלערליי פרויען־קעפּ איז געווארן איין מאנאטאנע מאסע פון יינגלישע קעפלעך. מיר האבן איינע די אנדערע נישט דערקענט, אפילו נישט די אייגענע — אלץ צוליב דעם, ווייל די האר האבן געפעלט. איך פלעג אמאל צוגיין צו א באקענטער און איר א גלעט טון איבערן קעפל: „יינגעלע, וואס טוסטו?"...

מיר זענען שפעטער געוואר געווארן, אז די האר גייען פאר מילטער־צוועקן.

דא אין באראק זענען מיר געשלאפן אויף די טישן און אויפן הוילן דיל, ווייל אין די נארעס האט מען זיך ממש געבאדן אין וואנצן.

די פריילעכע משפחה

דעמאלט האבן מיר באקומען קאלדריטשקעס, זיך צוצודעקן. איט־לעכע — א קאלדרע. די דריי שוועסטער מוניץ און די עלנטע דארע רייזן, וואס זיי האבן נאך אין 1942 צוגענומען פאר א שוועסטער, האבן לויטן חשבון באקומען פיר קאלדרעס. אבער איינע פון זיי, פרידע, האט אזוי לאנג געמאכט פון די קאלדרעס שטוב־שיכלעך, וואס זי פלעגט אריינ־שמוגלען אין פאבריק אריין און פארקויפן פאר ברויט, ביז זיי זענען אלע פיר געבליבן ביי איין איינציק שטיקל קאלדרע. דאס איינע שטיקל קאל־דרע האט „געווארעמט" אלע פיר, ווייל זיי זענען געשלאפן אינאייגעם, איינגעטוליעטע איינע אין דער אנדערער און אלע אויף דער אייגענער זייט. און אז מיר פלעגן אינמיטן דער נאכט דערהערן פון זייער ווינקל א קאַ־מאנדעווע: „נא ליע־ווא!", אדער „נא פּרא־ווא!", האבן מיר שוין פאר־שטאנען, אז מסתמא וויל זיך איינע פון זיי איבערדרייען אויף א צווייטער זייט...

א „גרוס" פון שטראסנהאף

דעמאלט זענען די רוסן געקומען אלץ נעענטער צו ריגע. דווינסק איז שוין לאנג געווען אין זייערע הענט. כמעט איטלעכע נאכט זענען געווען אטאקעס אויף ריגע. מיר האבן וווּיל געוווסט, אז ווען די דייטשן

גיבן־אויף אַ שטאָט, בלייבט דאָרט קיין ייד נישט קיין לעבעדיקער און מיר האָבן זיך גענומען שרעקן, אַז מיט אונדז זאָל מען אויך נישט אַזוינס אָפּטון. מיר האָבן זיך דערוווּסט, אַז אין יענעם טאָג, ווען די רוסן האָבן גענומען מיטאַו, 40 קילאָמעטער פון ריגע, האָבן די רוצחים אויסגעקוי־לעט אַלע יידן פון שטראַסנהאָף. דאָרט האָט זיך, אַגב, אויך געפונען מיין ברודער אהרן. נאָר מיר האָבן אָבער מיינע באַקענטע געוואָלט איינרעדן, אַז אַפּריער איז דאָרטן געווען אַ „סאָרטירונג", און אַז מיין ברודער, אַ זייגערמאַכער, האָט מען נישט געטשעפּעט... די קראַנקע האָט מען פאַר־גאַזט און פאַרברענט און אין אַלע קאַסערנירונגען סאָרטירט מען איצט: די, וואָס מע דאַרף זיי נאָך צו דער אַרבעט — באַזונדער, און די: וואָס מע קען זיין שוין מער נישט נוצן באַזונדער: מי לחיים ומי למות . . .

מיר זענען אַרומגעגאַנגען ווי אונטער דער ערד. וואָרן כל־זמן מע דאַרף נאָך האָבן די קאַבלען מיט די באַטעריעס, וואָס מיר פּראָדוצירן, פאַרן פראָנט, האַלט מען אונדז נאָך. אָבער אַז דער פראָנט ווערט אויס פראָנט, הייסט צו וואָס דאַרפן זיי אונדז? טייל פרויען האָבן געפּלאָנע־וועט אַנטלויפן, נאָר וואוהין? וועלכער לעט וועט עס אויסבאַהאַלטן אַ יידן? זיי האָבן געוואָלט, מע זאָל אונדז אַלע וואָס גיכער אָפּראַמען, כדי סע זאָלן נישט בלייבן קיין עדות פון די „מעשים טובים", וואָס זיי האָבן מיט אונדז יידן געטאָן.

דער אונטער־אָפיציר האָט אונדז פאַרזיכערט, אַז מיר האָבן זיך נישט וואָס צו שרעקן. קען זיין, אַז מע וועט אונדז אינגיכן שיקן קיין דייטש־לאַנד אַרבעטן, ווייל די מלחמה האָט זיך דערווייל נאָכנישט געענדיקט. פון זיינע רייד איז אונדז נישט געוואָרן פרייליכער אויפן האַרצן, וואָרן אויב קיין דייטשלאַנד, וועט מען דאָך נאָר נעמען די געזונטע — און אַזוינע זענען שוין געווען צווישן אונדז גאָר ווייניק.

די רוסן האָבן דערווייל פאַרנומען עסטלאַנד. די עסטישע באַפעלקע־רונג האָט גענומען לויפן ווי די פאַרסמטע מייז. די וואָס האָבן מורא געהאַט, אַז מ'עט ביי זיי מאַנען אַ דין־וחשבון, די פאָלקס־דייטשן, די וואָס האָבן געשטימט פאַר היטלערן — זיי זענען איצט אַלע געלאָפן באַלאָדן מיט בעבעכעס און מיט די קינדער אויף די הענט, אַקוראַט ווי מיר יידן זענען געלאָפן תחילת מלחמה. זיי פילן איצט דעם אייגענעם טעם, וואָס מיר — אַזוי האָבן מיר זיך געטראַכט, קוקנדיק אויף די „אומשולדיקע לעמעלעך", ווי זיי לויפן אין איין פּחד. דורך די שפּאַלטן פונעם פּלויט האָבן מיר זיך איינגעגעסן אין זיי מיט די אויגן און ס'האַרץ אין אונדז האָט זיך געפרייט, וואָס מיר האָבן אַזוינס דערלעבט, כאָטש אונדזער אייגן לעבן איז געהאַנגען אויף אַ האָר.

די א. ע. ג.־פאבריק איז געלעגן אויפן סאמע שליאך, וואס פירט קיין ריגע. די שטימונג אין דער פאבריק איז שוין געווען אן אנגעשטרענגטע. די וואס האבן מורא געהאט פאר די באלשעוויקעס, זענען געלאפן קיין דייטשלאנד. מ'האט זיך שוין שוין געשושקעט, אז באלד ווערן מיר באפרייט, די „רוסן" קומען. מיר האבן זיך אבער געשראקן פאר דעם, וואס סע קען נאך געשען מיט אונדז אין לעצטן מאמענט.

די באמבירערס זענען געקומען אלע אפטער, נאר אונדז האבן זיי נישט געשאט. אונדז האט די דייטשע פוליע גיכער גענומען... בשעת אן אלארעם האבן מיר נישט געטארט בלייבן אין דער פאבריק, נאר מע פלעגט אונדז ווי די הינט ארויסיאגן אין הויף אריין, אדער מע פלעגט אונדז אליין לאזן גיין אין אונדזערע באראקן, אן באלייטערס. די לעטישע פאליציי האט אונדז נישט געוואלט באלייטן און זיך איינשטעלן ס'לעבן. זענען מיר אליין געגאנגען אינמיטן וועג, נישט געאיילט זיך, ווארן אויב נישט היינט, איז מארגן... מאדנע געפילן האבן אונדז באהערשט, בשעת מיר זענען אזוי געשטאנען אין די פינצטערע גאסן, ניבעטע אן היטערס, נאר סיי־ווי מיטן טויט פאר די אויגן. ס'איז אונדז קיינם נישט איינגעפאלן, אז איצט־א קענען מיר דאך אנטלויפן און זיך ראטעווען. נאר ווידעראמאל דאס אייגענע: וועלכער לעט וועט אונדז דען ארייננלאזן?

אפט פלעגט זיך טרעפן, אז נאכדעם ווי מיר האבן דערגרייכט די באראקן, האבן די שיסערייען אויפגעהערט און מיר האבן געמוזט תיכף צוריקגיין אין דער פאבריק אריין, ענדיקן די נאכט ארבעט. אזוי האבן מיר אפט עטלעכע מאל אין איין נאכט געדארפט לויפן אהין און צוריק. מיר האבן ווייל געוווסט אז ס'וועט באלד נעמען א סוף דערצו, נאר וואס דער־א סוף וועט אונדז, שקלאפן־ארבעטער, ברענגען — דאס האבן מיר נישט געוווסט.

מע פירט אונדז קיין דייטשלאנד

דעם 25־טן סעפטעמבער 1944 איז ארויס א באפעל, אז מיר זאלן זיך תיכף גרייטן אין וועג אריין, קיין דייטשלאנד. דער אונטער־אפיציר האט אונדז פארזיכערט, אז מיר פארן טאקע אין א פאבריק אריין. ער האט זיך אפילו געמאכט א רשימה פון זיינע ארבעטער. מ'האט מיך ווידעראמאל גענומען מאטערן, כ'זאל זען צושרייבן די און יענע און וואס מערער — און דער אפיציר האט אונדז צוליב געטאן.

מ׳האָט אונדז אויסגעשטעלט אין רייען און מיר האָבן געוואַרט אויפֿן באַפֿעל, זיך צו לאָזן גיין צום פּאַרט. דעמאָלט זענען די רוסן געווען נישט מער ווי 8 קילאָמעטער פֿון ריגע. ביים טויער פֿון אונדזער באַראַקן האָט מען פֿאַר אונדזערע אויגן געכאַפּט אַן איבערגעטאָנענעם רוס אויף אַ מאָטאָרציקל, אַן אויסשפּירער. וואָס׳זשע קומט אונדז אַרויס פֿון דעם אַלעמען? — האָבן מיר זיך געטראַכט — די פֿרייהייט איז נישט פֿאַר אונדז. מיר זענען געווען אַזוי צעמישט פֿון די געשעענישן, וואָס אַרום אונדז און אַזוי פֿאַרביטערט, אַז מיר האָבן אַפֿילו נישט געזען די שיף, וואָס האָט אויף אונדז געוואַרט אין פּאַרט. מיר האָבן נאָר געזען, ווי די מענטשן לויפֿן ווי די משוגעים און מיר האָבן נאָר געוווסט, אַז די רוסן קומען באַפֿרייען ריגע, אָבער נישט אונדז. אפשר גייען מיר גאָר איצט דעם לעצטן וועג.

מ׳האָט געגעבן אַ צייכן. מיר האָבן אָנגעהויבן צו שפּאַנען. געווען צוויי וועגן צו גיין: איינער צום פּאַרט און אַ צווייטער צום קאַצעט קייזערוואַלד. האָבן מיר זיך איצט אַזוי געטראַכט: אויב מע וועט אונדז אַרויפֿפֿירן אויפֿן וועג צום קאַצעט — מעגן מיר זיך שוין באַלד געזעגענען מיטן לעבן. נאָר אויב מיר וועלן אַרויף אויפֿן וועג וואָס פֿירט דערנאָך צום פּאַרט, איז אפשר ניט אַזוי שלעכט — כאָטש ווער ווייסט? אפשר וויל מען אונדז אַריינפֿירן אין ים אַריין און אונדז דאָרט דערטרינקען? ווי מיר האָבן זיך נישט געדרייט, זענען מיר אַלץ אַרויס אויפֿן טויט. מיר זענען געגאַנגען צו פֿינף אין אַ ריי און אַז מיר האָבן זיך דערנענטערט צום פּרשת־דרכים, וווּ די וועגן פֿאַרנעמען זיך איינער צום קאַצעט און אַ צווייטער צום פּאַרט, האָבן מיר ממש געפֿילט, ווי די הערצער פּלאַצן אין אונדז פֿון אויפֿרעגונג. דער סוף איז געווען, אַז מיר האָבן זיך פֿאַרקירעוועט צום פּאַרט.

מיר זענען פֿאַרבייגעגאַנגען די טערמין־טורמע. דאָ איז אַלץ געווען פּוסט, מ׳האָט שוין אַלעמען אַרויסגעפֿירט פֿון דאָנען. וואָס׳זשע צאַצקעט מען זיך מיט אונדז? — האָבן מיר זיך געחידושט.

מיר האָבן פֿון דער ווייטנס דערזען דעם ריגער פּאַרט און אַ ים מיט מענטשן אין געשטרייפֿטע קליידער. דאָס האַרץ האָט אין מיר אָנגעהויבן צו זעצן ווי מיט האַמערס: אוי, אפשר וועל איך דאָ באַלד אָפּזוכן מיין ברודער אהרן? (כ׳האָב נאָך דעמאָלט נישט געוווסט פֿון מיין אומגליק, אַז פּונקט דעמאָלט, ווען איך האָב געראַטעוועט ציפּע יערוכימאָוויטש, איז נישט געווען ווער ס׳זאָל בעטן פֿאַר מיין ברודער — און די דייטשן האָבן אים אומגעבראַכט).

כ׳האב געזוכט עפעס אן אייגן פנים, נאר אומזיסט. די פנימער, אי אונדזערע, אי זייערע, זענען געווען פארחושכטע. מ׳האט געקוקט איינע אויף די אנדערע און זיך שטומערהייט געפרעגט: וואהין פירט מען אונדז?

מ׳האט אונדז אריינגעיאגט אין א שיף. אונדז פרויען — גאנץ אונטן, וווּ דער זאמד איז געלעגן. מיר זענען געווען סכנות פארביטערט.

ווי די שיף האט נאר גענומען רירן פון ארט, האט זיך אנגעהויבן א געשיסעריי פון רוסישע עראפלאנען, גאר נאענט פון אונדז. ס׳איז שוין ביי אונדז קיין ספק נישט געווען, אז מע וועט אונדז באלד דערטרינקען.

די לופט איז געווען א שטיקנדיקע. מיר זענען געווען הונגעריק און דארשטיק, נאר געגעבן האט מען אונדז גארנישט אחוץ ים־וואסער. דאס וואסער איז געווען אזוי געזאלצן, אז מיר האבן געמוזט האלטן אין איין טרינקען.

דערווייל האט מיר א פרוי דערציילט, אז אויבן אין א ווינקל זיצט א פרוי, וואס איז געווען אין דער אייגענער קאסערנירונג, ווו מיין ברודער, און זי זאגט, אז ער לעבט. כ׳האב גענומען קלעטערן ווי א חיה, אבי צוקומען צו יענער פרוי, וואס ברענגט מיר אזא טייערן גרוס. ס׳איז געווען א דייטש־יידישע פרוי. זי האט מיר, אמת, זייער אסך דערציילט וועגן מיין ברודער און זי האט מיר פארזיכערט, אז ער מוז נאך ערגעץ לעבן; כ׳האב זיך עס אבער נישט געקענט גלייבן. ווייל אויב ער וואלט געלעבט, וואלט ער דאך געווען דא אויף דער שיף. מ׳האט דאך אהער צונויפגעקליבן אלע רעשטלעך פון די ארבעטס־ערטער.

ים־קרענק און אומזיסטע שרעק

אז כ׳האב גענומען צוריק אראפקלעטערן, האט מיר פלוצים גענומען שווינדלען פאר די אויגן און ס׳איז מיר אנגעקומען צו ברעכן. כ׳האב זיך מיט גרויס מי דערשלעפט אראפ אונטן, און כ׳האב זיך אוועקגעווארפן אויפן קויטיקן זאמד. דא איז מיר אבער געווען זייער היימיש, ווייל די אייגענע איבלעניש האט ארומגעכאפט אלעמען, אלעמען. מ׳האט פון זיך אזוי לאנג געבראכן די גרינע גאל, ביז מ׳האט פשוט אנגעהויבן בעטן אויף זיך דעם טויט — אזוי שלאף האט מען זיך געפילט.

נאר דא האט פלוצים פון ערגעץ א לאך אנגעהויבן צו שטראמען וואסער — און ס׳איז געווארן א מוראדיקע פאניק און מ׳האט אלע אין איין קול גענומען שרייען: „מע דערטרינקט אונדז!" — מיר איז געווען אזוי

אלץ איינס, אז כ'האב אפילו נישט א דריי געטאן דעם קאפ אהין, ווו דאס וואסער האט ארייגעשטראמט. נאר גיך ווי עטלעכע מאטראסן האבן דערהערט אונדזערע געשרייען און זיי זענען אראפ און פארשטאפט די עפענונג — האבן די קולות תיכף אויפגעהערט. דאס איז פונקט געווען ערב יום־כיפור. ס'איז ביי אונדז געבליבן נישט צו פאסטן, אביסל פון כעס אויפן רבונו־של־עולם, אבער פון אזא ברעכעניש האט קיינער נישט געקענט נעמען אפילו אביסל וואסער — געזאלצנס — אין מויל אריין, און עפעס אנדערש איז סיי־ווי נישט געווען. זענען מיר א גאנצן טאג געלעגן פארחלשטע און געקרעכצט, און סיי־ווי געפאסט...

אויף מארגן נאך יום־כיפור זענען מיר אביסל צו זיך געקומען. כ'האב זיך אנגענומען מיט מוט און כ'האב ארויפגעקלעטערט אויבן נאך א ביסל פרישער לופט. אינמיטן קריכן איז מיר נישט־גוט געווארן און כ'האב זיך אפגעשטעלט כאפן דעם אטעם. איז אבער אויף מיין מזל פארבייגעגאנגען אן אלטער ס.ס.־מאן און ער האט מיך דערזען, ווי איך וויל זיך ארויפגנבענען און וויל ביי אים צונעמען „זיין" פרישע לופט האט ער מיך אנגעכאפט ביים האלדז און מיך גענומען שלעפן ארויף־ארויף, אבער מיט אזוינע קולות און מיט אזא מין כעס, אז כ'האב געקענט שווערן, אז ער'ט מיך באלד ארייגווארפן אין וואסער אריין.

ער האט אפגעווילדעוועט זיינס און מיך צו־רו געלאזט. דא, אויפן דעק, איז די לופט געווען א מחיה. א בחור האט מיר דערלאנגט אין א קאנסערוון־פושקע א ביסל וואסער, אבער נישט קיין געזאלצנס, און ער האט מיך פשוט דערקוויקט. דער ס.ס.־מאן האט דערווייל ארויפגעשלעפט נאך עטלעכע אזוינע אויסגעמאטערטע ווי איך, וואס זענען מיר מסתמא נאכגעגאנגען. נאר אז ער האט דערזען, אז ס'איז מיר שוין א ביסל בעסער, האט ער מיך מיט די אייגענע ווילדע קולות גענומען צוריק אראפ־טרייבן.

נאך פינף אזוינע טעג זענען מיר אנגעקומען קיין דאנציג. מ'האט אונדז ארויסגעיאגט פון דער שיף און מ'האט אונדז אויסגעשטעלט אין רייען און געהייסן זיין גרייט אין וועג אריין. כ'האב פלוצים דערזען אין די רייען די צוויי קוזינעס מיינע, אלא און ריוואטשקא העלערמאן. מיר האבן זיך שוין פיר יאר נישט געהאט געזען און מיר האבן זיך געהאט געענוג צרות אנצודערציילן. זיי האבן די גאנצע צייט געארבעט אין לענ־טא. ס'האט זיי כסדר פארדראסן, פארוואס איך בין אויך נישטא דארט מיט זיי. „אפשר איז אונדז שוין פון איצט אן באשערט צו זיין אינ־איינעם" — האבן מיר זיך געטרייסט.

מ'האט אונדז אוועקגעפירט אין באוווסטן פארניכטונגס־לאגער שטוט־האף. האלב־טויטע האבן מיר זיך אהין דערשלעפט.

שטוטהאף

אז מ'האט פאר אונדז געעפנט די גרויסע טויערן פונעם שטוטהאפער לאגער און מיר זענען אריין אהין, איז אויף אונדז אנגעפאלן א פחד — דער ריח פון פארברענטע קרבנות איז אונדז אקעגנגעקומען און אונדז ארומ־גענומען ווי אייגענע...

מיר האבן זיך געמוזט אפשטעלן ווארטן, די נייע באלעבאטים אונ־דזערע זאלן אונדז „מקבל פנים זיין". אזוי, ווארטנדיק, האבן מיר דער־ווייל שוין תיכף געהאט א געלעגנהייט צו זען, מיט וואס דער שטוטהא־פער לאגער שמעקט. טאמער האט זיך א שקלאף געבעטן, מע זאל אים אריינלאזן אין באראק אריין נאך א ביסל וואסער, האבן אויף אים גע־נומען פאלן קלעפ פון אלע זייטן, ביז ער איז אוועקגעפאלן אויפן זאמד א פארבלוטיקטער. מיר האבן זיך צוגעקוקט פארקלעמטע און זיך גע־טראכט: וויי איז אונדז וואהין מיר זענען עס אנגעקומען.

מ'האט אונדז געהייסן זיך אויסטאן און מ'האט אונדז גענומען באזוכן, צי מיר האבן נישט ביי זיך קיין ווערטפולע זאכן. כ'האב ביי זיך געהאט א זילבערן מגן־דודל, וואס מיין ברודער האט מיר געהאט געמאכט און צוגעשיקט אין פאבריק אריין. געווען איז דערויף אויסגעקריצט: קא־צעט קייזערוואלד־ריגע 1943-44, און אונדזערע ביידע מאנאגראמען. כ'פלעג עס טראגן אויף א שטריקל, ווי אן אבן־טוב. איצט האט עס ביי מיר א דייטשקע אראפגעריסן פונעם האלדז מיט אזא מין כעס, אז זי האט מיר שיר־נישט איינגעשניטן דעם האלדז.

דער באראק נומער 17־א איז געווען גרויס ווי א מדבר און זייער פאר־לייזיקט און מיר זענען דארט געלעגן צו 4 אויף א שמאלער נארע. צו די אלע צרות האט מען זיך נאר געקענט אוועקלייגן אבער אויסציען זיך — דאס נישט.

ווי מיר ליגן אזוי, קומט אריין צו אונדז א רוסיש גאסן־מיידל, שורא האט זי געהייסן, און זי נעמט אונדז דערציילן, פארא „גוטער" לאגער דא איז. זי איז טאקע געווען אונדזער אויפזעערן און זי האט אונדז אין איין כהרף־עין געמאכט מיט דער בלאטע:

„דא איז אייך נישט לעטלאנד — האט זי געשיפעט — דא וועט מען אייך אלע איינציקווייז פארברענען, איר הערט? גיט א קוק פון דער ווייטנס אויף די פלאמען פונעם אויוון — ער מאנט איטלעכן טאג זיינע

קרבנות. אפילו זונטיק קילט ער זיך אויך נישט אפ... פיר אזייגער מוזן אלע זיין אויפן אפעל און היט זיך די ביינער — אנישט וועט איר אריין אין אויוון א סך פריער, ווי איר רעכנט אליין...״

דערנאך האט זי א בורטשע געטאן: „רוסלאנד איז שטארק. סטא־לין איז שטארק. ער וועט געווינען...״

פון אירע רייד איז אונדז געווארן זייער קאלעמוטנע אויפן הארצן. מיר זענען אינגאנצן אנטשטומט געווארן פון פחד און זיך אין געדאנק געזעגנט איטלעכע מיטן לעבן.

דער ערשטער אפעל אין שטוטהאף

צומארגנס איז אויף אונדזער מזל געווען רעגנדיק און קאלט. מ׳האט אונדז אין איינע קליידלעך ארויסגעטריבן אין נאסן הויף אריין, אזויווי די הינט. דאס איז געווען דעם ערשטן אקטאבער 1944. די ביינער האבן אונדז געבראכן פון דער „ליכטיקער״ נסיעה און פונעם „ווארעמען״ גע־לעגער און ס׳האט אונדז געשווידערט פון דער נעץ און פון דער קעלט. מיר האבן זיך געטוליעט איינע צו די אנדערע און מיר האבן שוין תיכף דערזען, אז פון אזא גיהנום וועלן מיר קיין לעבעדיקע נישט ארויס.

ביז 6 אזייגער זענען מיר סתם אזוי געשטאנען און זיך אנגעפרוירן, געלייזט קלעפ און זיך א ביסל באקענט מיט דער „נאטור״ ארום. נישט ווייט פון אונדז האט געפלאקערט דער רויטער קרעמאטאריע־פייער און א ווינטל האט אונדז אלעמאל אונטערגעטראגן דעם ריח פון פארברענט מענטשן־פלייש.

זעקס אזייגער זענען אנגעקומען אויפזעערס אין שווארצע, ברייטע מאנטלען און מיט קאפּושאנען אויף די קעפּ, אז דער רעגן זאל זיי חלילה נישט באנעצן, און גענומען אראפרייסן פון אונדז ווו נאר א פאר גאנצע שיך. אונדז האט מען דערפאר געגעבן הילצערנע טשעבאטעס.

אט־די אויפזעערקעס האבן מיר דערנאך א נאמען געגעבן „שווארצע ווראנעס״. טאמער האבן זיי ביי עמיצן דערזען א פולאווער אדער סיי־וועלכן גאנצן מלבוש — האבן זיי עס אראפגעריסן און נאך מכבד געווען מיט עטלעכע גוטע קלעפּ, פארוואס מ׳האט באהאלטן.

אזוי איז אריבער דער ערשטער אפעל אין שטוטהאף.

עסן האט מען אונדז געטיילט פון א הילצערנער קארעטע, ווי פאר חזירים. אהער, אין הילצערנעם קאסטן אריין, פלעגט מען ארייגגיסן אונ־דזער עסן און מע פלעגט עס צורעקן. מ׳האט אריינגעוואסן אלץ אינאיי־

נעם, דער־עיקר בלעטער מיט וואסער. ס'איז געווען א פארעווער קאסטן — אזוי פלעגן מיר זיך וויצלען — ווייל קיין פלייש איז אהין קיינמאל נישט אריינגעקומען.

מיר זענען אריין אין די באראקן, אין די שיד הייסט־עס. אבער אין עטלעכע שעה ארום — ווידער א קלונג און מע יאגט אונדז ווידער ארויס אינדרויסן אין דער נעץ און אין דער קעלט און מיר שטייען דארט ווי־דער אפ עטלעכע שעה, ביז מ'האט אונדז דערלאנגט מיטאג טאקע פון דער אייגענער קארעטע. פון וועלכער מ'האט אונדז אינדערפרי געטיילט „קאווע". דער מיטאג איז באשטאנען פון וואסער מיט נישט־קיין־גע־וואשענע בלעטער פון קרויט און פון קראפעווע. נאר מיר האבן די „זופ" געגעבן אז עס־אויף מיט אזא אפעטיט, אקוראט ווי דערין זאל ליגן אונ־דזער גאנצע ישועה. נאך אט־דעם „מיטאג" האט מען אונדז ווידער ארויסגעטריבן אין הויף אריין און מ'האט אונדז געמאטערט ביז פאר־נאכט, ביז וועטשערע — א שטיקל ברויט מיט א ביסל קויטיק קאווע־וואסער — און מ'האט אונדז אפגעלאזט שלאפן. אזוי איז אוועק דער ערשטער טאג אין שטוטהאף. נאר אלע איבעריקע טעג זענען מיט גאר־נישט נישט געווען אנדערש ווי דער ערשטער.

מע פלעגט אונדז אויסשטעלן און הייסן לויפן, און די מערדער פלעגן בשעת־מעשה זיך צוקוקן. און טאמער איז עמיצער נישט אזוי גוט גע־לאפן אדער טאמער איז ער געפאלן, האט מען אים תיכף אוועקגענומען אין א זייט. מיר האבן וויל געוווסט, וואס דאס באטייט — דער טאג האט זיך אוועקגערוקט און דער אויוון האט געמאנט זיינס...

א גזלן האט מיר איינמאל געהייסן לויפן האב איך זיך פאנאנדער־געיאגט מיט אזא אימפעט, אז כ'האב זיך אליין נישט געגלייבט, אז איך קען גאר אזוי לויפן. נאר דער ווילן צום לעבן קען דאך אויפטון וווּנדער. וועך וויל עס דען, אז די פלאמען זאלן אים געבן א כאפ און סע זאל פון אים איינס און צוויי ווערן א ביסל אש? איז מען געלאפן, נאר נישט מיט די אייגענע כוחות...

אין „וואשרוים" האט מען נישט געטארט גיין ווען מ'האט געוואלט. נאר מ'האט נאר געמעגט גיין ביינאכט. ביינאכט ווידער האט מען זיך אויך געשראקן גיין, ווייל לעבן „וואשרום" איז געשלאפן די עלטסטע פונעם צימער און ס'איז געווען אך און ווי, טאמער מ'האט זי אויפגע־וועקט. באטש־אזוי פלעג איך זיך בארוועסערהייט אריינגנבענען ביינאכט אין וואש־צימער און זיך א קאפעלע אפוואשן די הענט און ס'פנים און צוריקלויפן אין איין שרעק. ס'איז סיי־ווי נישט געווען קיין שלאף, ווייל ס'איז פשוט נישט געווען ווו צו ליגן.

פעסיע זאלצמאן

דער אונטער־אָפיציר פון דער א.ע.ג. קומט אונדז ראַטעווען

אין איינעם אַ פרימאָרגן רופט מען אַרויס אונדזער ריגער טראַנס־פּאָרט — „אַנטרעטען".

מיר האָבן זיך אויסגעשטעלט און פּלוצים דערזען פון דער ווייטנס אונדזער באַקאַנטן אונטער־אָפיציר. אַוודאי האָבן מיר זיך זייער דער־פרייט. באַלד טאַקע האָט מען אונדז געלאָזט וויסן, אַז מיר ווערן טראַנס־פּאָרטירט קיין טאָרון, אַרבעטן אין אַ פאַבריק. אָבער בלויז די קאַבל־אַרבעטער. דאָס איז געווען אַ חשבון פון אַ 350 פרויען. די איבעריקע האָט מען דערווייל געלאָזט דאָ.

איצט איז אונדז געוואָרן אַ ביסל גרינגער, ווייל מיר האָבן געהאָפט, אַז נאָך אַ טאָג און נאָך אַ טאָג וועט מען אונדז סוף־כּל־סוף אַרויסנעמען פונדאַנעט. מערניט אונדזער פרייד איז פאַרשטערט געוואָרן צוליב די פרויען, וואָס זענען נעבעך נישט אַריין אין חשבון.

אין אַ קאַלטן אָקטאָבער־טאָג האָט מען פון אונדזערע רייען אַרויס־גענומען צען פרויען אויף אַרבעט. איך בין געווען איינע פון די צען. מ'האָט אונדז אין איינע קליידלעך אַוועקגעפירט אין אַן אויטאָ ערגעץ צו אַ פאַרט אויסלאָדעווען זעק מיט זאָמען.

מיר האָבן דאָ געטראָפן אַרבעטן ענגלישע געפאַנגענע — האָבן זיי אונדז מכבד געווען מיט אַ ברויט און מיט נאָך קלייניקייטן. צווישן די קלייניקייטן איז אויך געווען אַ קעסטעלע מיט ראָזשינקעס. אַז מיר האָבן זיך צעטיילט דערמיט, איז אויף יעדנס חלק אויסגעקומען 20 ראָזשינקעס. איך האָב מיר אַליין מער ווי איין ראָזשינקע נישט פאַרגונען — די אי־בעריקע האָב איך באַהאַלטן אויף נאָך דער אַרבעט, פאַר די אויסגעמאַ־טערטע אין לאַגער.

די תבואה איז געווען אין 100־קילע־זעק. אָט־די זעק האָבן מיר אי־בער אַ בריקל — אַ שמאָל ברעט איבערן וואַסער — אַרויפגעטראָגן אויפן ברעג און פאַרלאָדעוועט אויף אויטאָס.

אַז איך פלעג מיט נאָך איינער זוויגען אַ זאַק איבער אָט־דעם ברעטל, האָב איך נישט־איינמאָל געפילט, אַז אָט־אָט ברעכט זיך דאָס בריקל אונ־טער אונדז און מיר ווערן ביידע דערטרונקען. דערצו האָט אונדז דער ים־ווינט אַזוי „צוגעשפילט", אַז ס'איז אונדז געווען אי קאַלט און אי היים...

נאָך אַ טאָג אַרבעט האָט אונדז אַ קליינבאַן צוריקגעבראַכט אין לאַגער אַריין.

קיינער איז איצט נישט געווען מיין גלייכן, אז כ'האב געקענט מיינע באַקענטע פרויען אריינלייגן איטלעכער א ראַזשינקע אין מויל אריין און א שטיקל ברויט. מ'האט די ראַזשינקע געהאַלטן אין מויל און זיך נישט פארגונען צו צעקייען און אראָפּצושלינגען.

6 טעג האבן מיר אזוי געאַרבעט און איטלעכן טאג האט זיך מיר איינגעגעבן עפּעס אריינצושמוגלען אין לאגער אריין און צעטיילן צווישן באַקענטע: א ברויט, א קעפּל קרויט וכדומה. דערנאך האט אונדז דער אונטער־אַפיציר געזאָגט, אז אין עטלעכע טעג ארום פאָרן מיר אוועק. נו, האב איך געבעטן, מע זאל מיך באפרייען פון דער ארבעט, ווייל איך בין פארשריבן אוועקצופאָרן ארבעטן אין א פאבריק אריין.

פאר אזא בקשה האב איך באַקומען א זעץ איבערן קאָפּ: כ'בין אבער באַטש־זוי געבליבן און כ'האב שוין געלעבט מיטן דערקוויקנדיקן געדאַנק, אז אַט־אַט פארלאַזן מיר דעם פארשאָלטענעם לאגער.

איך דריי זיך ארויס פון א סכנה

אין א שיינעם טאג האט מען אונדז געפירט אין באַד אריין. אז מיר האבן זיך צעשיידט מיטן לאגער, האבן אסך פון אונדז זיך געזעגנט מיטן לעבן. מ'האט אונדז אויסגעטאָן נאַקעט און דער דאָקטער האט זיך געטשעפּעט און געזוכט א תירוץ, ער זאל נישט דאַרפן לאָזן פאָרן.

אז ס'איז געקומען מיין ריי און איך בין געשטאַנען פארן דאָקטער א נאַקעטע, אן אויסגעדאַרטע און מיט געשוואָלענע פיס, האב איך דער־פילט, אז איך מוז עפּעס טון, ווייל אז נישט, בלייב איך דאָ. אין דער רגע, אבער, ווען ער האט מיך געדאַרפט באַקוקן, איז אריין אן אויפגעעגטע און גענומען צו אים רעדן. האב איך זיך געגעבן א פארקערעווע הינטער אים און בין אריינגעלאָפן אין א צווייטער שטוב, וו דאָס באָד איז טאַקע געווען. כ'האב שיר־נישט געלאָזט די נשמה פון מורא, אז דער דאָקטער זאל נישט קומען מיך זוכן.

מ'האט מיר דערלאַנגט א געשטרייפט קליידל און אן אַלטן צעריסענעם מאַנטל, א גרויסן, און מ'האט מיך געטריבן זיך שטעלן אין דער קאָלאָנע, וואָס האט געוואַרט מע זאל זי אפּטראַנספּאָרטירן קיין טאַרון. כ'בין גע־שטאַנען אין דער ריי און נאָך אַלץ געציטערט פון שרעק.

די פרויען אין דער ריי, וואָס האבן מיך געזען אָפּטון אזא שפּיצל, אזא פארברעך, האבן מיט מיר מיטגעציטערט... ווען מע כאַפּט מיך, בין איך א פארפאַלענע. נאָר מיר האט אָפּגעגליקט.

נאָכן באָדן האָט מען אונדז אָוועקגעפירט צום אַפּעל־פּלאַץ, מ׳האָט אונדז ווידעראַמאָל און אַבעראַמאָל קאָנטראָלירט. איטלעכער — לויטן נומער — געגעבן אַ שטיק ברויט אין וועג אַריין און אונדז צוגעפירט צו אַ סטאַנציע.

מ׳האָט אונדז אַלע 350 אַריינגעטריבן מיט קולות, ווי די שעפּסן, אין די עטלעכע קויטיקע וואַגאָנען, וואָס זענען געשטאַנען און אויף אונדז געוואַרט און מיר האָבן תיכף דערפילט, אַז מיר׳ן דאָ פּשוט דערשטיקט ווערן.

צוויי מעת־לעת זענען מיר אַזוי געפאָרן, שטייענדיק אויף די פיס, אָן וואַסער און אָן עסן. דאָס איינע שטיקל ברויט, וואָס מ׳האָט אונדז מיטגעגעבן, האָט געמוזט קלעקן אויף אַ גאַנצן וועג. נאָר מיר האָבן זיך געטרייסט, אַז דאָרט, וואוהין מיר פאָרן איצט, וועט זיין בעסער ווי אין שטוטהאָף, אסך בעסער.

מיר קומען אָן קיין טאָרון

אין אַ פאַרכמורעטן נאָוועמבער־טאָג זענען מיר אָנגעקומען קיין טאָרון. נאָך אַזאַ „פיינער" נסיעה האָבן מיר נאָך געמוזט גיין צופוס צען קילאָמעטער, אין רעגן און שניי, ביז מיר זענען אוונט־צייט אָנגעקומען אין לאַגער טאָרון, וווּ מיר האָבן אָנגעטראָפן נאָך אַ 500 פרויען, וואָס מ׳האָט אין יולי אַרויסגעשיקט אַהער פון ריגע אַרבעטן. זיי האָבן אַ גאַנצן זומער געאַרבעט טיף אונטער דער ערד און זיי האָבן אויסגעזען גרין און געל, ווי מתים.

צו אונדזער אומגליק האָט זיך אָבער געענדיקט די אַרבעט אין עלפטן פאַרט, פונקט דעמאָלט, ווען מיר זענען אָנגעקומען, און מ׳האָט נאָר געדאַרפט האָבן אַ 200 פרויען פון די פריערדיקע. אויפצומאָרגנס האָט מען די איבעריקע אָוועקגעפירט קיין שטוטהאָף, טאַקע מיטן אייגענעם טראַנספּאָרט, מיט וועלכן מיר זענען געקומען. די אייגענע זעלנערס, וואָס האָבן אונדז געבראַכט, האָבן זיי צוריקגעפירט.

דאָס האָט אונדז זייער פאַרביטערט, ווייל מיר האָבן דאָך געוווּסט, אויף וואָס פאַרא לייד זיי פאָרן און אַז אַזוינע פּנימער וויל מען נישט אין שטוטהאָף....

אונדזער באַגעגעניש מיטן נייעם הויפּט־שאַר־פירער

אויף איבער נאַכט האָט מען אונדז געהייסן זיך איינאָרדענען אויף דער הוילער ערד. אויפצומאָרגנס האָט אַזוי געפליוכעט, אַז ס׳איז געווען

אן עבירה א הונט ארויסצולאזן.

מ׳האט אונדז גאנץ פרי ארויסגעטריבן אין הויף אריין, באטש מיר זענען נאך געווען פון נעכטן דורכגעווייקטע. מיר האבן זיך אט־באלד גע־דארפט באגעגענען מיטן נייעם הויפט־שאר־פירער, וואס מיר האבן זיך ווענן אים אנגעהערט מוראדיקע זאכן. אז א זעץ אין קאפ אריין גייט ער קיין פרוי נישט פארביי — האט מען זיך דערציילט.

בעסער ווי אין שטוטהאף וועט אונדז דא נישט זיין, האבן מיר באלד דערזען, אבער מיר וועלן דא כאטש נישט פילן דעם קרעמאטאריע־ריח; און אבי נאר מיר וועלן ארבעטן און נישט קראנק ווערן — וועט אונדז דער גזלן נישט טשעפען.

דער ערשטער טאג איז ווי־ניט־איז אריבער, נאר די, וואס מ׳האט אין יענעם טאג אוועקגעשיקט קיין שטוטהאף אין דער קרעמאטאריע אריין, האבן אונדז נישט אפגעלאזט...

פארנאכט האט מען אונדז אריינגעיאגט אין די באראקן, די אויפ־זעערנס האבן אונדז דערביי באליים מיט קלעפ, און איטלעכע פון אונדז האט באקומען א ליידיקן שטרוי־זאק און א שטיק ברויט. מיר האבן אויסגעשפרייט די שטרוי־זעק אויף די קויטיקע דילן און איינגעשלאפן, פארמאטערטע אי פון דער נסיעה און אי פונעם שטיין א גאנצן טאג אויסגעצויגענע ווי סאלדאטן אויף א פאראד.

צומארגנס האט מען אונדז ווידער אויסגעשטעלט אין רעגן, און דער הויפט־שאר־פירער האט זיך באוויזן. אן קיין סך שהיות האט ער אונדז באפוילן, אז מיר זאלן גוט ארבעטן. די, וואס סע וועט נאר פאלן אויף זיי אפילו א מינדסטער חשד, אז זיי סאבאטאזשירן, וועט מען תיכף קריק־שיקן קיין שטוטהאף. „און וואס שטוטהאף איז, דארף מען דאך אייך נישט זאגן״ — האט ער פארענדיקט.

אויפן וועג קיין טארון האט איינע פון אונדזערע פרויען באקומען א הארץ־אטאקע און זי איז טאקע באלד געשטארבן. מיר האבן זי מקבר געווען — און אזוי האט זיך אנגעהויבן אונדזער ארבעט אין דער פאבריק אין טארון.

אין א פאבריק אין טארון

מיר האבן דא געהאט דעם אייגענעם אונטער־אפיציר ווי אין ריגע און די אייגענע לעטן, ווייל זיי זענען אלע געלאפן מיט די דייטשן. די פאבריק איז געווען א קליינע, א פראוויזארישע, צונויפגעשטעלט פון די מאשינען, וואס מ׳האט ארויסגעשיקט פון ריגע.

דער אונטער־אפיציר האט אונדז געזאגט, אז דא איז נישט ריגע, דא איז דייטשלאנד, און אז מיר געהערן צום לאגער שטוטהאף. דער עיקר, מיר זאלן זיך היטן און נישט אריינפאלן צו די ס. ס. אין די הענט אריין. ער האט געוווסט אין ריגע, אז מיר בראטן קארטאפליעס אין די מאשינען, אבער ער האט געשוויגן, ווייל דארט זענען נישט געווען קיין ס. ס.־וועכטער, נאר לעטן. דא איז אנדערש און ער הייסט אונדז זיין פארזיכטיק.

נאך אזא דרשה האבן מיר פארשטאנען, אז מיר דארפן טאקע זיין פארזיכטיק... הונגעריק זענען מיר נאך אלץ געווען, האבן מיר ווייטער געבאקן קארטאפליעס אין די מאשינען, בשעת מיר האבן געארבעט שיכטנווייז, ווי אין ריגע. איך פלעג שטיין אויף דער וואך, צי גייט נישט קיינער און כ׳פלעג ציטערן אימת־מות, מע זאל אונדז נישט כאפן.

די פאבריק איז געווען ווייט פונעם באראק און דער באראק איז נאך דערצו געווען אזוי קאלט, אז מיר האבן זיך געלייגט שלאפן אין אנטועכץ. אפט פלעגט אונדז א מלבוש אדער די האר פשוט צופרירן צום פארפרוירענעם דיל. דאס אויפשטיין אין אזא פוסטיניע איז געווען אסך שווערער ווי דאס לייגן זיך.

מיר גנבענען האלץ

ווו נעמט מען ערגעץ האלץ, אביסל איינצוהייצן? — האבן מיר זיך געבויערט די קעפ.

אין פאבריק־הויף זענען געשטאנען באראקן ליידיקע. נו, האבן מיר יעדע נאכט אפגעריסן עטלעכע ברעטער און אהיימגעבראכט, ביז מיר האבן אזוי ביסלעכווייז פארנאנדערגעגנבעט א גאנצן באראק און א צווייטן אויך. די וואך האט זיך נישט תיכף געכאפט, וואס דא טוט זיך. נאר אז ס׳איז עפעס ווי אויף אמאל געווארן ווינציקער מיט עטלעכע באראקן, האט מען אנגעהויבן נישטערן, ווער סע קען דא זיין דער גנב — און מיר האבן גוט געציטערט, דער אמת זאל נישט ארויס.

אז ס׳איז שוין געווען אוים באראקן, האבן מיר איינמאל דערזען אין דער פינצטער א וואגן, מיט רעדער און מיט א זיץ. האבן מיר די ברעטשקע פאנאנדערגענומען און זי אוועקגעשלעפט אין לאגער אריין, העט מיט די רעדער און מיט די האלאבליעס. וואלט געווען דאס פערד, וואלטן מיר עס אויך געווען אוועקגעשלעפט און זיך געמאכט א גוטן מאלצייט.

צומארגנס זענען דווקא געקומען קאמיסארן אין לאגער אריין, געזוכט, גענישטערט, נאר ס׳איז געווען פארפאלן. ס׳איז אפגעלאפן גלאטיק, ווייל

ס׳איז פשוט קיין צייט נישט געווען: ס׳איז שוין געווען יאנואר 1945, די רויטע ארמיי האט שוין געהאט פארנומען ווארשע און לאדזש.

אונדז האט דערווייל אנגעהויבן גיין א ביסעלע בעסער. מ׳האט פאר אונדז געמאכט נארעס אויף צו שלאפן און די באדינגונגען האבן זיך בכלל א ביסעלע נארמאליזירט. מיר האבן כאטש־אזוי געהאט צווישן זיך אסך טיפוס־קראנקע, נאר דער הויפט־שאר־פירער האט נישט געוווסט, אז זיי זענען אויף־אזוי־פיל קראנק. מיר האבן עס פון אים באהאלטן.

אין דער פאבריק האט מען געהייצט מיט קוילן, פלעגט פון דער פארע דאס וואסער הייס ווערן. פלעגן מיר באנאכט, בשעת דער ארבעט, זיך ארייננגנבענען אין „הייץ־רוים", זיך וואשן און אפילו אמאל אויסוואשן א שטיקל גרעט אויך. דאס איז אלץ געגאנגען בגניבה און מיט א סיס־טעם: איטלעכע נאכט פלעגן א 10-15 פרויען זיך גיין וואשן און ס׳איז געווען שא.

די נארמע איז געווען א גרויסע. פאר נישט אויספילן די נארמע האט מען געכאפט 25 שמיץ. טאמער האט זיך איינע פארזינדיקט א צווייט מאל, האט מען איר אפגעשוירן די האר און אפגעגאלט דעם קאפ. בשעת מ׳האט איינער דערלאנגט שמיץ, פלעגן מיר ליגן אויף די ברעטער און זיך פארשטאפן די אויערן, כדי נישט צו הערן איר געיאמער.

געווען ביי אונדז א לעט, מיקשאן האט ער געהייסן. איז אז ער פלעגט זיך באווייזן אין דער פאבריק, פלעגט אונדז באפאלן א פחד. ווייל נאך זיין אוועקגיין, האבן מיר געוווסט, רופט מען תמיד עמיצן ארויס צום שמייסן. ביי א מינדסטער קלייניקייט פלעגט ער סטראשן מיט קרע־מאטאריע.

מע פירט אונדז ארויס פון טארון

דעם 20־טן יאנואר האט מען אונדז פלוצים געלאזט וויסן, אז מע פירט אריבער די פאבריק טיפער קיין דייטשלאנד, ווייל די רוסן דערנענטערן זיך. די לעטן האבן זיך דערשראקן און גענומען לויפן ווי די פארסמטע מייז. אונדז האט מען 4 אזייגער באטאג אויסגעשטעלט אין רייען, ס׳איז פונקט אויף אונדזער מזל געווען אין א פראסט, מ׳האט איטלעכער פון אונדז געגעבן א ליידיקן שטרוי־זאק און א שטיקל ברויט און דער הויפט־שאר־פירע — ער האט געהייסן בלעטערשפיל — האט אונדז אנ־געזאגט, אז מע פירט אונדז איצט אין אן ארבעטס־לאגער און ווער סע

פרוווט אנטלויפן, ווערט אויפן ארט דערשאסן.

מיר האבן גענומען שפאנען. מיר זענען געגאנגען אנגעטאן לייכט, — זומערדיק, נאר מיט א דעק אויף די פלייצעס. די נאכט איז געווען א ליכטיקע, די לבנה האט געשיינט אין פנים אריין און דער פראסט איז געווארן וואס־אמאל שטארקער.

די קראנקע האבן מיר ארויפגעלייגט אויף גיך־צונויפגעקלאפטע שליטנס און זיי געשלעפט. אלע האבן געמוזט שלעפן. מיר האבן גע־שלעפט מיט די לעצטע כוחות, כאטש מ'האט אונדז אליין געדארפט שלעפן אזוי פארפרוירן זענען מיר געווען. אבער מיר האבן זיך געשראקן ארויסצווייזן שוואכקייט, ווייל די וואס האבן נישט געקענט מיטגיין, זע־נען געבליבן אויפן וועג און פארפרוירן געווארן.

וואהין מיר גייען האבן מיר נישט געוווסט. אבער פון דער באווע־גונג פון ציווילע מענטשן אויף די וועגן האבן מיר פארשטאנען, אז עפעס קומט דא פאר, אי־דאס זייער נאענט.

א שליטן מיט פארפרוירענע קראנקע האבן מיר געלאזט אונטערוועגנס אין א וואלד און ווייטער געגאנגען. אין מיין ריי איז מיט מיר געגאנגען בעלא בלומבערג פון ליבאווע, רחלע צאדאוויטש פון דווינסק און איינע א פרוי שאץ פון קאוונע. מיר האבן אלע געפילט, אז בלייבן דא אין וואלד איז אסך בעסער ווי זיך ווייטער מאטערן, אבער מיר האבן זיך איינע די אנדערע געמונטערט און נישט געלאזט אפשטיין.

פארטאג איז דער פראסט אריבער אין א ווינט און אין א שניי און ס'האט געשניטן ווי מיט מעסערס. מיר האבן שוין מער קיין כוח נישט געהאט איינע די אנדערע צו מונטערן און מיר האבן גענומען פאלן ווי די פליגן. מיר האבן אפילו שוין קיינעם נישט געפרווט אויפהייבן.

סוף־כל־סוף זענען מיר אנגעקומען צו א 2־קילעמעטער־לאנגער בריק איבער דער ווייסל — פפארדאן. אויף דער סאמע בריק האב איך דער־פילט, אז איך גיי אוים. עמיצער האט מיר געשטופט א שטיקל ברויט אין מויל אריין, נאר כ'האב פשוט נישט געקענט ס'מויל עפענען — אזוי פארקאוועט בין איך געווען. נישט איינע פון אונדז האט געהאט א וויי־טיק, וואס גראד איצט, אזוי קנאפ פאר דער באפרייאונג, מוז מען דא איינציקווייז פארפרוירן ווערן.

מ'האט מיר אזוי לאנג געריבן ס'פנים, ביז כ'האב קוים אראפגעשלונ־גען ס'שטיקל ברויט און מיר איז אביסל גרינגער געווארן.

אונדזער פינפטל אנטלויפט

אז מיר זענען אריין אין שטעטל פפארדאן האבן מיר תיכף דערזען, ווי די באפעלקערונג איז מסוכן צעמישט און דאס מיליטער לויפט ארום אן קיין שום ארדענונג. מיר האבן גוט פארשטאנען, וואס דאס באטייט: דאס באטייט פרייהייט. אבער צי וועט מען אונדז דען לאזן זען די גענארטע פרייהייט? מע וועט דאך אונדז באלד דערשיסן, אזוי ווי אלע אונדזערע נאענטסטע.

די באפעלקערונג האט אויף אונדז געקוקט ווי אויף חיות. נאר קיינער פון זיי האט אויף אונדז קיין רחמנות נישט געהאט און קיין שטיקל ברויט נישט דערלאנגט.

מ'האט אונדז אריינגעפירט אין א הויף פון א פאפיר־פאבריק און מ'האט אונדז געלאזט א האלבע שעה זיך אפרוען. מיר האבן זיך אוועקגעווארפן אויף דער ערד ווי אונטערגעהאקטע, נאר אויפשטיין איז געווען סכנת־נפשות — נאך א מארשרוט פון 53 קילעמעטער. אבער א באפעל איז א באפעל, און אט שטייען מיר שוין ווידער אויסגעשטעלט אין רייען און מיר גייען שוין ווייטער.

אונטערוועגנס האבן מיר דורכגעשניטן וועלדער און, דעם אמת זאגנדיק, האבן מיר זיך איצט, אין די לעצטע, אנטשיידנדיקע מאמענטן, זייער געשראקן פאר וועלדער... עטלעכע פרויען האבן געמאכט פליטה אויף זייטיקע וועגן, נאר די מחנה פרויען איז זיך ווייטער געגאנגען.

אין 12 קילאמעטער ארום זענען מיר אנגעקומען אין דער דייטשער שטאט בראמבערג — בידגאשטש. ס'איז געווען באנאכט, ארום 8 אזייגער — אזוי האט דער סאלדאט געזאגט. ארום אונדז האט געברענט און דאס מילטער האט אונדז גענומען יאגן אין פארשיידענע דירעקציעס און דערנאך צוריק קיין פפארדאן, ווייל מ'האט אליין נישט געוווסט, וואהין צו לויפן.

אצינד איז געווען א געלעגנהייט צו מאכן פליטה, ווייל די סומאטאכע איז געווען זייער גרויס. לעבן מיר איז געשטאנען באסיע קלינג און ציפע יערוכימאוויטש און מיר האבן זיך געעצהט. פלוצים האט רחלע צאדאוויטש דערהערט, ווי דער הויפט־שאר־פירער זאגט צו אן אויפזעערקע, אז ביזקל א האלבער שעה מוז מען פארלאזן די שטאט.

מיר האבן זיך אנגעהויבן שרעקן פאר אט־דער האלבער שעה און ס'איז ביי אונדז געבליבן, אז מע טאר זיך איצט נישט ווארפן די דייטשן אין די אויגן, נאר מע מוז זיך ראטעווען.

מע ווערט אונדז פלוצים געטריי...

אבער וואהין גייט מען? מיר הערן, ווי מע רעדט נאר פויליש, און מיר קיין פויליש קענען דאך נישט. מע טאר אבער קיין מינוט נישט פאר־לירן. כ'האב א קוק געטאן צום הימל, צום אויסגעשטערנטן, און כ'האב א זאג געטאן: „מאמינקע, העלף מיר...״ — כ'בין מיט נאך עטלעכע ארוים פון די רייען און מיר זענען אריין אין א הויף. א פאליאק האט אונדז געזאגט, אז אקעגן זענען פאראן פוסטע באראקן, וווּ מע קען זיך באהאלטן. נאר דא זענען אונדז פלוצים אקעגנגעקומען דריי מענטשן מיט די אמתע קולות. באסיע קלינג איז אנטלאפן, נאר איך מיט רחלע צא־דאוויטש זענען געבליבן שטיין.

— „וואס זוכט איר דא?״ — האבן זיי אונדז אריינגעשריגן אין פנים אריין.

כ'האב אויף דער גיך געענטפערט מיט א תירוץ, אז מיר זוכן אן אפטריט.

— „גייט אויף דער גאס״ — האט איינער פון זיי א זאג געטאן און אונדז געפרעגט, פונוואנען מיר קומען און צי מיר רעדן רוסיש. דאס האט ער שוין געזאגט מיט א ווייך, אנגענעם קול.

נו, — האב איך זיי געבעטן, זיי זאלן אונדז ראטעווען און אונדז העלפן זיך אויסבאהאלטן. האבן זיי שוין גענומען רעדן צו אונדז רוסיש, אז די רויטע ארמיי קומט מארגן און אז זיי וועלן אונדז אלע אויסבא־האלטן. זיי האבן געהייסן, אז מיר זאלן אלע אין א האלבער שעה ארום אריין אהער אין הויז אריין, ייעט מען פאר אונדז געפינען א באהעל־טעניש.

מיר זענען ארוים צונויפקלייבן די איבעריקע, אבער אז מיר זענען צוריקגעקומען האט זיך אנגעהויבן א באמבארדאמענט פון דער לופטן — זענען מיר שטיינגעבליבן ביים טויער און איבערגעווארט. אין א האלבער שעה ארום האט מען געעפנט דעם טויער, אונדז אריינגעלאזט און אונדז אנגעוויזן, ווו אריינצוגיין. מיר זענען אריין אין א פינצטערניש און גע־שטאנען מיט פארכאפטע אטעמס און זיך צוגעהערט צו די שיסערייען.

פלוצים הערן מיר ווי א טעלעפאן קלינגט און פונעם איבערגרייד פאר־שטייען מיר, אז דא רעדט זיך וועגן פרויען, וואס זענען זיך צעלאפן פון א טראנספארט און וואס מע מוז זיי אויפזוכן. דא זענען מיר ביי דער

פאליציי אין די הענט — טראכטן מיר זיך — און ווער ווייסט, וואס סע סען נאך זיין מיט אונדז.

אין דער פינצטער האבן זיך ארומגעדרייט עפעס מענער; האב איך זיך אנגענומען מיט הארץ און איינעם געפרעגט, צי מע וועט אונדז ארויסגעבן.

— „האט קיין מורא נישט, — האט ער געענטפערט — מיר וועלן אייך נאר אריבערפירן אין אן אנדער ארט, אין א קלענער צימער, ווייל אהער קען נאך טרעפן אן ס. ס.־מאן."

מיר זענען געווען זיכער, אז דאס פארנארט מען אונדז, נאר וואס לאזט זיך טון? פארפאלן.

מ'האט אונדז אריבערגעפירט אין א פינצטערן צימער, ווו מיר האבן אנגעטאפט צוויי הארטע בעטן. אויף די־א בעטן האבן מיר זיך אוועקגעזעצט און מ'האט איטלעכער פון אונדז דערלאנגט א קרושקע הייסע טיי מיט א שטיקל בייגל און מיט א שטיקל ווורשט. די הייסע, זיסע טיי האט אונדז אזוי מחיה געווען, אז מיר האבן זיך אזש צעוויינט. מיר האבן די מענער שיין געדאנקט פארן כיבוד, אבער ווען מיר דאנקען, דאס האבן מיר אייגנטלעך נישט געוווסט. וואס וועט אונדז דער מארגן ברענגען — האבן מיר זיך געגריבלט און נישט געקענט רוען — פרייהייט אדער א קויל?

פארטאג איז אריין א דייטש און געזאגט, אז ער מוז אונדז פארשליסן אויף א שלאס. 12 אזייגער וועט אהערקומען די העכערע דייטשע מאכט און דא מאכן אן אונטערזוכונג, איידער זי פארלאזט בראמבערג. ער האט אנגעזאגט, אז מיר זאלן זיך היטן און נישט ארויסקוקן דורכן פענצטער און — האט ער פארענדיקט — אז ס'וועט אייך באשערט זיין, וועט איר זיך ראטעווען. זיי האבן דא נאך 12 פרויען, אבער זיי מוזן זיי ארויסגעבן.

מיר האבן גענומען בעטן פאר די 12 פרויען און מ'האט אונדז צוגעזאגט, אז מע וועט די פרויען ארויסגעבן ערשט נאכדעם ווי די ס. ס. וועט שוין האבן פארלאזט די שטאט... דעמאלט וועלן זיי זיך קענען ראטעווען.

דאס איז געווען די דייטשע פאליציי. צו זיי האט מען עס פריער געטעלעפאנירט וועגן פרויען, וואס זענען זיך צעלאפן און וואס מ'האט געכאפט. די פאליציי האט אונדז צוליב געטאן, ווייל זי האט זיך אליין געוואלט ראטעווען... אלא טאמער ווידער קומען די דייטשן צוריק, וועט מען קענען זאגן, אז מ'האט וועגן די געכאפטע פרויען געלאזט וויסן דער ס. ס. אבער ס'איז שוין געווען צו שפעט.

פעסיע זאלצמאן

אונדזער לעבן הענגט אויף אַ וואָג־שאָל

ארום 12 אזייגער דערזעען מיר פלוצים דורך די פארפרוירענע פענצטער א כאפטע ס. ס.־מענער. מיר האבן זיך אוועקגעלייגט אויפן דיל און פאר שרעק אזש מורא געהאט צו אטעמען. מיר האבן אלעמאל געווארפן א בליק אין הדרויסן ארויס. די ס. ס.־לייט האבן זיך געפאקט אויף אן אויטא. דא האט זיך געעפנט די טיר און א פרוי איז אריין, א פאליאטשקע, און אונדז געזען, ווי מיר ליגן אויסגעלייגטע אויפן דיל. ס'איז ביי אונדז קיין ספק נישט געווען, אז זי וועט אונדז איצט ארויסגעבן. כ'האב איר גענ־מען קושן די הענט און גענומען זי בעטן מיט טרערן אין די אויגן, אז זי זאל אויף אונדז רחמנות האבן. די טרערן מיינע און ס'ביסל צעבראכן פויליש מיינס האבן געהאט א פעולה: זי האט געזאגט, אז זי דארף נאר נעמען א בענקל און זי וועט אונדז קיין שלעכטס נישט טון. ביי איר אין קעלער ליגן אויך באהאלטן צוויי פרויען מיט אזוינע געשטרייפטע קליידער, ווי מיר טראגן. זי האט צוגעזאגט קומען צו אונדז אזוי ניך ווי די דייטשן וועלן פארלאזן די שטאט און זי האט אונדז געהייסן זיין זייער שטיל, ווייל באלד גייט די ס. ס. זוכן איבער די צימערן.

מיר זענען געלעגן אין איין פחד און ממש געציילט די מינוטן צו דער באפרייונג. פון אזויפיל אנגעצויגנקייט האבן מיר זיך בשום אופן נישט געקענט אויסמאלן, וויאזוי די באפרייונג וועט עס אויסזען. דער־ווייל הערן מיר טאקע, ווי די רוצחישע קולות דערנעענטערן זיך אלץ און אט שטייען זיי שוין ביי אונדזערע טירן. מיר האבן ממש איינגעהאלטן די אטעמס און ווען סע זאל אזוי געווען אנהאלטן עטלעכע מינוט, וואלטן מיר עס נישט געווען אריבערגעטראגן. נאר איינער פון אונדזערע „ראַ־טעווערס" — האבן מיר געהערט — האט געזאגט די דייטשן, אז דער צימער איז שוין א האלב יאר נישט געהייצט און אז ס'איז דארט קיינער נישטא. עמיצער האט אפילו א ריר געטאן ס'הענטל פון דער טיר — און מיר זענען שיר־נישט געשטארבן פון שרעק — נאר מ'איז ארוים צוריק אין הויף, ארויף אויף די אויטאס און מ'איז אוועקגעפארן.

מיר האבן ארויסגעקוקט און געזען, ווי מע פירט אונדזערע 12 פרויען און מיר זענען געווען זיכער, אז מע פירט זיי דערשיסן. אבער ס'האט זיך ארויסגעוויזן, אז מ'האט זיי נאר אוועקגעפירט צו א פאליציאנט, וואס ער איז אין די לעצטע מינוטן געווארן א „יידן־פריינט" — לויט מ'האט אונדז נאך דער באפרייונג דערציילט — און ער האט זיי באהאלטן, אט

ווי מ'האט אונדז באהאלטן. די באהאלטערס און די „פריינט" זענען נישט געווען קיין דייטשן, נאר פאליאקן, וואס האבן געדינט ביי די דייטשן און וואס זיי האבן זיך איצט געוואלט רעהאביליטירן, ווייל מ'האט געוואלט האבן עדות, אז מ'איז געווען גוט און פרום. מיט א חודש פריער וואלטן זיי אונדז זיכער געווען „באגראבן".

מיר ליגן אין געהאקטע ווונדן

דערווייל איז געווארן נאכט. מיר זענען זיך געלעגן אין קאלטן צי־מער פארפרוירענע, הונגעריקע און אזש געווײנט פון פחד, פון אנגע־צווינגנקייט און פון . . . ווילטאג.

פלוצים דערהערן מיר א קלאפ אין פענצטער און באלד דערנאך טאקע עפנט זיך די טיר און סע קומט אריין איינער אין ציווילע קליידער. מ'עט באלד אויפרייסן, זאגט ער, די בריק פפארדאו, אבער מיר זאלן זיך נישט שרעקן. ער'ט דא בלייבן מיט אונדז ביז צו דער באפרייונג. ער איז א פאליאק. ער האט געדינט ביי דער פאליציי, אבער נישט ווי א פאלי־ציסט, נאר בלויז ווי א פארטיע...

ס'איז אונדז א קאפעלע גרינגער געווארן אויף די הערצער. ווער ווייסט? אפשר וועט פון אים זיין די ישועה? אגב האט ער געבראכט א פלאש קאווע און ברויט — האבן מיר זיך אביסל דערכאפט די נשמות. ער האט אונדז געעצהט אריבערגיין אין א דערבייאיקן צימער, האבן מיר אים געפאלגט. דא האבן מיר כאטש געפונען עטלעכע דעקעס, האבן מיר זיך אוועקגעלייגט אויפן דיל און געוואלט שלאפן. נאר ווער האט געקענט שלאפן? זענען מיר געלעגן א גאנצע נאכט און זיך איינגעהערט.

אויפצומארגנס, דינסטיק, איז שוין דער פראנט געווען נאך נעענטער און מ'האט שוין ממש געשאסן איבער אונדזערע קעפ. מיר האבן זיך געריכט, אז אט־אט טרעפט אונדז א באמבע און צעפליקט אונדז אלעמען. מיר האבן געפילט, אז סע ברענט ארום אונדז. דאס האבן די דייטשן אונטערגעצונדן די בנינים, וואס זיי האבן פארלאזט. זיי ווארפן האנט־גראנאטן — האט אונדז דער פאליאק אויפגעקלערט.

דערווייל איז אריבער נאך א נאכט און ס'איז שוין מיטוואך. מיר ליגן און הערן זיך איין. קיין ברויט האבן מיר שוין נישט. מיר זענען 5 פרויען און איין פאליאק וואס, אויב מע וועט אונדז באפרייען, וויל ער, מיר זאלן עדות זאגן, אז ער האט אונדז געהאלפן... ער איז א באפ־טיסט, ער גלייבט אין שבת... בראמבערג, זאגט ער, האט שוין 6 יאר

קיין יידן נישט געזען (ווייל איר האָט זיי באַגראָבן — האָב איך מיר בשעת־מעשה געטראַכט). איצט, זאָגט ער, וועט מען פּטור ווערן פון די מערדער.

ער איז געזעסן און געבעבעט און אונדז האָט זיך געוואָלט אים צע־רייסן אויף שטיקער. אָבער מיר זענען דאָך נאָך דערווייל געפּענטעט. די שיסעריי נעמט נישט קיין סוף און ווער ווייסט, וואָס דער סוף וועט נאָך זיין מיט אונדז.

מיטוואָך באַנאַכט דערהערן מיר אין הויף עפּעס אַ גערודער. די טיר עפנט זיך און סע באַווייזט זיך די פּאָליאַטשקע: מיר זאָלן אַראָפּגיין אין קעלער צו די פּאָליאַקן און דייטשן, וואָס באַהאַלטן זיך דאָרט. די רוסן זענען שוין אין אַ טייל שטאָט.

אין קעלער האָבן מיר געטראָפן גאַנצע משפחות דייטשן און פּאָ־ליאַקן, מיט פּיצלעך קינדער, מיט בעבעכעס און מיט פּראָוויאַנט. ווי־נאָר מ'האָט אונדז געזען אַריינגעמען, האָט מען אונדז פון אַלע זייטן גענומען אָקעגנטראָגן עסנוואַרג... אָבער איטלעכעס שטיקל ברויט מיט ווורשט האָט געבריט אין די פינגער. 6 יאָר האָבן זיי זיך געבאָדן אין אונדזער פּיין און אין אונדזער בלוט — אָט־די פיינע לייט... איצט האָבן מיר זיי געהאַט אין דער ערד, מיר האָבן זיך באַלד אויפגעהויבן און זענען צוריק אַריין אין אונדזער פריערדיקן צימער.

דער טויט קוקט צו אונדז אַריין

די פּאָליאַטשקע האָט נאָך באַוויזן אונדז ווידער צו פאַרמאַכן, אָבער נישט מער אויפן שלאָס — ווי מיר האָבן פּלוצים דערהערט עטלעכע שווע־רע טריט און עמיצער האָט מיט כעס און מיט אַ „דאַנער־וועטער" אַן עפן געטאָן אַביסל די טיר אונדזערע, אַריין, געגעבן אַ כאַפּ אַ שטול און איז צוריק אַרויס. דאָס איז אונדזער סוף, האָבן מיר אויף אַ רגע געמיינט. נאָר מ'האָט אונדז נישט דערזען. דער סאָלדאַט האָט געדאַרפט האָבן דעם שטול, כדי אָוועקצושטעלן דערויף זיין מאַשין־געווער. ער האָט טאַקע דאָס מאַשין־געווער מאָנטירט האַרט לעבן אונדזערס אַ פענצטער און גע־נומען שיסן. ער האָט געשאָסן אויף די רוסן, זיי — אויף אים. איטלעכס „וואָרט" פון אָט־דעם „דיאַלאָג" האָט מיט אונדז אַ וואָרף געטאָן.

בראָמבערג איז אַ שטאָט מיט קאַנאַלן און איז אַרומגערינגלט מיט קאַנאַלן. האָט דערפאַר די רוסן גענומען צייט, ביז זיי האָבן זי גענומען.

מע פלעגט שטיין איינער אויף איין זייט קאנאל און דער צווייטער — אויף דער צווייטער זייט און מע פלעגט זיך ראנגלען.

אזוי איז אריבער די נאכט פון מיטוואך אויף דאנערשטיק. מיר זענען געלעגן און זיך איינגעהערט מיט פארכאפטע אטעמס, ווי אויף יעדן „אונדזערן" א שאס קומט אן ענטפער פון די רוסן און דאס אייגענע פארקערט.

דאנערשטיק האבן גענומען איינפאלן די ווענט פון אונדזער באהעל־טעניש. אינמיטן טאג האט א באמבע א זעץ געטאן אין א דערבייאיקן צימער, ווו ס'איז געשטאנען א פיאנא. די קלאווישן האבן ספאנטאן גע־געבן א שפיל־אויס עפעס אזא מין גראטעסקן מאטיוו, וואס ער איז נישט צו באשרייבן, נאר ער איז אריבער איבער אונדזערע נערוון אזויווי א שטומפיק מעסער. מיר ליגן ווייטער און ציטערן, דעם סאלדאט זאל זיך נישט פארוועלן א קוק טון, וואס אין צימער הינטער אים טוט זיך.

קענען נאכט צו האבן מיר ארויספארשטאנען פון די שיסערייען, אז די רוסן זענען שוין גאר נאענט פון אונדז. אויף די ווענט האבן מיר געזען אן אפשיין פון פייער און ס'האט זיך געהערט רויעך. די שיסערייען זענען געווארן שטילער און שטילער. פלוצים דערהערן מיר פונדערווייטנס א מעטאלענע מעלאדיע: דין־דין־דין . . . דער פאליאק, א געוועזענער סאל־דאט זאגט אונדז אין דער שטיל, אז דאס זענען רוסישע טאנקען. מיר האבן געוואלט אז די מעלאדיע זאל גארנישט אויפהערן. טאמער האט זי זיך אויף א מינוט אפגעשטעלט, האט זיך אין אונדז ס'הארץ שיר־נישט אפגעריסן. דער רויש פון די טאנקען האט ממש דערקוויקט אונדזערע פארמאטערטע הערצער.

דערלעבט די פרייהייט!

די נאכט פון דאנערשטיק אויף פרייטיק האבן מיר ווידער קיין אויג נישט צוגעמאכט. ארום 10 אזייגער האט אונדז די פאליאטשקע בא־פרייט. זי איז אריין צו אונדז מיט נאך עטלעכע פאליאקן, זיי האבן אונדז געבראכט וויין, אונדז גראטולירט און גענומען אונדז קושן.

מיר האבן זיך צוגעכאפט צום וויין, ווייל מיר זענען געווען אזוי אפ־געשוואכט, אז מיר האבן אזש נישט געקענט אויפהייבן פונעם דיל. צו דער באפרייונג, אין הויף אריין, האט מען אונדז געמוזט פירן, אזויווי קליינע קינדער.

אין הויף איז מיין ערשטער איינדרוק געווען: דאס איז גאר?

מיר זענען טאקע פריי? וואס'זשע, אויס נומער 94771? אויס וואד ביי דער זייט, מיט ביקסן אויסגעשטרעקטע צו אונדז?

און דא דערזעען מיר גאר, אז אונדזער צימער איז דער איינציקער, וואס איז געבליבן גאנץ, אלע איבעריקע זענען חרב, פארברענט. ווער'זשע האט אונדז געהיט אין די־א לעצטע פינף טעג און טאקע די גאנצע צייט — גאט? איז נאך דא א גאט אויף דער וועלט? אויב יא, וואס'זשע האט ער אונדז געלאזט אזוי אויספייניקן און אויסקוילען? צוליב וואס איצטער נסים?...

מיט אזוינע טראכטענישן האב איך געשפאנט אין שניי צו דער פאליאטשקעס דירה און באלד איז מיר ארויף אויפן זינען מיין ברודער אהרן

צי לעבט ער נאך און צי וועל איך אים נאך זוכה זיין צו זען? און צי וועל איך נאך דערלעבן צו דערציילן אלץ, וואס כ'האב איבערגעליטן, מיין שוועסטער אין קאנאדע אדער מיין ברודער אין ארץ־ישראל?

כ'האב זיך קוים א לעבעדיקע ארויפגעדראפעט אויפן פינפטן עטאזש, וווּ די פאליאטשקע האט פאר אונדזערט וועגן צוגעגרייט א מאלצייט מיט פלייש און מיט כל־טוב, וואס זי האט אנגעראבירט אין די קראמען, אין דייטשע קראמען, פונקט ווי זי האט מסתמא מיט א שטיקל צייט צוריק געראבעוועט יידישע קראמען. איצט האט זי אונדז פיין אויפגענומען. נאר ס'איז באלד אריין א מיליציאנער, א „פריינט" אונדזערער, פריער מסתמא א פאשיסט, און געבראכט שיך פאר אונדז פרויען.

און באלד נאך אים איז אריין א גרופע רוסן און אונדז געזאגט, אז מיר מעגן גיין ראבירן די דייטשע דירות, אט־אזוי ווי מ'האט אונדז ראבירט. „זייט זיך נוקם" — האבן זיי געטענהט.

אוודאי האבן מיר זיך געוואלט נוקם זיין אין אונדזערע איצטיקע „פריינט" אין די ליטווינער, די לעטן און די דייטשן. נאר מיר זענען געווען הונגעריק, אויסגעמאטערט און פארלייזיקט. זענען מיר אריין אין די איבערגעלאזטע הייזער און נאר גענומען קליידער און וועש, כדי פון זיך אראפצווארפן די געשטרייפטע שקלאפן־קליידער, די עדות פון אונדזער פיין און פון אונדזער אומקום. כ'האב געפונען א ברוין קליידל, א העמד, און א פאר זאקן. כ'האב אלץ אנגעטאן און בין ארויס אויף דער פריי. נאר דאס הארץ האט אין מיר געשריגן: „מיט וועמען בין איך אויף דער פריי? איינע אליין. וואוהין גייט מען איצט — צוריק אין בלוט־לאנד? באין־אופן נישט! בלייבן דא, אין א פרעמד לאנד, אן א שפראך און אן א מלאכה? ווי וועל איך דא קענען לעבן איינע אליין? און פאר־

העפטלינג נומער 94771

וואס, גאָט מיינער, בין איך די אויסדערוויילטע פון אונדזער גאנצער משפּחה?

דער פּאָליאַק האָט אונדז גענומען צו זיך אויף אַ וואָך, דערנאָך בין איך אוועק ארבעטן, וואָשן וועש פאר די געקומענע מענער פון די לאגערן און פון סאָוועט־רוסלאנד — אַבי נישט דאַרפן אַנקומען צו קיין מענטשן. ס'איז דערווייל נאָכנישט געווען קיין סך בעסער ווי ביים דייטש, אָבער מיר זענען פאַרט געווען פריי, מיר האָבן שוין געהאַט אַ נאָמען, נישט קיין נומער פאר אַ נאָמען, און קיין ביקסן זענען שוין מערנישט געווען אויסגעשטרעקט צו אונדז.

ס'איז טאַקע געווען די פריי, אָבער אַ שווערע און אַ ביטערע. כ'האָב דערפאר גענומען טראַכטן וועגן אַפּזוכן מיינע נאָענטע אויף יענער זייט ים און וועגן פאָרן אהין צו זיי.

22. 6. 1941 — 25. 1. 1945